STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04154

TEVYE DER MILKHIKER

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

שלום-
עליכם.



טעוויע
דער מילכיקער

שאָלעם־אלייכעם

טעוויע דער מילכיקער

די ביבליאָגראפישע פארצייכענונג פונעם בוך און די שיפערן פאר ביבליאָטעק-קאטאלאָגן זיינען אָפגע-דרוקט אין „צייטשריפט פון דרוק“ און אין דעם „קארטן־רעפערטואר“ פון דער אוקראינישער ביכער-פאלאטע.

מעלוכע - טרעסט „קיעוו - דרוק“,
2 דרוקעריי, וואָראָווסקי-גאס 42.
באשט. 4099 געדרוקט — 3000.
27 דרוק-בויגן. קרייזליט 1284.

א בוידעם

רבות מחשבות בלב איש [1] — אזוי, דאכט זיך, שטייט בא אונדז געשריבן אין דער הייליקער טוירע? פארטײַטשן דעם פּאָסעק באדארף איך אײַך ניט, רעב שאָלעם־אלייכעם, — נאָר בעלאָשן אשקענאז גערעדט, דאָס הייסט אף פּראָסט יידיש איז דאָ א ווערטל: „דאָס בעסטע פערד באדארף האָבן א בײַטש, דער קליגסטער מענטש — אן אייצע". אקעגן וואָס זאָג איך עס, הייסט דאָס? אקעגן זיך אליין טאקע, וואָרום ווען איך האָב סייכל און קום ארײַן צו א גוטן פרײַנט און דערצייל אים דאָס און דאָס, אזוי און אזוי, וואָלט איך געוויס ניט געהאט אזא מיעסן פּסאק. נאָר וואָס דען? החיים והמות ביד הלשון [2] — אז גאָט וויל שטראָפן א מענטשן, נעמט דאָס אָפּ בא אים דעם סייכל.

איך טראכט מיר צו זיך אליין וויפל מאָל: „בארעכן נאָר, טעוויע, דו פערד איינער, ביסט דאָך עפּעס, זאָגט מען, יאָ ניט קיין נאר, — ווי קומסטו זיך לאָזן פירן אין באָד ארײַן, און נאָך אזוי נאריש? וואָס וואָלט דיר אָפּגעגאנגען אצינדערט־אָ, לעמאָשל, בא דײַן שטיקעלע פּארנאָסע, קענענאָרע, מיט דײַן ביסל מילכיקס, וואָס האָט אזא שעם אף דער וועלט, כ'לעבן, אומעטום — אין בויבעריק, אין יעהופּעץ, און ווו ניט? ווי פײַן און ווי זיס וואָלט דאָס געווען איצטערט־אָ, ווען די קלינגערס, אשטייגער, ליגן זיך שטילערהייט אין קאסטן, ווײַט באגראָבן, קיין בען־אָדעם ווייסט דערפון, וואָרום וועמען גייט דאָס אָן, איך בעט אײַך, צי טעוויע האָט געלט צי ניין? איך מיין טאקע בעעמעס, אסאך האָט זיך די וועלט אינטערעסירט מיט אים, אז ער איז געלעגן, ניט הײַנט געדאכט, ניט פאר קיין יידן געדאכט, נײַן איילן אין דער ערד,

געשטאָרבן דרײַ מאָל א טאָג פון הונגער מיט ווײַב און קינדער? ערשט נאָכדעם, אז גאָט האָט זיך ארומגעקוקט אף טעוויען, אים באגליקט מיטאמאָל, און ער האָט זיך קאם־קאם דערשלאָגן צו א שטיקל טאכלעס, אָנגעהויבן אָפּלייגן א קערבל, איז מיט אים געוואָרן פול די וועלט, און טעוויע איז שוין געוואָרן „רעב טעוויע“, גאָר א קאטאָוועס אביסל! עס האָבן זיך שוין ארויס־באוויזן גוטע פרײַנט אסאך, ווי אין פּאָסעק שטייט געשריבן: אז גאָט גיט מיטן לעפל, גיבן לײַטן מיטן שעפל. איטלעכער באזונ־דער קומט צו גיין מיט זײַנעם: דער זאָגט א שניט־קראָם, דער — א באקאליי, דער זאָגט א שטוב, א נאכלע, אן אייביק געווער, דער קומט צו גיין — ווייץ, דער — וואלד, דער — טאָרגעס... ברי־דערלעך! — זאָג איך. - טשעפּעט זיך אָפּ! איר האָט, זאָג איך, א ווילדן טאָעס; איר מיינט, אפּאָנעם, איך בין בראָדסקי? לאָמיר דאָס אלע פארמאָגן, זאָג איך, וואָס איך האָב ווינציקער פון שין קארבן, און אפילע פון רייש, און אפילע פון קאן [3], יענעמס גוטס, זאָג איך, איז גרינג צו שאצן; יעדן דאכט זיך, אז יענעמס לײַכט זיך, — קומט צו נאָענט, איז דאָס א מעשן קנעפּל.

בעקיצער, ניט געדאכט זאָלן זיי ווערן, טאקע אונדזערע ייִדעלעך, מיין איך, מע האָט מיר א גוט אויג געגעבן! א קאָרעוו האָט מיר גאָט צוגעשיקט, עפּעס א שמעלקע, ווייס איך: מײַן פערדס בײַטשס שטעקעלע, ווי מע זאָגט. מענאכעם־מענדל הייסט ער, א פליִער, א ברעכער, א לויפער, א דרייער, א נעכטיקער טאָג, אף קיין גוט אָרט זאָל ער ניט שטיין! ער האָט מיך דער־טאפּט און פארדרייט מיר מײַן קאָפּ מיט כאלוימעס, ניט געשטויגן, ניט געפלויגן.

וועט איר דאָך פרעגן: מא נישטאנע — ווי קום איך, טעוויע, צו מענאכעם־מענדלען? וועל איך אײַך דערויף ענטפערן א טערעץ: עבדים היינו! [4]) — ס'איז אזוי באשערט. הערט א מײַסע:

איך קום צו פאָרן קיין יעהופּעץ, טכילעס ווינטער, מיט מײַן ביסל מילכיקס — א פונט עטלעכע און צוואנציק פּוטער פרישע פון פּוטערלאנד, מיט א פּאָר שיינע וואָרעטשקעס קעז, גאָלד און זילבער, לאָמיר זיך ביידע ווינטשן אזא יאָר; דאָס פארשטייט איר דאָך שוין אליין, אז איך האָב מײַן סכוירע פארצוקערט, ניט

געלאָזט זיך א לעק, איר זאָלט זאָגן, א רעפוע, קיין צייַט געהאט אפילע צו זייַן בא אלע מייַנע זומערדיקע קונים, די בויבעריקער דאטשניקעס, וואָס קוקן ארויס אף מיר, ווי אף מאָשיַעכן, — וואָרום אזוי לאנג שמייַסט מען זיי, אייַערע יעהופעצער סאָכרים, מיין איך, ווי זיי קאָנען גאָר געבן אזא שטיקל סכוירע, ווי טעוויע גיט, אייַך באדארף איך ניט דערציילן. ווי זאָגט דער נאָווי: יהללך זר [5] — גוטע סכוירע לויבט זיך אליין...

בעקיצער, אויספארקויפט אינגאנצן אד לעפאק [6] און אונטער־געוואָרפן מייַן פערדל אביסל היי, גיי איך מיר ארום אין שטאָט· אדם יסודו מעפר [7] — מע איז דאָך ניט מער ווי א מענטש, גלוסט זיך אָנקוקן א וועלט, כאפן לופט, זען די אנטיקלעך, וואָס יעהופעץ שטעלט ארויס אין די פענצטער, ווי איינער רעדט: מיט די אויגן נא, זע, קוק, וויפל דו ווילסט, נאָר מיט די הענט — אזאס !..

שטייענדיק אזוי בא א גרויסן פענצטער מיט האלבע פריַאלן [8] און קערבלעך זילבערנע אסאך מיט באנקאָווע בילעטן און מיט גלאט סיגנאציעס אָן א שיר, טראכט איך מיר בעשאס־מייַסע: ריבוינעשעלוילעם! ווען איך פארמאָג כאָטש א צענטכיילעק, וואָס אָט־דאָס־אָ באטרעפט, וואָס וואָלט איך דעמאָלט געהאט צו גאָט, און ווער וואָלט צו מיר געווען גלייַך? ריישיס כאָכמע, וואָלט איך א שידעך געטון מיט מייַן עלטערער טאָכטער, געגעבן איר ת״ק [3] קארבוצן נאדן, אכוץ קאלע־מאטאָנעס, אכוץ האלבאָשע מיט כאסענע־הויצאָעס. דאָס פערד און וועגעלע מיט מייַנע בעהיי־מעלעך וואָלט איך פארקויפט, באלד ארויסגעפאָרן אין שטאָט אריַין, געקויפט אן אָרט אין מיזרעך־וואנט, מייַן ווייַב, זאָל לעבן, אביסל פערל און צדאָקע צעטיילט, ווי דער שענסטער באלעבאָס; געזעען, דאָס בעסמעדרעש זאָל זייַן געדעקט מיט אייַזן, ניט עס זאָל שטיין, ווי איצט, אָן א דאך, גרייט אלע שאָ אף אייַנצור־פאלן; אייַנגעפירט א שטיקל טאלמעטוירע אין שטאָט מיט א ביקער־כוילים, ווי אין אלע לייַטישע שטעט, ניט אָרעמעלייַט זאָלן זיך וואלגערן אף דער הוילער ערד אין בעסמעדרעש. יאנקל שייגעץ וואָלט בא מיר באלד געוואָרן אויס גאבע אין כעוורע־קאדישע, געגוג שוין טרינקען בראָנפן און עסן פופקעס מיט לעבערלעך אף קאָהאָלס כעשבן!..

— שאָלעם־אַלייכעם, רעב טעוויע, — העך איך עמעצער זאָגט מיר פונהינטן. — וואָס מאכט א ייד? — איך דריי מיך אויס און טו א קוק, איך וואָלט געמעגט שווערן — א באקאנטער! —„אַלייכעם שאָלעם, —זאָג איך, פונוואַנען איז א ייד״? —פונוואנען? פון קאסרילעווקע, —מאכט ער צו מיר, —טאקע אייערס א פריינטל, דאָס הייסט, איך קער מיך אָן, זאָגט ער, מיט אייך א שייני בישלישי. אייער ווייב גאָלדע, זאָגט ער, איז מיר אן אייגן גליד־גליד־שוועסטערקינד. —„שאט־זשע נאָר, —זאָג איך, —זענט איר עפשער ניט באָרוך־הערש לייע־דוואָסיס אן איידעם?״ — קימאט ווי געטראָפן, — מאכט ער צו מיר, — איך בין באָרוך-הערש לייע־דוואָסיס אן איידעם. און מיין ווייב הייסט שיינע־שיינדל באָרוך־הערש לייע־דוואָסיס, היינט ווייסט איר שוין? — „שאט־זשע נאָר, — זאָג איך, — אייער שווי־גערס באָבע, סאָרע־יענטע, מיט מיין ווייבס מומע, פרומע־זלאטע, זענען, דאכט זיך, געווען אויב ניט קיין אייגענע געשוועסטער־קינדער, און אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, זענט איר דער מיטלסטער איידעם בא באָרוך־הערש לייע־דוואָסיס, נאָר וואָס דען, איך האָב פארגעסן, ווי מע רופט אייך. אייער נאָמען, זאָג איך, איז בא מיר ארויסגעפלויגן פונעם קאָפּ. מה שמכם? ווי אזוי איז אייער עמעסער נאָמען?״ — מיך, זאָגט ער, רופט מען מענאכעם־מענדל באָרוך־הערש לייע־דוואָסיס, אזוי רופט מען מיך אינדערהיים אין קאסרילעווקע. —„אויב אזוי, מיין ליבער מענאכעם־מענדל, — מאך איך צו אים, — קומט דאָך דיר טאקע שאָלעם־אַלייכעם גאָר אף אן אנדער אויפן! זאָג־זשע מיר, מיין טייערער מענאכעם־מענדל, וואָס טוסטו דאָ, וואָס מאכט די שוויגער דיינע און דער שווער, זאָל לעבן? ווי גייט דאָס דיר, זאָג איך, אין געזונט, און וואָס מאכן עפּעס דיינע געשעפטן?״ — עט, — מאכט ער, — אין געזונט — גאָט צו דאנקען, מע לעבט; נאָר די געשעפטן, — זאָגט ער, — זיינען היינט ניט אזוי פויגלדיק. —„גאָט וועט העלפן״. — און כאפּ א קוק אף זיינע מאלבושים נעבעך: אויסגעטריפעט אין אסאך ערטער, און די שטיוול, מעכילע, צעטרענט סאקאָנעס נעפּאָשעס... — נישקאָשע, גאָט, זאָג איך, וועט העלפן. עס וועט זיך מיסטאמע פארבעסערן, ווי אין פּאָסעק שטייט: הכל הבל[9]. געלט, זאָג איך, איז קיילעכיק — היינט אזוי, מאָרגן אזוי,

אבי מע לעבט; דעריקער, זאָג איך, איז ביטאָכן, א ייִד באַדאַרף האָפן; איי, מע ווערט, זאָג איך, פארשוואַרצט? דערוף זיינען מיר דאָך עפעס ייִדן אף דער וועלט, ווי זאָגט מען: ביסטו א זעלנער, שמעק פולווער. משל כחרס הנשבר [10] — די גאַנצע וועלט, זאָג איך, איז א כאָלעם... דו זאָג מיר בעסער, מענאַכעם־מענדל סערדצע, ווי קומסטו אהער פּלוצים אינמיטן דערינען אין יעהופּעץ גאָר? — וואָס הייסט, מאכט ער, ווי איך קום אהער? איך בין שוין הי, זאָגט ער, פאַוואָלינקע, אַזוי גרויס, ווי א יאָר אַנדער־האַלבן. — „אַזוי גאָר? ביסטו, הייסט דאָס, א היגער, זאָג איך, טאַקע, א יעהופּעצער טוישעוו?" — ש־ש־ש! — מאכט ער צו מיר און קוקט זיך אַרום אף אַלע זייטן. — שרייַט ניט אַזוי הויך, רעבּ טעוויע, א היגער, זאָגט ער, בין איך טאקע, נאָר צווישן אונדז, זאָגט ער, באַדאַרף עס בלייַבן... — איך שטיי און קוק אים אָן טאַקע גאָר ווי א מעשוגענעם. — „ביסט א בוירייעך" [11], זאָג איך, באַהאַלסט זיך אין יעהופּעץ אינמיטן מארק?" — פרעגט ניט, זאָגט ער, רעבּ טעוויע, ס'איז רעכט; איר זענט, אפּאָנעם, גאָרניט באַ־קאַנט מיט די יעהופּעצער דינים און מינהאָגים... קומט, זאָגט ער, וועל איך אייַך דערציילן, וועט איר פארשטיין, וואָס הייסט מען איז יאָ א היגער און ניט קיין היגער...

און ער האָט מיר אָנגעהויבן לייענען א צעטל, א גאַנצע מע־גילע, ווי אַזוי מע ווערט דאָ אביסל אויסגעדריסן... „אָט פאָלג מיך, מענאַכעם־מענדל, פאָר זיך דורך צו מיר אין דאָרף אף א טאָג, וועסט זיך אביסל אויסרוען די בּיינער כאָטש; וועסט זיין,— זאָג איך,— א גאַסט, און אן אָנגעלייגטער דערצו. מייַן אַלטע וועט זיך מיט דיר מעכייַע זיין".

בעקיצער, איך האָב בא אים געפּוילט: מיר פאָרן אינייַנעם. געקומען אהיים — א געדולע! א גאַסט. אן אייגן גליד־גליד־גע־שוועסטערקינד! א קלייניקייַט, ווי זאָגט איר: אייגנס איז ניט פרעמדס. עס האָט זיך אָנגעהויבן א כאַסענע: וואָס הערט זיך אין קאַסרילעווקע? וואָס מאכט דער פעטער בּאָרוך־הערש? וואָס טוט די מומע לייע־דוואָסי? דער פעטער יאָסל־מענאַשע? די מומע דאָבּריש? און די קינדער זייערע וואָס מאכן? ווער איז געשטאָרבן? ווער האָט כאַסענע געהאַט? ווער האָט זיך געגעט? ווער איז

געלעגן געוואָרן און ווער איז אף דער צײַט? „וואָס טויג דיר, מײַן ווײַב, פרעמדע כאסענעס, זאָג איך, מיט פרעמדע בריסן? דו זע בעסער, זאָג איך, ס׳זאָל זײַן וואָס צו נעמען אין מויל ארײַן. כל דכפין ייתי ויצרך [12] — פארן עסן, זאָג איך, גייט קיין טאנץ ניט. אויב, זאָג איך, א באָרשטש, איז מאטיווו, עלע ניט — מאכט ניט אויס, זאָג איך, קנישעס, אָדער קרעפּלעך, מאנשקעס, צאָרעס־קניידלעך, צי עפשער גאָר, זאָג איך, בלינצעס, ווערטליקעס, ווערטוטן. עס מעג זײַן, זאָג איך, מער מיט א געריכט, אבי גיך״.

בעקיצער, מע האָט זיך געוואשן און גאנץ פײַן פארביסן, ווי זאָגט איר: ויאכלו — מאכט ראשע [13]: ווי גאָט האָט געבאָטן. „פארבײַס, מענאכעם־מענדל, מאך איך צו אים, ס׳איז בעמיילע, ווי זאָגט דאָוויד האמעלעך, העוול האוואָלים, א נארישע וועלט און א פאלשע, און געזונט, אזוי פלעגט זאָגן מײַן באבע נעכאמע זייכער ליוורָאכע, — געוועזן א קלוגע יידענע, א כאכאָמע ניפלאָע — געזונט און פארגעניגן זאָל מען זוכן אין שיסל״...

מײַן גאסט נעבעך, די הענט האָבן אים אזש געציטערט, האָט זיך גאָרניט געקאָנט אָפּלויבן פון מײַן ווײַבס מעלאָכע, געשוואָרן בא אלדעס גוטס, אז ער געדענקט שוין גאָרניט די צײַט, ווען ער זאָל עסן אזא מילכיקס, אזעלכע געראָטענע קנישעס מיט אזעלכע באטאמטע ווערטוטן.

„נארישקײַט, — זאָג איך, — דו זאָלסט פארזוכן, מענאכעם־מענדל, איר טייגעכץ, זאָג איך, אָדער א מאהינע, וואָס זי מאכט, וואָלסטו דעמאָלט ערשט געוווסט, וואָס הייסט טאם גאניידן אף דער וועלט!״

בעקיצער, אָפּגעגעסן און אָפּגעבענטשט, האָט מען זיך אביסל צערעדט איטלעכער פון זײַנעם, ווי געווײַנטלעך, איך — פון מײַנע געשעפטן, ער — פון זײַנע; איך — פון דעם, פון יענעם, לאָקש, בוידעם, ציבעלע, ער — פון זײַנע געשעפטן, דערציילט מײַסעס פון אדעס און פון יעהופּעץ, ווי אזוי ער איז שוין געוועזן אמאָל צען, ווי זאָגט מען, „נא קאָני און פיד קאָנעם״, הײַנט א נאָגיד און מאָרגן א קאפּצן און ווײַטער אמאָל א נאָגיד און ווידעראמאָל אן עוויען. געהאנדלט מיסכאָרים עפּעס אלץ אזעלכע, וואָס איך

האָב אין מײַן לעבן ניט געהערט, מעשונע־אומגעלומפּערטע: „האָס" און „בעס", און „אקציעס־שמאקציעס", „פּאָטיווילעוו", „מאלצעוו־שמאלצעוו" [14], דער גוטער יאָר ווייסט זיי דאָרטן, און כעשבוינעס מעשוגענערוויַיז, — צען טויזנט, צוואנציק טויזנט — געלט ווי האָלץ!

„איך זאָג דיר דעם עמעס, מענאכעם־מענדל, זאָג איך צו אים, מיילע דאָס, וואָס דו דערציילסט פון דייַנע מאסעמאטנס, איז דאָס אוואדע א בעריעשאפט, מע באדארף עס קאָנען: נאָר איין זאך פארשטיי איך ניט: ווערליק איך קען, זאָג איך, דייַן באָכערטע, איז מיר, זאָג איך, א גרויס כידעש, וואָס זי לאָזט דיך אזוי פליִען און קומט ניט צו דיר, זאָג איך, רייַטנדיק אף א בעזעם". — ע! — מאכט ער צו מיר מיט א זיפּץ. — דאָס זאָלט איר מיר, רעב טעוויע, גאָרניט דערמאָנען, איך האָב פון איר אזוי אויך, זאָגט ער, קאלט און ווארעם; איר זאָלט האָרכן, זאָגט ער, וואָס זי שרייַבט מיר, וואָלט איר אליין געזאָגט, אז איך בין א צאדיק. נאָר דאָס, זאָגט ער, איז פון די קליינע זאכן, דערוף איז זי א ווייַב, זי זאָל מיך באגראָבן, ס'איז פאראן, מאכט ער, אסאך אן ערגערע זאך: איך האָב, פארשטייט איר מיך, מייַן אייגנס א שוויגער! איך באדארף אייַך ניט דערציילן, זאָגט ער, איר קענט זי!... — „עס קומט אויס בא דיר, זאָג איך, א מאקע אף א מאקע און אף דער מאקע א בלאָטער?" — יאָ, מאכט ער, רעב טעוויע, איר זאָגט דאָס גאנץ גלייַך; די מאקע איז טאקע א מאקע, נאָר דער בלאָטער, זאָגט ער, אוי, דער בלאָטער איז ערגער פון דער מאקע!...

בעקיצער, מיר האָבן אזוי פאוואָלינקע געפלאפּלט ביז העט־שפּעט אין דער נאכט אריַין, דער קאָפּ האָט זיך אזש געדרייט פון זייַנע מייַסעס מיט די ווילדע געשעפטן, מיט די טויזנטער, וואָס פליִען ארוף און אראָפּ, און מיטן פארמעגן, וואָס בראָדסקי פארמאָגט... עס האָבן זיך מיר נאָכדעם א גאנצע נאכט געפלאָנ־טערט: יעהופּעץ... האלבע פריַאלן... בראָדסקי... מענאכעם־מענדל מיט דער שוויגער...

ערשט אף מאָרגן אינדערפרי האָט ער אויסגעקוועטשט זיך: וואָס איז? באשער אזוי ווי עס גייט, זאָגט ער, בא אונדז

אין יעהופעץ א שטיקל צײַט, וואָס געלט איז אין גרויס כשיועס, און סכוירע ליגט אין דר׳ערד, בעכיין, זאָגט ער צו מיר, אצינ־דערט האָט איר בעיאַד, רעב טעוויע, כאפּן היפּשע עטלעכע גראָשנס, און מיך, זאָגט ער, וועט איר מאמעש דערהאלטן באַם לעבן, פּאָשעט מעכײַע מייסים זײַן, פון טויט לעבעדיק. „רעדסט ווי א ייִנגל, מאַך איך צו אים, מיינסט, אפּאָנעם, באַ מיר איז יעהופּעצער געלטן, האלבע פּריִאַלן? נארעלע, זאָג איך, וואָס מיר פעלט צו בראָדסקין, מעגן מיר זיך ווינטשן, מיר זאָלן דאָס ביידע פאַרדינען ביז פּייסעך״. — יאָ, מאַכט ער, דאָס ווייס איך אליין; נאָר איר מיינט, זאָגט ער, מע באדאַרף דערצו האָבן גרויסע געלטן? איין הונדערטער, זאָגט ער, ווען איר גיט מיר אצינד, מאַך איך אײַך פון אים אין דרײַ פיר טאָג צוויי הונדערט, דרײַ הונדערט, זעקס הונדערט, זיבן הונדערט, און פּאַרוואָס ניט טאַקע גאַנצע טויזנט? „עס קען זייער שיין געמאָלט זײַן, זאָג איך, עס זאָל זײַן ווי׳ אין פּאָסעק שטייט: קרוב לשכר ורחוק מיקעשענע.[15] נאָר ווען, זאָג איך, איז דאָס גערעדט געוואָרן? אז ס׳איז דאָ וואָס אײַנ־צושטעלן, אָבער אז ס׳איז ניטאָ דער הונדערטער, קומט דאָך אויס, זאָג איך, בגפּו יבוא ובגפּו יצא[16]—מאַכט ראשע: „אז מע לייגט ארײַן קרענק, נעמט מען ארויס קאַדאָכעס״. — עט, נו, מאַכט ער צו מיר, א הונדערטער וועט זיך נאָך באַ אײַך, רעב טעוויע, געפינען; באַ אײַער פּאַרנאָסע, זאָגט ער, מיט אײַער נאָמען, קענענאָרע... „וואָס קומט, זאָג איך, ארויס פונעם נאָמען? א נאָמען איז אוואדע זייער א גוטע זאַך; נאָר וואָס דען? איך בלײַב באַם נאָמען, און געלט האָט טאַקע אלץ בראָדסקי... אויב דו ווילסט, זאָג איך, וויסן אקוראַט, פּאַרמאָג איך מײַן אייגנס ארום און ארום קאַם־קאַם א הונדערטער, האָב איך אף אים אכצן לעכער: ערשטנס, כאַסענע מאַכן א טאָכטער...״ — הערסטו, מאַכט ער, אָט דאָס מיינט טאַקע דער פּאָסעק! וואָרום ווען, זאָגט ער, קאָנט איר, רעב טעוויע, האָבן אזא געלעגנהײַט ארײַנלייגן איין הונדער־טער און ארויסנעמען אימירצעשעם, אזוי פיל, אז עס זאָל אײַך, זאָגט ער, כאַפּן אי אף כאַסענע מאַכן קינדער, אי אף עפּעס נאָך?

און ס׳איז אוועקגעגאַנגען א נײַער מיזמער אף דרײַ שאָ דעם זייגער, מיר געבן צו פאַרשטיין, ווי אזוי ער מאַכט פון א קערבל

דריַי און פון דריַי צען. מע נעמט, זאָגט ער, ריישיס כאָכמע, און מע טראָגט אריַין א הונדערטער און מע הייסט זיך, זאָגט ער, קויפן א צען שטיקעלעך — איך האָב שוין פארגעסן, ווי אזוי מע רופט עס — און מע ווארט צו עטלעכע טעג, ביז עס הייבט זיך אוף. שלאָגט מען א דעפעש ערגעץ אהין, מע זאָל דאָס פארקויפן און פארן געלט קויפן צוויי מאָל אזויפיל; נאָכדעם הייבט זיך עס ווידעראמאָל, קלאפט מען ווידער א דעפעש; אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז עס ווערט, זאָגט ער, פונעם הונדערטער — צוויי, פון די צוויי — פיר, פון די פיר — אכט, פון די אכט — זעכצן, טאקע מאמעש ניסים וועניפלאָעס! פאראן, זאָגט ער, אין יעהופעץ אזעלכע, וואָס זענען דאָ אָט ערשט ניט לאנג ארומגעגאנגען אָן שטיוול, געווען מעקלער, באהעלפערס, מעשאָרסים: היַינט האָבן זיי אייגענע היַיזער, מויערן, זייערע וויַיבער האָבן צו טון מיט די מאָגנס — פאָרן קיין אויסלאנד זיך היילן... און אליין פליִען זיי ארום איבער יעהופעץ אף גומעלאסטיקענע רעדלעך, פר־פו — דער־קענען שוין ניט קיין מענטשן!..

בעקיצער, וואָס זאָל איך איַיך דאָ לאנג מאריך זיַין? עס האָט מיך אָנגענומען א כיישעק ניט אף קאטאָוועס. א קאשע אף א מיַי־סע, טראכט איך מיר, עפשער איז ער דער גוטער שאָליִעך מיַי־נער? אָט הערך איך דאָך פאָרט, מענטשן ווערן גליקלעך אין יעהופעץ מיט פינף פינגער, — וואָס בין איך ערגער פון זיי? קיין ליגנער איז ער, דאכט זיך, ניט, ער זאָל אויסרטאכטן פון קאָפּ פיזמוינעס. טאָמער טאקע, קלער איך מיר, טוט זיך עס טאקע א דריי, ווי זאָגט איר, אף דער רעכטער זיַיט, און טעוויע ווערט כאָטש אף דער עלטער א שטיקל מענטש? ביזוואנען איז טאקע דער שיר צו האָרעווען, אויסגעריסן ווערן, כ׳לעבן? טאָג ווי נאכט ווידעראמאָל דאָס פערד־און־וועגעלע און אָבער אמאָל קעז און פוטער. ציַיט, זאָג איך, טעוויע, זאָלסט שוין אָפּרוען זיך, ווערן א באלעבאָס צווישן באלעבאטים, קומען אין בעסמעדרעש, אריַינקוקן אין א ייִדישן סייפער. איַי, וואָס? טאָמער, כאָלילע, לא יעלה ולא יבוא [17], עס מאכט מיר לעמל, דאָס הייסט, מיט דער פוטער אראָפּ? לעמיַי זאָל איך בעסער ניט קלערן דאָס אייגענע צוריק.

—„הא? ווי אזוי זאָגסטו?—רוף איך מיך אָן צו מײַן אלטער.—ווי געפעלט דיר, אשטייגער, גאָלדע, דער פלאן זײַנער?"— וואָס זאָל איך, מאכט זי, דערוף זאָגן? איך ווייס, זאָגט זי, מענאכעם־מענדל איז, כאָלילע, ניט אבי־ווער, וואָס זאָל בא דיר ווערלן אויסנארן; ער איז, כאסוועשאָלעם, ניט פון קיין שנײַדער און פון קיין שו־סטער! ער האָט, זאָגט זי, זייער א לײַטישן טאטן, און א זיידן, זאָגט זי, האָט ער געהאט גאָר א צאצקע, געזעסן יוימאָם וואָלײַלאָ און בלינדערהייט געלערנט טוירע. און די באָבע צייטל, זאָל זײַן ווײַט אָפּגעשיידט, איז עפּעס אויך געווען ניט קײַן פּראָסטע ייִדע־נע... „ס'איז א מאָשל צו כאנעקע־ליכטלעך, זאָג איך, מע רעדט אייסעק, קומט זי צו גיין מיט דער באָבע צייטל, וואָס האָט געבאקן האָניק־לעקעך, און מיט איר זיידן, וואָס יצאה נשמתו ביגלעזול... [18] א ייִדענע בלײַבט א ייִדענע. ניט אומזיסט, זאָג איך, איז שלוימע האמעלעך אויסגעפּאָרן די גאנצע וועלט און ניט געפונען איין ייִדענע מיט א קלעפּקע אין קאָפּ"...

בעקיצער, עס איז געבליבן, אז מיר שליסן שוטפעס; איך לייג ארײַן געלט, און מענאכעם־מענדל — סייכל, און וואָס גאָט וועט געבן, איז דאָס אף דער האלב.— גלייבט מיר, זאָגט ער, איך וועל מיט אײַך, רעב טעוויע, אימירצעשעם, אויסהאנדלען פײַן, וואָס פײַן הייסט, איך וועל אײַך מיט גאָטס הילף געבן געלט און געלט און געלט!— „אָמיין, גאם אטעם, זאָג איך, פון דײַן מויל אין גאָטס אויערן. נאָר וואָס דען, זאָג איך, איין זאך פארשטיי איך דאָ ניט: ווי אזוי קומט די קאַץ איבערן וואסער? איך בין דאָ, דו ביסט דאָרט; געלט, זאָג איך, איז אן איידעלע מאטעריע, פארשטייסטו מיך. האָב קײַן פאריבל ניט, זאָג איך, איך מיין דאָ, כאָלילע, קיין אויבערקעפּלעך. גלאט, ווי שטייט דאָרט געשריבן: „בעסער פריִער באוואָרנט, איידער נאָכדעם באוויינט"...— אָך!— מאכט ער צו מיר.—עפּשער מיינט איר צעשרײַבן זיך אף פּאפּיר? מיטן גרעסטן קאָוועד!—שא, זאָג איך, אז מע וויל שמועסן צוריק, איז אויך די אייגענע מײַסע! מימאָנעפשעך, וועסטו מיך ווערלן קוילען,—וואָס וועט מיר העלפן דאָס פּאפּיר? לאו עכברא גנבא [19]— ניט דאָס וועקסל צאָלט, און אז איך הענג שוין אף איין פוס, זאָג איך, לאָמיך הענגען אף ביידע".— איר מעגט מיר גלייבן, זאָגט

ער, רעב טעוויע, איך שווער אײַך באַ מײַן הייליקע נעמאָנעס, גאָט זאָל מיר אזוי העלפן, ווי איך מיין דאָ ניט קײַן כאָכמעס, כאָלילע אויסנארן באַ אײַך, נאָר פּײַן און אָרנטלעך, אימירצעשעם, זיך טיילן אפּדערהאלב, גלײַך אף גלײַך, כיילעק קעכיילעק, כאָצי שעלי וועכאָצי שעלאָך, מיר הונדערט, אײַך הונדערט, מיר צווייהונ־דערט, אײַך צווייהונדערט, מיר דרײַהונדערט, אײַך דרײַהונדערט, מיר פירהונדערט, אײַך פירהונדערט, מיר טויזנט, אײַך טויזנט...

בעקיצער, איך האָב ארויסגענומען די עטלעכע קערבלעך, דרײַ מאָל איבערגעציילט, די הענט האָבן מיר בעשאס־מײַסע גוט גע־טרייסלט זיך, צוגערופן די אלטע מײַנע פאר אן איידעס, אים נאָכ־אמאָל קלאָר געמאכט, וואָס פאר א בלוטיק געלט דאָס איז, און אוועקגעגעבן מענאכעם־מענדלען, אײַנגעניייט אים אין בוזעם ארײַן, מע זאָל דאָס באַ אים, כאָלילע, אונטערוועגנס ניט אוועקלאקכענען און אָפּגערעדט מיט אים, אז אימירצעשעם ניט שפּעטער פון נאָכ־שאבעסדיקער וואָך באדארף ער מיר לעמאנאשעם ארײַנשרײַבן א בריוול פון אלצדינג באאריכעס. זיך אָפּגעזעגנט מיט אים פּײַן, שיין, צעקושט זיך גאָר פרײַנטלעך, ווי געוויינטלעך מיט אן אייגענעם.

געבליבן אליין נאָך זײַן אוועקפאָרן, האָבן מיר זיך אָנגעהויבן פאָרשטעלן אלערליי מאכשאָוועס און כאלומעס אף דער וואָר, און אזעלכע זיסע כאלומעס, אז עס האָט זיך מיר געוואָלט, אז זיי זאָלן זיך ציִען אייביק, קיינמאָל ניט אויסלאָזן זיך. עס האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אינמיטן שטאָט א שטוב א גרויסע, מיט בלעך געדעקט, מיט שטאלן, מיט קאמערן, קעמערלעך און שפּיזארנעס מיט אלדאָס גוטס, און א באלעבאָסטע מיט שליסלען דרייט זיך ארום, דאָס איז מײַן ווײַב גאָלדע,— גאָרניט צו דערקענען זי, כ׳לעבן: זי האָט באקומען גאָר אן אנדער פּאָנעם, א פּאָנעם פון א נעגידעס, מיט א גוידער און א האלדז פּערל; זי בלאָזט פון זיך און שעלט די דינסטן מיט טויטע קלאָלעס. די קינדער מײַנע דרייען זיך ארום אלע מיט שאבעסדיקע קליידער, טוען ניט קיין האנט אין קאלט וואסער. דער הויף איז פאַרפּלייצט מיט אויפעס, גענדז און קאטשקעס. אינעווייניק אין שטוב לײַכט זיך, אין אויוון פלאקערט א פײַער, עס קאָכט זיך וועטשערע. און דער סאמאָוואר זידט ווי א גאזלען! באַם טיש אויבנאָן זיצט דער באַלע־

באַס אליין, טעוויע, הייסט דאָס, אין א כאלאט מיט א יארמעלקע, ארום אים זיצן די פּאַרנעמסטע באלעבאטים פון שטאָט און כאנ־פּענען אים: זײַט־זשע מויכל, רעב טעוויע... האָט קײַן פאריבל ניט, רעב טעוויע... „איי, קלער איך מיר בעשאס־מײַסע, א רועך אין געלטס טאטנס טאטע ארײַן!"...

— וועמען שעלטסטו דאָס אין טאטן ארײַן? — פרעגט מיך מײַן גאָלדע.— „קיינעם ניט,— זאָג איך,— איך האָב מיך אביסל פארטראכט, מאכשאָוועס, כאלוימעס, א נעכטיקער טאָג... זאָג מיר, גאָלדע־סערצע,— מאך איך צו איר,—דו ווייסט ניט, מיט וואָס האנדלט ער, דער קאָרעוו דײַנער, מענאכעם־מענדל, מיין איך?" — וואָס עס האָט זיך מיר, זאָגט זי, געכאָלעמט יענע נאכט און הײַנטיקע נאכט און א גאנק יאָר, זאָל אויסגיין צו מײַנע סאָנימס קעפּ! סטײַטש, זאָגט זי, מע זיצט אָפּ מיט א מענטשן א גאנק מעסלעס און מע רעדט און מע רעדט און מע רעדט, לעסאָף קומסטו צו גיין און פרעגסט בא מיר, מיט וואָס ער האנדלט? עפּעס האָט איר דאָך, זאָגט זי, געמאכט איינײנעם א געשעפט, צו וועלכע גוטע יאָר?—„יאָ, זאָג איך, געמאכט, זאָג איך, האָבן מיר, נאָר וואָס געמאכט — דאָס ווייס איך ניט, כאָטש נעם מיר דעם קאָפּ אראָפּ! ס׳איז פארשטייסטו מיך, ניטאָ בא וואָס אָנצונעמען; נאָר פונדעסטוועגן, זאָג איך, איינס צום אנדערן געהער זיך ניט אָן, זאָלסט זיך גאָר ניט זאָרגן, מײַן ווײַב, דאָס הארץ זאָגט מיר צו גוטן, מיר וועלן אימירצעשעם, אזוי דאכט זיך מיר, פארדינען געלט, און אסאך — זאָג־זשע אָמיין און קאָך וועטשערע!"

בעקיצער, עס גייט אוועק א וואָך און צוויי און דרײַ — ניטאָ קיין בריוו פון מײַן שוטעף! איך בין אויס מענטש, גיי ארום אָן א קאָפּ און ווייס ניט, וואָס צו טראכטן. עס קאָן ניט זײַן, קלער איך מיר, ער זאָל גלאט אזוי פארגעסן שרײַבן א בריוול; ער ווייס גאנק גוט, ווי אזוי מיר קוקן דאָ ארויס. נאָר ווײַטער פליט מיר דורך א געדאנק אין קאָפּ: וואָס וועל איך אים טאָן, לע־מאָשל, אז ער נעמט זיך דאָרט אראָפּ פונויבן די גאנצע סמעטענע און מיר זאָגט ער, אז מע האָט נאָך גאָרניט פארדינט? גיי רוף אים קנאקניסל! עס קאָן ניט זײַן, מאך איך צו זיך אליין, סטײַטש, האיטאָכן?.. איך באגיי זיך מיט א מענטשן טאקע נאָר

ווי מיט אן אייגענעם, לאָז דאָס מיר אקעגן קומען, וואָס איך ווינטש אים, — זאָל ער מיר אָפּטאָן אזא שפּיצל?! און ווידער פליט מיר דורך גאָר אן אנדער מאכשאָווע: מיילע, רעוועך יאק רעוועך, איך בין אים שוין מויכל דאָס פארדינסט, ריוח והצלה יעמוד ליהודים [20] — גאָט זאָל העלפן, דאָס קערן זאָל כאָטש זיַין גאנץ! און עס ווערט מיר קאלט אין אלע אייוורים. „אלטער נאר! זאָג איך צו זיך אליין, זיך גענייט א בײַטל, דו טיפּעש איינער, בעהיימע בעצוראס פערד! פאר דעם הונדערטער בעסער געווען קויפן זיך פערדלעך א פּאָר, אשער לוי פערדלו אוויסיינו, און דאָס וועגעלע איבערגעביטן אף א נאטאטשאנקע מיט רעסאָרן״...

— טעוויע, לעמיַי טראכסטו עפּעס גאָרניט? — מאכט צו מיר מיַינע.

— „וואָס הייסט, זאָג איך, איך טראכט ניט? דער קאָפּ ווערט מיר אָקערשט צעפאלן אף שטיקלעך טראכטנדיק, זאָגט זי צו מיר, לעמיַי איך טראכט ניט!״ — ניט אנדערש, מאכט זי, עס האָט זיך אין וועג מיט אים עפּעס געטראָפן: אָדער גאזלאָנים, זאָגט זי, זיַינען אים באפאלן און באנומען פון קאָפּ ביז פיס, אָדער ער איז כאָלילע פארשלאפט געוואָרן, אָדער גאָר, אל תפתח פה [21], גע־שטאָרבן. — „וואָס נאָך, זאָג איך, ווערטו אויסטראכטן, נעשאָמע מיַינע? נא דיר נאָך גאזלאָנים, זאָג איך, פלוצים אינמיטן דערי־נען!״ און אליין טראכט איך מיר: א קאשע, וואָס מיט א מענטשן קאָן זיך טרעפן אונטערוועגנס? „דו באדארפסט, זאָג איך צו איר, מיַין וויַיב, טאָמיד אויסלייגן צום ערגסטן!״ — ער איז, מאכט זי, פון אזא מישפּאָכע; די מאמע זיַינע, זאָגט זי, זאָל זיַין א מייליץ־יוישערטע, איז ניט לאנג געשטאָרבן, נאָך גאָר א יוגנט, און דריַי שוועסטער, זאָגט זי, האָט ער געהאט, זאָלן זיַין וויַיט אָפּ־געשיידט פון מיר, איז איינע נאָך מיידלוויַיז געשטאָרבן, די אנ־דערע האָט דאפקע, זאָגט זי, כאסענע געהאט, געכאפּט א פאר־קילונג אין באָד און איז געשטאָרבן, און די דריטע, זאָגט זי, איז טייקעף נאָכן ערשטן קימפּעט אראָפּ פון זינען, זיך געמוטשעט, געמוטשעט און געשטאָרבן... „געשטאָרבן... זאָל לעבן, זאָג איך, גאָלדע, מיר וועלן אלע, זאָג איך, שטארבן; א מענטש, זאָג איך, איז געגליכן צו א סטאָליער; א סטאָליער לעבט און לעבט און שטארבט, און א מענטש לעבט און שטארבט״.

בעקיצער, עס איז בא אונדז געבליבן, אז איך פאָר זיך דורך קיין יעהופעץ. סכוירע אביסל האָט זיך דערוויילע אין דער צייט צונויפגע־קליבן, ס'איז געוואָרן א היפש קרעמל פון קעז און פון פוטער און פון סמעטענע, פרימא סכוירע; מיינער האָט איינגעשפאנט דאָס פערד־און־וועגעלע און ויסעו מסוכות [22])—מאכט ראשע: מארש קיין יעהופעץ.

פאָרנדיק אזוי, מאָרעשכוירעדיק געוויינטלעך, מיט א ביטער הארץ, ווי איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, איינער אליין אין וואלד, גייט מיר דורך דער קויעך האדאם און עס שטעלן מיר זיך פאָר אלערליי מאכשאָוועס און געדאנקען. „עס וועט זיין שיין, טראכט איך מיר, אז איך קום צו פאָרן און הייב אָן נאָכפרעגן אף מיין פארשוין, זאָגט מען מיר: מענאכעם־מענדל? טע־טע־טע! שטארק אין די פעדערן, סמאלעט א וועלט, אן אייגענעם מאָוועך, פאָרט אין קארעטעס, גאָרניט צו דערקענען! איך נעם מיך אָן, טראכט איך מיר, מיט הארץ און לאָז מיך צו אים גלייך אין שטוב אריין. — טפרו! — מאכט מען צו מיר בא דער טיר נאָך און מע גיט מיר מיטן עלנבויגן אין הארצן אריין. — שטופט זיך ניט אזוי, פעטער, דאָ שטופט מען זיך ניט. — „איך בין, זאָג איך, אן אייגענער, טאקע מיין ווייבס א גליד־גליד־געשוועסטערקינד”. —מאזלטאָוו אייך, זאָגט מען מיר, שטארק אָנגעלייגט; פונדעסטוועגן, זאָגן זיי, מעגט איר, נישקאָשע, צוווארטן אביסל אָט־אָ־דאָ בא דער טיר, עס וועט אייך, כאָלילע, גאָרניט שאטן... — איך שטויס מיך אָן, אז מע באדארף עפעס געבן, ווי זאָגט איר: אז מע שמירט, פאָרט מען, און לאָז מיך גיין ארוף צו אים אליין. —„גוט מאָרגן אייך, זאָג איך צו אים, רעב מענאכעם־מענדל!” — ווער? וואָס? אין אומר ואין דברים [23]) — ער דערקענט מיך גאָר־ניט! — וואָס דארפט איר? — מאכט ער צו מיר. איך פאל שיר כאלאָשעס. „וואָס הייסט, זאָג איך, פאני, איר דערקענט שוין ניט, זאָג איך, קיין קאָרעוו? טעוויע הייס איך”. — מאכט ער: טעוויע? עפעס קענטלעך דער נאָמען...—„קענטלעך? —מאך איך צו אים. —עפשער איז אייך קענטלעך, זאָג איך, מיין ווייבס בלינצעס, דערמאָנט זיך נאָר אָקאָרשט, מיט אירע קנישעס, צאָרעס־קנייד־לעך, ווערטוטן?”... און צוריק פליט מיר דורך א געדאנק פונקט

קאפויר: איך קום אריַין צו מענאכעם־מענדלען, טראָגט ער מיר אקעגן דעם ברייטן שאָלעם־אלייכעם. — א גאסט! א גאסט! זיצט, רעב טעוויע, וואָס מאכט איר עפּעס, וואָס מאכט אײַער וויַיב? איך קוק שוין ארויס אף אײַך, איך וויל מיך מיט אײַך צערע־כענען. — און ער נעמט און שיט מיר אָן א פולע היטל מיט האלבע פריִאלן. — דאָס, זאָגט ער, איז דאָס פארדינסט, און דאָס קערן, זאָגט ער, בלײַבט שטיין; וויפל מיר וועלן פארדינען, וועלן מיר זיך טיילן אף גלײַך, כיילעק קעכיילעק, כאָצי שעלי וועכאָצי שעלאָך, מיר הונדערט. אײַך הונדערט, מיר צווייהונדערט, אײַך צווייהונדערט, מיר דרײַהונדערט, אײַך דרײַהונדערט, מיר פיר־הונדערט, אײַך פירהונדערט... אין געדאנקען כאפּ איך א דרעמל און זע ניט, ווי מײַן באָכער שלאָגט זיך דערבײַ אראָפּ פונעם שליאך אָן א זײַט, פארטשעפּעט דאָס וועגעלע אָן א בוים, און עס דערלאנגט מיר א זעץ פונהינטן, עס פליִען אזש פונקען פון די אויגן. „גאם זו לעטויווע, זאָג איך צו מיר אליין, דאנקען גאָט, וואָס כאָטש ניט צעבראָכן קיין אקס"...

בעקיצער, געקומען קיין יעהופּעץ און קוידעמקאָל אָפּגעזוצט דאָס ביסל מילכיקס גיך און געשווינד, ווי געווייניטלעך, לאָז איך מיך זוכן דעם נעפעש מײַנעם. איך דריי מיך ארום א שאָ און צוויי און דרײַ, וועהאיעלעד איינענו — איך זע אים ניט! איך הייב אָן אָפּשטעלן מענטשן, נאָכפרעגן: „צי האָט איר ניט גע־הערט, צי האָט איר ניט געזען איינעם א ייִדן, וואָס הייסט מיט זײַן ליבן נאָמען מענאכעם־מענדל?" — אויב, זאָגן זיי, ער הייסט מענאכעם־מענדל, מעג מען עסן פון זײַן פּענדל, נאָר דאָס אליין איז קארג, זאָגן זיי, מענאכעם־מענדלס איז דאָ אסאך אף דער וועלט. — „איר מיינט מיסטאָמע, זאָג איך, זײַן פארמעלי? לאָז מיך אזוי וויסן בייז, זאָג איך — מיט אײַך איניינעם, אז בעסאכאקל, זאָג איך, אויב איר ווילט וויסן, רופט מען אים אינדערהיים, אין קאסרילעווקע, הייסט דאָס, נאָר אף זײַן שוויגערס נאָמען, מענא־כעם־מענדל לייע־דוואָסיס; נאָר וואָס דארפט איר מער, זאָג איך, זײַן שווער איז שוין גאָר א באטאָגטער ייִד, הייסט ער אויך אף איר נאָמען, באָרוך־הערש לייע־ד:אָסיס. און אפילע זי אליין, לייע־דוואָסי, מיין איך, הייסט אויך לייע־דוואָסי באָרוך־הערש לייע-דוואָסיס.

הײַנט פֿאַרשטייט איר שוין״ ?—פֿאַרשטײן פֿאַרשטייען מיר, זאָגן זיי, נאָר דאָס איז נאָך אלץ ניט גענוג; וואָס איז זײַן געשעפֿט, זאָגן זיי, מיט וואָס פֿאַרנעמט ער זיך, אײַער מענאַכעם־מענדל ?—„מיט וואָס ער פֿאַרנעמט זיך?— זאָג איך. — ער האַנדלט דאָ מיט האַלבע פֿריִאַלן, זאָג איך, עפּעס בעס־מעס. פּאָטיווילעוו, קלאַפּט, זאָג איך, דעפּעשן ער־געץ אַהין, קיין פּעטערבורג, קיין וואַרשע״... — אַ ? ! — מאַכן זיי צו מיר און קאַטשען זיך פֿאַר געלעכטער. — מיינט איר ניט אָט יענעם מענאַכעם־מענדל, וואָס האַנדלט מיט יאַקנעהאָז ? 24) גייט, זײַט מוחל, אַריבער, זאָגן זיי, אַהינצו אַף יענער זײַט ; דאָרט לויפֿן אַרום האָזן אַסאַך, און אײַערער אויך בעסוכּאָם...

„מער מע לעבט, מער עסט מען, טראַכט איך מיר, נאַ דיר גאָר האָזן ? יאַקנעהאָז ?״ איך גיי אַריבער אַהין, אַף יענעם טראָטואַר — ייִדן, קענענאָרע, ווי אַף אַ יאַריד, ס׳איז אַן ענג־שאַפֿט, קאַם וואָס איך שטופּ מיך דורך ; מע לויפֿט, ווי די מעשוגאָיִם, דער אַהין, דער אַהער, איינער איבערן אַנדערן, ס׳איז אַן אוילעם־האַטויִע, מע רעדט, מע שרײַט, מע מאַכט מיט די הענט : פּאָטיווילעוו... פּעסט, פּעסט !.. געכאַפּט באַם וואָרט... אַרײַנגערוקט אַן אַדערוף... וועט זיך קראַצן... מיר קומט קור־טאַזש... ביסט אַ גרויסער פֿאַרך... אָט צעשפּאַלט מען דיר דעם קאָפּ... שפּײַ אים אָן אין פּאָנעם... זע נאָר, געקוילעט די קאַ־פּאָטע... אַ שיינער שפּעגעלאַנט... אָנזעצער !.. מעשאָרעס !.. אין טאַטנס טאַטן !.. עס האַלט קימאַט באַ פּעטש. „וואַיִוֹוראַך יאַנקעוו, מאַך איך צו מיר אַליין, אַנטלויף, טעוויע, אָט כאַפּסטו אַ פּאַטש ! נו, נו, קלער איך מיר, גאָט איז אַ פֿאָטער, שמועל־שמעלקע איז זײַן דינער, יעהופּעץ איז אַ שטאָט און מענאַכעם־מענדל איז אַ פֿאַרדינער ! אָט־אָ־דאָ־אָ, טראַכט איך, כאַפּט מען גליקן, האַלבע פֿריִאַלן ? אָט־אָ־דאָס־אָ הייסט באַ זיי מע מאַכט געשעפֿטן ? אַז אָך און ווײ איז דיר, טעוויע, מיט דײַנע מיסכאָרים !״

בעקיצער, איך שטעל זיך אָפּ נעבן אַ גרויס פֿענצטער מיט אַרויסגעשטעלטע הויזן אַסאַך און דערזע דורך דעם אָפּשײַן פּונעם גלאָז מײַן שמײַע באַל־פּאַרנאָסע. עס האָט זיך מיר אָפּגעריסן אין האַרצן, אַז איך האָב אים דערזען. ס׳איז מיר קימאַט, ווי פּרחה נשמתו געוואָרן ! 25) ווו איך האָב ערגעץ אַ סוינע און ווו איר האָט

א סוינע — זאָלן מיר אים דערלעבן זען אין אזא הוילעך ווי מענאכעם־מענדל! וואָס מיר קאפּאָטע? ווער מיר שטיוול? און א פּאָנעם — טאטעניו, א שענערן לייגט מען אין דר׳ערד אריַין. „נו, טעוויע, כאשר אבדתי אבדתי 26) — ביסט אין דר׳ערד, טראכט איך מיר, מעגסט זיך שוין געזעגענען מיט די עטלעכע גראָשנס, עס איז שוין, ווי זאָגט איר: לא דובים ולא יער 27) — ניט קיין סכוירע, ניט קיין געלט, נאָר גלאט אזוי צאָרעס״...

ער, פון זיַין זיַיט, איז, אפּאָנעם, אויך שטארק מעוולבל געוואָרן, מאכמעס מיר זענען ביידע געבליבן שטיין, ווי צוגעקאָוועט ניט אויסצוריידן קיין וואָרט אפילע, און נאָר געקוקט, ווי די האָנען, זיך גליַיך אין די אויגן אריַין, ווי איינער רעדט: פּאַר־וויסט און פארפינצטערט זענען מיר ביידע געוואָרן, מיר מעגן ביידע נעמען טאָרבעס און גיין איבער די היַיזער!..— רעב טעוויע,— מאכט ער צו מיר שטיל, קאם וואָס ער רעדט, און די טרערן ווארגן אים,—רעב טעוויע! אָן מאזל, הערט איר, זאָל מען גאָר, זאָגט ער, ניט געבאָרן ווערן אף דער וועלט! איידער, זאָגט ער, אזא לעבן!.. הענגען, זאָגט ער, גנאָטעווען!..—און מער קאָן ער קיין וואָרט ניט ריידן.—„אוואדע, מאך איך צו אים, ביסטו ווערט, מע־נאכעם־מענדל, פאר אזא מיַיסע, מע זאָל דיך אנידערלייגן אָט־אָ־דאָ, זאָג איך, אינמיטן יעהופּעץ, און ברכוש גדול 28) דיר אריַינצימבלען אזוי פיל, אז דו זאָלסט דיך דערזען מיט דער באָבע צייטל פון יע־נער וועלט. בארעכן, זאָג איך, דו אליין, וואָס האָסטו געטון? האָסט גענומען, זאָג איך, א גאנצע שטוב מיט לעבעדיקע נעפאשעס, צארבאלעכאים נעבעך, גאָט די נעשאָמע שולדיק, און האָסט זיי איבערגעקוילעט דעם האלדז אָן א מעסער! גוואלד, זאָג איך, מיט וואָס וועל איך קומען אצינדערט אהיים צו מיַין וויַיב און קינדער? אדעראבע, זאָג שוין דו אליין, קוילער איינער, גאזלען, רעצייעך!״ — עמעס, — מאכט ער צו מיר, אָנגעשפּארט זיך צו דער וואנט, — עמעס, רעב טעוויע, גאָט זאָל מיר אזוי העלפן...

—„דער גענעם, זאָג איך, נאר איינער, דער גענעם איז דאָך קארג פונדיַינעטוועגן!״ — עמעס, זאָגט ער, רעב טעוויע, עמעס, גאָט זאָל מיר אזוי העלפן; איידער אזא לעבן, זאָגט ער, איידער אזא לעבן, רעב טעוויע... — און לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ.

איך שטיי און באטראכט אים, דעם שלימאזל, ווי ער שטייט אזוי דעם קאָפּ אראָפּ, צוגעשפּארט צו דער וואנט, דאָס היטל אף א זײַט, יעדער זיפץ און יעדער קרעכץ — עס רײַסט אויס א שטיק הארץ.

—„טא, זאָג איך, אז מע וויל שמועסן דאָס אייגענע ווידער צוריק, פארשטייט מען גאנץ גוט, דו ביסט עפּשער אין דעם אויך גאָט די נעשאָמע שולדיק; וואָרום לאָמיר בארעכענען די זאך ארום און ארום מיט א מימאָנעפשעך: איך זאָל קלערן, זאָג איך, אז דײַן שלעכטיקײַט האָט דאָס געטון, איז דאָך עס נאריש, ביסט דאָך געווען, זאָג איך, א שוטעף גלײַך מיט מיר א מעכצעס־כארניק[29]. איך האָב ארײַנגעלייגט געלט, דו האָסט געגעבן סייכל, אז אָך און וויי איז מיר! דײַן מיין איז אוואדע געווען, ווי זאָגט ער, לחיים ולא למות[30]. אײַ, עס האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם? מיסטאמע איז ניט באשערט, ווי זאָגט איר: א מענטש טראכט און גאָט לאכט. לעמײַ, זאָג איך נארעלע, אָט האָסטו מײַן מיסכער איז, דאכט זיך, גאָר א קאראנט געשעפט, פונדעסטוועגן אז ס׳איז באשערט געווען, זאָג איך, ניט היינט געדאכט, פאר־איאָרן אָסיען, עס זאָל זיך בא מיר, ניט פאר דיר געדאכט, אני־דערלייגן א בעהיימע, אַ מעציע געווען אף טארפעס א פּופּציקער און טאקע באלד נאָך איר א טעלעצע א רויטע, קיין צוואנציק קערבלעך וואָלט איך פאר איר ניט גענומען, — נו, האָט דען עפּעס געהאָלפן דערבײַ כאָכמעס? אז סע גייט ניט, זאָג איך, מאכט קאָמעץ בייס — מע! איך וויל דיך גאָרניט פרעגן, זאָג איך, ווו מײַן געלט שטעקט, מײַן בלוטיק געלט, וויי און ווינד איז מיר! ס׳איז ארײַן אין א מאָקעם קדושע, זאָג איך, ערגעץ אין א יאק־נעהאָזל, אין א נעכטיקן טאָג; און ווער איז שולדיק, ווען ניט איך אליין, וואָס האָב מיך געלאָזט אײַנריידן גרינגע פייגעלעך, שמינדריקעס, שמאָכטעליאקעס? געלט, ברודער, בא־דארף מען, זאָג איך, פארהאָרעווען, פארשווארצט און אויסגעריסן ווערן! פעטש, זאָג איך, ביסטו, טעוויע, ווערט, פעטש ווי האָלק!! נאָר וואָס העלפט איצטער מײַן געשריי? ווי אין פּאָסעק שטייט געשריבן: צעקה הנערה[31] — שרײַ צעזעצטערהייט! סייכל און כאראָטע, דיביידע זאכן קומען טאָמיד צו שפּעט. ניט באשערט,

זאָג איך, טעוויע זאָל זײַן א נאָגיד, ווי זאָגט איוואן: נע בולאָ או מעקיטע הראָשע אי נע בודע. מיסטאָמע, זאָג איך, הייסט גאָט אזוי. ה׳ נתן וה׳ לקח [32], מאכט ראשע — קום, ברודער, וועלן מיר נעמען, זאָג איך, צו ביסלעך בראָנפן!"...

———

אָט אזוי, פאני שאָלעם אלייכעם, האָט זיך אויסגעלאָזט פון אלע מײַנע כאלוימעס א בוידעם! און איר מיינט עפשער, אז איך האָב מיך אזוי שטארק גענומען צום הארצן, וואָס איך האָב פאר־לאָרן מײַן געלט? לאָמיך אזוי ריין זײַן פון שלעכטס! מיר ווייסן דאָך יאָ, וואָס אין פּאָסעק שטייט: לי הכסף ולי הזהב [33] — געלט איז בלאָטע! דער איקער איז דער מענטש, דאָס הייסט, אז דער מענטש איז א מענטש. נאָר וואָס־זשע דען האָט מיך געקרענקט? דער כאָלעם, וואָס ער איז אוועקגעגאנגען. עס האָט זיך מיר גע־וואָלט, אוי, האָט זיך געוואָלט, זײַן א נאָגיד, כאָטש אף א ווײַלע! נאָר עס העלפט דען דערבײַ כאָכמעס? ווי זאָגט דער פערעק: בעל כרחך אתה חי — מיט גוואלד לעבסטו, און מיט גוואלד צערײַסטו א פּאָר שטיוול. דו, טעוויע, זאָגט גאָט, באדארפסט אינזינען האָבן קעז און פּוטער, ניט קיין כאלוימעס. איַי, וואָס? ביטאָכן? האָפענונג? אדראבּע, וואָס מער צאָרעס, מער ביטאָכן, וואָס מער קאפּצן, מער האָפענונג. ווֶעהאָרײַע?...

נאָר מיר דאכט, איך האָב מיך הײַנט אביסל פארעדט; צײַט קלערן מיקויִעך געשעפט. זײַט מיר געזונט און האָט א גוטן טאָמיד!

1899.

———

1) Is. 1:2 — "I have nourished and brought up children [, and they have rebelled against me."]
2) Common epithet — Ex. 34:6, Jon. 4:2, Ps 86:15, etc

הײַנטיקע קינדער

— אקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: הײַנטיקע קינדער. בָּנִים גִּדַּלְתִּי ורוֹמַמְתִּי [1] — גיי האָב זיי, ווער פארשווארצט, (זײַ זיך מאפקיר פון זייערטוועגן, האָרעווע טאָג און נאכט. וואָס איז? מע מיינט, טאָמער אזוי און עפשער אזוי, איטלעכער נאָך זײַן האסאָגע און נאָך זײַן פארמעגן. צו בראָדסקין, געוויינטלעך, וועל איך ניט אָנשלאָגן, נאָר איך זאָל מיך שוין אינגאנצן אראָפּלאָזן — בין איך אויך ניט מעכוייעו,[2] וואָרום אליין בין איך שוין ניט קיין אבי־ווער, כלעבן, און ארויסקומען קומען מיר ארויס, ווי מײַן ווײַב, זאָל לעבן, זאָגט, אויך ניט פון קיין שנײַדער און ניט פון קיין שוסטער, — האָב איך גערעכנט, אז איך וועל מיט מײַנע טעכטער געוויס אויסשפּילן. פארוואָס? ערשטנס, האָט מיך גאָט געבענטשט מיט שיינע טעכטער, און א שיין פּאָנעם, זאָגט איר דאָך אליין, איז א האלבער נאדן.[3] וועהאשייניס, בין איך דאָך עפּעס הײַנט, מיט גאָטס הילף, ניט דער טעוויע, וואָס געווען אמאָל, קאָן איך דאָך שוין גרייכן צום שענסטן שידעך אפילע אין יעהופּעץ, — הא, ווי זאָגט איר? איז דאָך אָבער פאראן א גאָט אף דער וועלט, אן אֵל רַחוּם וְחַנּוּן [2]), וואָס באווײַזט זײַנע גרויסע ווונדער און מאכט מיט מיר זומער און ווינטער, ארויף און אראָפּ, מאכט ער צו מיר: „טעוויע, רעד זיך ניט אײַן קיין נארישקײַטן און לאָז זיך די וועלט פירן, ווי זי פירט זיך!“... הערט, וואָס עס קאָן זיך פארלויפן אף דער גרויסער וועלט, און בא וועמען טרעפט זיך אלע גליקן? בא טעוויע שלימאזל.

בעקיצער, צו וואָס זאָל איך מאריך זײַן?[4] איר געדענקט דאָך מינאסטאם, וואָס מיך האָט געטראָפן, ניט הײַנט געדאכט, די מײַ־

1) זיך מפקיר זײַן, sacrifice oneself
2) מחויב, obliged
3) נדן, dowry
4) מאריך זײַן, prolong

סע מיטן קאָרעוו מײַנעם, מענאַכעם־מענדל יִמאך שמוי וועזיכרוי,[1] ווי שיין מיר האָבן זיך אויסגעהאנדלט אין יעהופּעץ, מיט די האַלבע פּריִאַלן און מיט די פּאָטיווילעווער אקציעס, אזא יאָר אף מײַנע סאָנים! איך האָב דענסטמאָל אײַנגעלייגט די וועלט, ווײ איז מיר! געמיינט, ס'איז אן עק, אויס טעוויע און אויס מילכיקס! „נאַר איינער! זאָגט צו מיר איינמאָל די אלטע מײַנע. גענוג צו זײַן פאַרזאָרגט, דו ווּעסט דערמיט גאָרניט מאַכן! דו ווּעסט זיך נאָר אָפּעסן דאָס האַרץ, און גענוג. עלעהיי[2] גאַזלאָנים זענען אף אונדז אָנגעפאַלן און צוגענומען... דו גיי זיך בעסער דורך, זאָגט זי, קיין אנאַטעווקע, צו לייזער־וואָלף דעם קאַצעוו,[3] ער באַדאַרף דיך, זאָגט ער, נייטיק האָבן". — וואָס איז דאָרטן? וואָס באַדאַרף ער מיך אזוי נייטיק? אויב ער מיינט, זאָג איך, די מאַורע בע־היימע אונדזערע, מעג ער נעמען א שטעקן און אַרויסשלאָגן זיך פונעם קאָפּ. — „וואָס איז אזוינס, מאַכט זי צו מיר? די מילך, וואָס מע האָט זיך אָן פון איר, מיטן קעז און פּוטער?" — ניט צוליב דעם, זאָג איך, נאָר גלאַט אזוי; ערשטנס, איז פּאַשעט אן אַווײ־רע אזעלכע אוועקגעבן אף דער שכיטע, א צאַרבאַלעכאַים. בא אונדז שטייט געשריבן אין דער הייליקער טוירע... — „אָבער גענוג דיר שוין, טעוויע! די גאַנצע וועלט, זאָגט זי, ווייסט, אז דו ביסט א ייִד פון טוירע. פאָלג מיך, א ווײַב, גיי זיך דורך צו לייזער־וואָלפן. אלע דאָנערשטיק, זאָגט זי, ווען אונדזער צייטל קומט אין יאַטקע אַרײַן נאָך פלייש, לאָזט ער זי ניט לעבן. זאָלסט זאָגן, זאָגט ער, דעם טאַטן, ער זאָל קומען צו גיין, איך באַדאַרף אים נייטיק האָבן"...

בעקיצער, מע באַדאַרף פאָלגן אמאָל, ווי זאָגט איר, א ווײַב אויך. בין איך מיך מעיאשעוו[4] און לאָז מיך אײַנריידן און קום צו גיין צו לייזער־וואָלפן קיין אנאַטעווקע, א ווערסט דרײַ פון אונדז. און טרעף אים ניט מיסטאָמע אינדערהיים. — ווו איז ער ערגעץ? — טו איך א פרעג א קאַרנאָסע ייִדענע, וואָס דרייט זיך אַרום אין שטוב. — „אין פּראָיעקט, מאַכט די קאַרנאָסע, מע קוילעט[5] אן אָקס פון גאַנצפרי אָן, ער באַדאַרף באַלד אָנקומען"...

איך דריי מיך אַרום איינער אליין אין שטוב און הייב אָן צו באַטראַכטן לייזער־וואָלפס באַלעבאַטישקײַט — קענעגאָרע א

1) יִמַּח שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ, may his name and remembrance be blotted out
3) butcher
4) consider
5) slaughter

גוטס — אף אלע מײַנע ליבע; א שאפע מיט קופער, מע וועט זי ניט אויסקויפן מיט קיין קאן קערבלעך, א סאמאָוואר און נאָך א סאמאָוואר, און א טאץ א מעשענע. און נאָך איינע א ווארשעווער, און לײַכטער א פּאָר זילבערנע, און קויסעס מיט קויסעלעך געגילדעטע, און א כאנעקע־לעמפּל א געגאָסנס. און נאָך זאכן, שמאָכטעליאקעס אָן אן עק. ריבוינעשעלוילעם! — טראכט איך מיר. — ווי דערלעב איך אזא גוטס בא מײַנע קינדער, זאָלן געזונט זײַן!... אזא בארמאזל ווי דער קאצעוו איז! געניג וואָס ער איז אזוי רײַך, באדארף ער האָבן זײַן אייגנס אינגאנצן צוויי קינדער, שוין אויסגעגעבענע, און נאָך בלײַבן אן אלמען דערצו!...

בעקיצער, גאָט האָט געהאָלפן, עס עפנט זיך די טיר און עס קומט ארײַן לייזער־וואָלף אין קאס, (מאָלע רעציכע) אפן שויכעס. ער האָט אים גאָר אומגליקלעך געמאכט, פארשניטן אן אָקס, א דעמב די גרייס, פארכאפּט זאָל ער ווערן, איבער א קליינקײַט אים טרייף געמאכט, געפונען א סערכעלע אף דער לונג, ווי א שפּילקע־קעפּל די גרייס, אײַנגעזונקען זאָל ער ווערן! — „גאָט העלף, רעב טעוויע, מאכט ער צו מיר, וואָס איז די מײַסע, וואָס מע קאָן אײַך גאָרניט דערופן זיך? וואָס מאכט א ייִד״? — וואָס זאָלן מיר מאכן, זאָג איך, מע מאכט און מע מאכט און מע האלט, זאָג איך, נאָך א לק פונפאָרנט, ווי אין פּאָסעק שטייט: לֹא מְעוּקְצָך וְלֹא מְדוּבָּשָׁך [3] ניט קיין געלט, ניט קיין געזונט, ניט קיין לײַב און לעבן. — „איר זינדיקט, רעב טעוויע, מאכט ער צו מיר, ווערליק אײַך איז געווען אמאָל, ניט הײַנט געדאכט, זענט איר דאָך איצט, קענענאָרע, א גוויר״. — וואָס מיר פעלט, זאָג איך, צו דעם, וואָס איר מיינט, מעגן מיר דאָס ביידע פארמאָגן... נאָר גאָרניט, דאנקען גאָט דערפאר. ס'איז פאראן, זאָג איך, א געמאָרע „אַסְכְּקוֹרְדָא דְמַסְקַאנְטָא דְקַרְנוּסָא דְפַּרְסַמְכְּתָא״ [4]... — און אין הארצן טראכט איך מיר: זאָלסט אזוי זײַן מיט דער נאָז, קאצעווניאק, ווי ס'איז פאראן גאָר אזא געמאָרע אף דער וועלט... — „איר זענט, מאכט ער צו מיר, טאָמיד דאָ מיט דער געמאָרע; גוט איז אײַך, רעב טעוויע, אז איר קאָנט אין די קליינע אויסיעס. נאָר צו וואָס נוצט עס, זאָגט ער, כאָכמעס, לאָמדערײַען. לאָמיר בעסער שמועסן וועגן אונדזער געשעפט. זיצט, רעב טעוויע״, — מאכט ער

1) ק״ן, 150
2) tray
3) trifles
4) [illegible], in a page
5) [illegible], attachment
6) according to

צו מיר און טוט א געשריי: „לאָז זײַן טיי!״ — און עס וואקסט אויס פון אונטער דער ערד די קארנאָסע ייִדענע, כאפט דעם סאַמאָוואר, ווי דער רוטף דעם מעלאמעד, און אוועק אין קיך ארײַן. —„אצינד, מאכט ער צו מיר, אז מיר זענען דאָ אליין, אונטער פיר אויגן, קאָנען מיר שמועסן אייסעק. די מײַסע דערפון, זאָגט ער, איז אזוי: איך האָב שוין מיט אײַך, רעב טעוויע, לאנג געוואָלט ריידן, איך האָב צו אײַך באפוילן דורך אײַער טאָכטער, וויפל מאָל געבעטן, איר זאָלט זיך מאטריח זײַן; פארשטייט איר מיך, איך האָב געוואָרפן אן אויג״.. — איך ווייס, זאָג איך, אז איר האָט געוואָרפן אן אויג, נאָר ס׳איז אומזיסט, זאָג איך, אײַער טירכע, עס וועט ניט גיין, רעב לייזער־וואָלף, עס וועט ניט גיין. — „פארוואָס עפּעס?״ — מאכט ער צו מיר און קוקט אף מיר דערשראָקן״. — פאר שאבעס, זאָג איך. איך קאָן באשטיין, עס זאָל נאָך געדויערן א ביסל, דער טײַך ברענט ניט. — „לעמײַ, זאָגט ער, זאָלט איר ווארטן, אז איר קאָנט אויספירן באלד?״ — דאָס, זאָג איך, איז איינמאָל אוועק; און וועהאשייניס, זאָג איך, איז גלאט א ראכמאָנעס, א צארבאלעכאים. —„קוק אים אָן, ווי ער מאכט אָנשטעלן, זאָגט לייזער־וואָלף מיט א געלעכטערל. עמעצער זאָל זײַן דערבײַ, וואָלט ער געקענט שווערן, אז זי איז בא אײַך איין און איינציקע — מיר דאכט, איר האָט זיי אָן אײַנאָרע גענוג, רעב טעוויע!״... — לאָזן זיי זיך שוין האלטן, זאָג איך. ווער ס׳איז מיך מעקאנע, דער זאָל אליין ניט האָבן... —„מעקאנע? ווער, זאָגט ער, רעדט פון מעקאנע? אדעראבע זאָגט ער, ווײַל זיי זענען בא אײַך, אָן אײַנאָרע, געראָטענע, דערפאר וויל איך טאקע, איר פארשטייט צי ניין? פארגעסט נאָר ניט, רעב טעוויע, די טויווע, וואָס אײַך קאָן דורך דעם ארויסקומען!״ — אוואדע, אוואדע, זאָג איך, פון אײַערע טויוועס, רעב לייזער־וואָלף, קאָן טאקע הארט ווערן דער קאָפּ ווינטער ווי א שטיקל אײַז, דאָס ווייסן מיר שוין לאנג, זאָג איך, נאָך פון אמאָל... —„ע! — מאכט ער צו מיר זיס־צוקערדיק. — וואָס גלײַכט איר, רעב טעוויע, אמאָל ביז הײַנט? אמאָל איז עפּעס אנדערש; עפּעס ווערן מיר דאָך שטיקלעך מעכוטאָנים, הא?״ — וואָס פאר א מעכוטאָנעשאפט? — זאָג איך. — „געווינטלעך, זאָגט ער, מעכוטאָנים!״ — וואָס מיינט איר, זאָג איך צו

אים, רעב לייזער־וואָלף, פון וואָסריידן מיר?—„אדעראבבע, זאָגט
ער, זאָגט שוין איר, רעב טעוויע, פון וואָס ריידן מיר?” — וואָס
הייסט, זאָג איך, מיר ריידן דאָך פון דער מאורע בעהיימע מײַנע,
וואָס איר ווילט בא מיר קויפן!—„כא כא כא! — מאכט ער און
ווערט צעגאָסן פאר געלעכטער. — ס'איז נישקאָשע פון א בעהיי־
מע, און נאָך א מאורע דערצו, כא־כא־כא!” — וואָס־זשע דען
האָט איר געמיינט, רעב לייזער־וואָלף? אדעראבבע, זאָגט, וועל איך
אויך לאכן.— „פון אײַער טאָכטער, מאכט ער צו מיר, פון אײַער
צייטלען ריידן מיר דאָך די גאנצע צײַט! איר ווייסט דאָך, רעב
טעוויע, אז איך בין, ניט פאר אײַך געדאכט, געבליבן אן אלמען,
האָב איך מיך מעיאשעוו געווען, וואָס באדארף איך זוכן אין דער
פרעמד דאָס גליק, נאָך האָבן צו טאָן מיט שאדכאָנים, רוכעס און
שיידים, אמער, אָט זענען מיר דאָ ביידע אפן אָרט, איך קען
אײַך, איר קענט מיך, דאָס קערן אליין איז מיר אויך געפעלן,
איך זע זי אלע דאָנערשטיק בא מיר אין יאטקע, א פאָר מאָל א
רעד געטאָן מיט איר, ווײַזט אויס נישקאָשע, א שטילע, און איך
אליין בין קענענאָרע א שטיקל באלעבאָס, ס'איז דאָ א שטוב
אן אייגענע, און קלייטלעך א פאָר, באלעבאטישקײַט, ווי איר
זעט, ניט צו פארזינדיקן, און אביסל פעל אפן בוידעם אויך, און
אביסל געלט אין קאסטן אויך; וואָס באדארפן מיר, רעב טעוויע,
די ציגײַנערשע שטיק. בעריען זיך, כאָכמען זיך? אמער, נעמט
מען און מע שלאָגט צו א האנט, איינס־צוויי־דרײַ, איר פארשטייט.
צי ניין?”...

בעקיצער, ער האָט מיר אויסגערעכנט אָט־אָ־דאָס־אָ, בין איך
געבליבן זיצן אָן לאָשן, ווי איינער, בעשאס מע קומט און מע
זאָגט אים אָן פלוצים א בסורע. לעכאטכילע איז מיר אפילע דורכ־
געפלויגן א מאכשאָווע: לייזער־וואָלף... צייטל... ער האָט שוין
אזוינע קינדער ווי זי... נאָר באלד האָב איך זיך אליין אָפגעש־
לאָגן: סטײַטש, אזא גליק! אזא גליק! עס וועט דאָך איר זײַן
גוט, ווי די גאנצע וועלט! אײַ, טאָמער איז ער ניט אזא צעוואָר־
פענער פארשוין? איז דאָס הײַנטיקע יאָרן, פארקערט, די גרעסטע
מײַלע, ווי זאָגט מען: אָדָם קָרוֹב לְעַצְמוֹ [5] — אז מע איז גוט פאר
יענעם, איז מען שלעכט פאר זיך. איין כיסאָרן נאָר, וואָס ער

רוחות; שדים, devils

איז אביסל פראָסטלעך... נו, מיילע, קאָן דען איטלעכער זײַן א יודייע סייפער? קארג פאראן נעגידים, פײַנע מענטשן אין אנא־טעווקע, אין מאזעפעווקע און אפילע אין יעהופעץ, וואָס (ווייסן ניט קײַן ציילעם פאר קײַן אלעף, — פונדעסטוועגן, אז ס'איז באַשערס, לאָמיך האָבן אזא יאָר, וואָס פאר א קאָוועד זיי האָבן אף דער וועלט, ווי אין פערעק שטייט: אִם אֵין קֶמַח אֵין תּוֹרָה 6) — דאָס הייסט, די טוירע ליגט אין קאסטן, און כאָכמע — אין קעשענע...

— „נו, רעב טעוויע, מאכט ער צו מיר, וואָס שווײַגט איר?" —וואָס זאָל איך שרײַען, זאָג איך צו אים—קלוימערשט, ווי איך קווענקל מיך; דאָס איז, רעב לייזער־וואָלף, פארשטייט איר מיך, אזא איניען, וואָס מע באדארף אים גוט באקלערן ארום און ארום; ס'איז עפעס ניט קײַן קאטאָוועסל, זאָג איך, דאָס ערשטע קינד בא מיר! אדעראבע, מאכט ער, ווײַל ס'איז דאָס ערשטע קינד בא אײַך; איר וועט שוין, זאָגט ער, נאָכדעם, אימירצעשעם, קאָנען כאסענע מאכן די אנדערע טאָכטער אויך, און שפעטער, מיט דער צײַט, די דריטע, איר פארשטייט צי ניין?" — אָמיין, גאם אטעם! — זאָג איך.—כאסענע מאכן איז קיין קונץ ניט, דער אייבערשטער זאָל נאָר צושיקן, זאָג איך, איטלעכן באזונדער זײַן זיווג...—„ניין, — מאכט ער, — ניט דאָס מיין איך, רעב טעוויע איך מיין עפעס אנדערש גאָר, וואָרום קײַן נאדן באָרעכאשעם, פאר אײַער צייטלען באדארפט איר שוין ניט, און אויסקליידן זי צו דער כאסענע, אלק, וואָס א מיידל באדארף — דאָס נעם איך אף זיך, און אײַך, זאָגט ער, וועט מיסטאמע דערפון אויך עפעס ארײַנפאלן אין בײַטל ארײַן..." — פע, מאך איך צו אים, איר רעדט דאָך עפעס גאָר, איר זאָלט מיר מויכל זײַן, טאקע ווי אין יאטקע! וואָס הייסט אין בײַטל ארײַן? פע! מײַן צייטל איז, כאָלילע, ניט אזעלכע, איך זאָל זי פארקויפן פאר געלט, פע־פע! — „פע איז פע, — מאכט ער צו מיר. — איך האָב געמיינט אדעראבע וועאדעראבע; נאָר אז איר זאָגט פע, זאָל זײַן פע! אז אײַך איז ליב, איז מיר ניכע! דעריקער, זאָגט ער, עס זאָל זײַן וואָס גיכער, איך מיין טאקע באלד. ווי זאָגט ער, א באלעבאָסטע אין שטוב ארײַן, איר פארשטייט, צי ניין?"... — מאכטייסע, — זאָג איך, — אין מיר

איז קיין מעניעָ; מע באדארף דאָך אָבער איבעררײדן מיט מײַן
פלוינעסטע, זאָג איך, אין אזעלכע זאכן האָט זי די דייע. ניט
קײַן קלייניקײַט, ווי ראשע מאכט: רָחל מְבַכָּה עַל בָּנֶיהָ 7) — א
מאמע איז א פאָקרישקע. הײַנט זי אליין, זאָג איך, צייטל, מיין
איך, באדארף מען אויך א פרעג טאָן, ווי זאָגט מען דאָס: אלע
מעכוטאָנים האָט מען מיטגענומען אף דער כאסענע, און דעם כאָסן
האָט מען געלאָזט אין דער היים...—„בלאָטע, — זאָגט ער, — פרעגן
באדארף מען גאָר? דערציילן, רעב טעוויע, קומען אהיים און
דערציילן: אזוי און אזוי, און שטעלן א כופּע, א וואָרט און צוויי
און א מאָהאָריטש!״ — זאָגט דאָס ניט, זאָג איך, זאָגט דאָס ניט,
רעב לייזער־וואָלף. א מיידל איז א מיידל, ניט קײַן אלמאָנע, כאַ־
לילע.—געוויינטלעך, — זאָגט ער, — א מיידל איז א מיידל, ניט
קײַן אלמאָנע, אָט דערפאר טאקע באדארף מען, זאָגט ער, באצײַטנס
דערפון ריידן, מאכמעס האלבאָשע, פארשטייט איר, דאָס־יענץ־
לאָקש־בוידעם־ציבעלע. און דערווײַלע, זאָגט ער, לאָמיר, רעב
טעוויע, נעמען צו קאפעלעך לעכאיִם, הא, צי ניין?״... — מאכ־
טייסע, — זאָג איך, — פארוואָס ניט? וואָס קער זיך אָן שאָלעם־
צו מאכלויקעס? — ווי זאָגט ער: אָדאָם איז א מענטש און בראָנפן
איז בראָנפן. ס'איז פאראן, זאָג איך, בא אונדז א געמאָרע... און
האק אים ארײַן א געמאָרע, איינע און די אנדערע, א נעכטיקער
טאָג, פון שיר־האשירים און פון כאדגאדיע...

בעקיצער, מיר האָבן אײַנגענומען דעם ביטערן טראָפּן, ככתוב —
ווי גאָט האָט געבאָטן! די קארנאָסע האט דערווײַלע געבראכט צו
טראָגן דעם סאמאָוואר, און מיר האָבן געמאכט צו גלעזעלעך פּונש,
פארבראכט גאָר פרײַנטלעך, געווינטשעוועט, געשמועסט, געפּלאפּלט
אלץ פונעם שידעך. — איר ווייסט דען, רעב לייזער־וואָלף, — זאָג
איך, — וואָס פאר א בארליאנט דאָס איז? — „איך ווייס, — זאָגט
ער, — גלייבט מיר, אז איך ווייס; איך זאָל ניט וויסן, זאָגט ער,
וואָלט איך גאָרניט גערעדט!״ און מיר ריידן אזוי ביידע אינײנעם.
איך שרײַ: א בארליאנט, א דימענט! איר זאָלט נאָר וויסן, ווי אזוי
זי צו שאנעווען, ניט ארויסבאווײַזן דעם קאצעוו... און ער: „האָט
קיין מוירע ניט, רעב טעוויע; וואָס זי וועט עסן בא מיר אינדער־
וואָכן, האָט זי בא אײַך ניט געגעסן אום יאָנטעוו״... — עס, זאָג

איך, עסן איז אויך אן אייסעק? דער נאָגיד, זאָג איך, עסט ניט קיין רענדלעך, דער אָרעמאן עסט ניט קיין שטיינער; איר זענט א פראָסטער מענטש, זאָג איך, פארשטייט איר ניט, ווי צו שאצן איר בעריעשאפט. איר כאלע באקן, אירע פיש, רעב לייזער־וואָלף, אירע פיש! מע באדארף, זאָג איך, האָבן א זכיִע... און ער ווידער: „רעב טעוויע, איר זענט, איר זאָלט מיר מויכל זיַין, שוין אויס־געוועפט, רעב טעוויע, איר קענט ניט קיין מענטשן, רעב טעוויע, איר קענט מיך ניט!"... און איך ווידער: אף איין וואָג גאָלד, און אף דער אנדערער צייטלען. הערט איר, רעב לייזער־וואָלף איר זאָלט אפילע פארמאָגן אײַערע, זאָג איך, רייש אלאָפים, זענט איר אויך ניט ווערט איר פיאטע!.. און ער ווידער: גלייבט־זשע מיר, רעב טעוויע, איר זענט א גרויסער נאר, כאָטש איר זענט עלטער פון מיר!"...

בעקיצער, מיר האָבן, אפּאָנעם, אוועקגעשריגן אָט־אזוי־אָ א היפּשע ווײַלע און זענען געוואָרן רעכט מעווּוסעמדיק, וואָרום אז איך בין געקומען אהיים, איז שוין געווען שפּעטלעך אין דער נאכט, און די פיס זענען מיר געווען ווי געפּענטעט... מײַן ווײַב, זאָל געזונט זײַן, האָט אָבער באלד דערקענט אין מיר, אז איך בין פארקנאקט, און האָט מיר געגעבן א וויסטן פּעטשאטעק, ווי איך בין ווערט.

— שא, בייזער זיך ניט, גאָלדע! — זאָג איך צו איר גאנץ פריילעך, און עס גלוסט זיך מיר אזש גיין טאנצן. — שרײַ ניט, נעשאָמע מײַנע, עס קומט אונדז — מאזלטאָוו!—„מאזלטאָוו? א וויס־טער מאזלטאָוו, — זאָגט זי, — האָסט שוין פּארזינדיקט די מאורע בעהיימע, לייזער־וואָלפן זי פארקויפט?" — נאָך ערגער! — זאָג איך.—„אויסגעביטן, — זאָגט זי, — אף אן אנדערער? אָפּגענארט לייזער־וואָלפן, א ראכמאָנעס נעבעך?" — נאָך ערגער! — זאָג איך. — „נו, רייד שוין, — זאָגט זי, — ווערטער, קוק אָן, ווי מע באַ־דארף בא אים קויפן א וואָרט!" — מאזלטאָוו דיר, גאָלדע, זאָג איך נאָכאמאָל, מאזלטאָוו אונדז ביידן, אונדזער צייטל איז א קאלע געוואָרן!—„אויב אזוי, — זאָגט זי, — ביסטו דאָך טאקע גוט פארקלאפּט, גאָרניט אף קאטאָוועס, רעדסט פונעם וועג! האָסט, אפּאָנעם, געמאכט, זאָגט זי, א רעכטע קויסע?" — א קויסע, — זאָג

איך, — האָבן מיר מיט לייזער־וואָלפן געמאכט, און צו גלעזלעך פונש האָבן מיר מיט לייזער־וואָלפן גענומען, נאָר בא די געדאנ־קען, זאָג איך, בין איך נאָך. היניי זײַ וויסן, גאָלדע ברודער, אז אונדזער צייטל איז אין א גוטער, א מאזלדיקער שאָ א קאלע געוואָרן פאר אים אליין. פאר לייזער־וואָלפן!

און איך האָב איר איבערגעגעבן די גאנצע מײַסע פון אָנהייב ביזן סאָף, ווי אזוי און וואָס און ווען און פון אלץ, וואָס מיר האָבן גערעדט, ניט דורכגעלאָזט קיין האָר אפילע. — „הערסטו, טעוויע, — זאָגט צו מיר מײַן ווײַב, — גאָט זאָל מיר טאקע אזוי העלפן, ווו איך וועל מיך קערן און ווענדן, זאָגט זי, ווי דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט, אז דאָס, וואָס לייזער־וואָלף האָט דיך גערופן, איז ניט אומזיסט. נאָר וואָס־זשעדען? איך האָב מוירע געהאט דערפון צו טראכטן, טאָמער, כאָלילע, לאָזט זיך אויס א בוידעם. איך דאנק דיר, גאָטעניו, זאָגט זי, איך דאנק דיר, הארצע־דיקער פאָטער געטרײַער, סע זאָל טאקע נאָר זײַן אין א גוטער שאָ, א מאזלדיקער, זי זאָל זיך עלטערן מיט אים אין אוישער און אין קאָוועד, ווײַל פרומע־סאָרע, זאָל זײַן אָפגעשיידט פון מיר, האָט געהאט בא אים עפּעס ניט אזא גוטע וועלט; זי איז, זאָל זי מיר מוילכל זײַן, ניט אקעגן נאכט דערמאָנענדיק, געווען א ייִדענע אן אײַנגעגעסענע, ניט געקאָנט אויסקומען מיט קיינעם, גאָר ניט דאָס, וואָס אונדזער צייטל, איר צו לענגערע יאָר. אדאנק דיר, א דאנק דיר, גאָטעניו! נו, טעוויע, זאָגט זי, וואָס האָב איך דיר געזאָגט, דו לעקעש איינער? באדארף זיך א מענטש זאָרגן? אז ס׳איז באשערט, זאָגט זי, קומט דאָס אליין אין שטוב ארײַן״...

— דאָס אוואדע, זאָג איך, ס׳איז דאָך א בעפיירעשער פּאָסעק...

— „וואָס טויג מיר דײַן פּאָסעק, זאָגט זי, מע באדארף זען גרייטן זיך צו דער כאסענע; קוידעמקאָל אויסרעכענען, זאָגט זי, לייזער־וואָלפן א צעטל, וואָס צייטל באדארף האָבן צו דער כאסענע; מיילע, פון פּאָווילע, זאָגט זי, איז ניטאָ וואָס צו ריידן. זי האָט נאָך ניט קיין פּאָדעם גרעט, זאָלסט זאָגן — א פּאָר זאָקן אפילע. היינט, זאָגט זי, מאלבושים — איינס א זײַדנס צו דער כופּע און איינס א וואָלנס אף זומער, דאָס אנדערע אף ווינטער, און פּלא־טיעס א פּאָר, און קליידלעך אונטערשטע, און מאנטלען, זאָגט זי,

וויל איך, זי זאָל האָבן צוויי; איינעם א בורנעס מיט קעץ אף אינדער־וואָכן, און איינעם א גוטן מיט שליאמעס אף שאבעס; הייַנט עפּעס שטיוועלעך, מיט קולקעס, שטאליקעלע, א גאָרסעט, הענטשקעלעך, נאָזטיכלעך, א זאָנטיקל און די איבעריקע זאכן דאָרטן, וואָס א מיידל באדארף האָבן הייַנטיקע צייַטן..." — ווי קומט דאָס צו דיר, זאָג איך, גאָלדע סערצע, "דו זאָלסט גאָר וויסן פון אזעלכע שמאָכטע־ליאקעס? — "וואָס איז? זאָגט זי, איך בין ניט געווען צווישן מענטשן? צי איך האָב עפּשער ניט געזען בא אונדז אין קאסרי־לעווקע, ווי אזוי מע גייט אָנגעטאָן בא לייַטן? דו, זאָגט זי, לאָז מיך, איך וועל שוין אליין אלצדינג מיט אים ריידן; לייזער־וואָלף, זאָגט זי, איז, נישקאָשע, א ייִד א נאָגיד, ער וועט מיסטאמע אליין אויך ניט וועלן, אז די גאנצע וועלט זאָל האָבן מיט אים צו טאָן; אַז מע עסט כאזער, זאָל כאָטש רינען איבער דער באָרד"...

בעקיצער, מיר האָבן אזוי אוועקגערעדט ביזן ווייַסן טאָג ארייַן. — נעם צונויף, זאָג איך, מייַן ווייַב, דאָס ביסל קעז און פוטער און לאָמיך פאָרן דערווייַל קיין בויבעריק; עס איז טאקע אלצדינג שיין און פייַן ארום און ארום, נאָר דאָס געשעפט, זאָג איך, קאָן מען ניט פארבייגן אף א זייַט, ווי שטייט דאָרטן: די וועלט איז אויך א וועלט. און גאנץ פרי, עס איז נאָך געווען טונקל, האָב איך אייַנגעשפאנט דאָס פערד־און־וועגעלע און בין אוועק קיין בויבעריק. געקומען קיין בויבעריק אפן מארק — אהא! (ס'איז דען פאראן א סאָד בא ייִדן?) מע ווייסט שוין אלצדינג און מע שטעקט אָפּ מאזלטאָוו פון אלע זייַטן: מאזלטאָוו אייַך, רעב טעוויע, ווען האָבן מיר, אימירצעשעם, א כאסענע? — מיט מאזל זאָלט איר, זאָג איך, לעבן, עס קומט אויס, ווי מע זאָגט: דער טאטע איז נאָך גאָר ניט געבאָרן געוואָרן, איז שוין דער זון אויסגעוואקסן אפן דאך...— "בלאָטע, זאָגן זיי, עס וועט אייַך גאָר ניט העלפן רעב טעוויע, מאשקע מוזט איר שטעלן; קענענאָרע אזא גליק, א שמאלץ־גרוב!" — די שמאלץ רינט אויס, זאָג איך, די גרוב בלייַבט איבער. נאָר פונדעסטוועגן, זאָג איך, קאָן מען קייַן כאזער ניט זייַן און פון כעוורע ניט אָפּשטיין. אָט פאר־טיק איך מיך אָפּ מיט אלע מייַנע יעהופּעצער באלעבאטים, זאָג איך, וועט זייַן א גלעזל מאשקע און פארבייַסן, כיי—געלעבט

און אן עק, דאָס הייסט: צהלה ושמחה[8] — הוליע קאפצן!..

בעקיצער, אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט מײַן מיסכער, גיך און געש־ווינד, ווי געוויינטלעך, האָב איך גענומען מיט גוטע ברידער צו ביסלעך לעכאַיִם, צוגעווינטשעוועט זיך איינער דעם אנדערן, ווי עס געהער צו זײַן, און איך האָב מיך אופגעזעצט און בין אוועק אהיים לעבעדיק — פריילעך, גאָר בעגילופן. פאָרנדיק אזוי אין וואלד, זומער־לעבן, די זון באקט, נאָר פון ביידע זײַטן וואלד דער שאָטן פוןביימער, דער רייעך פון די סאָסנעס, מעכײַע־נעפּאָשעס. צי איך מיך אויס ווי א גראף אין וועגעלע, לאָז נאָך מײַן כעוורעמאן די לייצעס: גיי שוין, זאָג איך צו אים, זײַ מויכל, אליין, דער וועג דארף דיר שוין זײַן באקאנט, — און אליין צעלאָז איך מיך אף א קאָל און זינג מיר א ניגנדל. אפן הארצן איז עפּעס יאָנטעוודיק; עס זינגט זיך שטיקלעך פון יאָמים נוראָיִם: „ויאתיו“, „וכל מאמינים שהוא“ און פון „הלל“[9]. איך קוק מיר אהין ארוף, אין הימל ארײַן, און די געדאנקען — מאכשאָ־וועס פלאָנטערן זיך דאָ, אף דער ערד...

פלוצים צעלאָזט זיך דאָס פערדל מײַנס אראָפּ א בארג, און איידער איך הייב אוף דעם קאָפּ א קוק טאָן, ווו איך בין אין דער וועלט, ליג איך שוין אף דער ערד מיט אלע ליידיקע טעפּ־לעך און קריגלעך, און דאָס וועגעלע אף מיר! קאם מיט צאָרעס, מיט ליידן ארויסגעקראטשקעט זיך, און אופגעשטאנען א צעבּ־ראָכענער, א צעהארגעטער, לאָז איך אויס מײַן ביטער הארץ צום פערדל. — אײַנגעזונקען זאָלסטו ווערן! ווער האָט דיך געבעטן, שלימאזל, באווײַזן א בעריעשאפט, אז דו קאָנסט לויפן בארג־אראָפּ? האָסט דאָך מיך שיר, זאָג איך, אומגליקלעך געמאכט, דו אשמעדײַ! און איך האָב אים אײַנגעטיילט, וויפל ס'איז אין אים ארײַן. מײַן באָכער האָט, אפּאָנעם, אליין פארשטאנען, אז ער האָט דאָ פארשטיפט א מיִעסע מײַסע, געשטאנען אראָפּגעלאָזט די מאָר־דע, כאָטש מעלק אים אויס. — כאפּט דיך דער וואטנמאכער, — זאָג איך צו אים, און מאך צורעכט דאָס וועגעלע, נעם צו־נויף די קיילים און הלך לעולמו[10] — פאָר ווײַטער. ניט קײַן גוטער סימען, זאָג איך צו זיך אליין; איך האָב מוירע, צי עס האָט זיך ניט געטראָפן אין דערהיים עפּעס א נײַער אומגליק?...

קאכאווע. איך פאָר אראָפּ נאָך א וויאָרסט צוויי, שוין ניט ווײַט פון דערהיים, דערזע איך, אין מיטן שליאך גייט גלײַך אקעגן מיר א מענטש אין געשטאלט פון א נעקייווע. איך פאָר צו נעענטער, קוק מיך אײַן: צייטל!... איך ווייס ניט פארוואָס, נאָר עס האָט זיך מיר אָפּגעריסן אין הארצן, אז איך האָב זי דערזעען. איך שפּרינג אראָפּ פונעם וואָגן: — צייטל, ס׳איז דו? וואָס טוסטו דאָ? פאלט זי מיר ניט אפן האלדז מיט א געוויין? — גאָט איז מיט דיר, — זאָג איך, — טאָכטער מײַנע, וואָס וויינסטו? „אוי, זאָגט זי—טאטע, טאטע!״... און באוואשט זיך מיט טרערן. עס איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן און פארקלעמט באם הארצן. — וואָס איז דיר, טאָכטער, זאָג מיר, וואָס איז דיר געשען? — זאָג איך צו איר און נעם זי ארום, גלעט זי, האלדז זי, קוש זי, און זי אין איין קאָל: „טאטע, טאטע, הארציקער געטרײַער, זאָגט זי, דעם דריטן טאָג א שטיקל ברויט, האָב ראכמאָנעס, זאָגט זי, אף מײַנע יונגע יאָר!״... און פארגייט זיך פאר געוויין, קאָן מער קײַן וואָרט ניט ארויסריידן. אז אָך און וויי איז מיר, טראכט איך, איך שטויס מיך שוין, וואָס דאָ איז! דער רועך האָט מיך אוועקגעטראָגן קײַן בויבעריק! — וואָס באדארף מען וויינען, זאָג איך צו איר און גלעט זי באם קאָפּ, נארעלע, וואָס באדארף מען וויינען? מימאָנעפשעך, זאָג איך, ניין איז ניין, מע וועט דיר מיט גוואלד, כאָלילע, קיינער ניט אָנהענגען א לונג און לעבער אף דער נאָז. מיר האָבן, זאָג איך, געמיינט דײַן טויווע טאקע, געוואָלט ווי צום בעסטן. עלע ס׳איז דיר ניט צום הארצן, וואָס זאָל מען טאָן? מיסטאָמע, זאָג איך, איז ניט באשערט... — „אדאנק דיר, זאָגט זי, טאטע, לאנג לעבן זאָלסטו״. — און פאלט מיר ווידער אפן האלדז און הייבט ווידער אָן צו קושן מיך און וויינען, גיסן מיט טרערן. — אָבער לאָז שוין זײַן גענוג געוויינט, זאָג איך, הכל הבל [11]) — קרעפּלעך עסן קאָן אויך נימעס ווערן; קריך, זאָג איך, אין וואָגן ארײַן און לאָמיר פאָרן אהיים, די מאמע, זאָג איך, וועט דאָרטן איבערטראכטן מײַעדייע וואָס!

בקיצער, מיר האָבן זיך ביידע ארײַנגעזעצט אין וואָגן ארײַן, און איך האָב אָנגעהויבן אײַנצושטילן זי מיט רייד, אהין, אהער.

די מײַסע דערפון, זאָג איך, איז דאָך אזוי; מיר האָבן, זאָג איך, דערבײַ, כאָלילע, קיין שום שלעכטע מאכשאָווע ניט געהאט; גאָט איז יעדייע דעם עמעס, מיר האָבן געוואָלט, ווי זאָגט ער, לעייסצאָרע באוואָרענען א קינד; איי, עס לאָזט זיך ניט, מיס־טאָמע, זאָג איך, הייסט גאָט אזוי; ניט באשערט, זאָג איך, דיר, טאָכטער מײַנע, קומען אפן גרייטן, ווערן א באלעבאָסטע אף אלדאָס גוטס, און אונדז א שטיקל נאכעס דערלעבן, זאָג איך, אף די עלטערע יאָרן, פאר אונדזער האָרעוואניע, זאָג איך, טאָג ווי נאכט אין דער טאטשקע אײַנגעשפאנט, קיין גוטע מינוט, נאָר דאלעס, נאָר דאכקעס, נאָר שלים־שלימאזל ארום און ארום!..—„אוי, טאטע, זאָגט זי צו מיר ווידער מיט א געוויין. איך וועל מיך שטעלן, זאָגט זי, פאר א דינסט, ליים וועל איך טראָגן, ערד וועל איך גראָבן!"... — וואָס וויינסטו, נאריש מיידל, זאָג איך צו איר, איך זאָג דיר דען עפּעס, נארעלע? צי איך האָב טײַנעס צו דיר? גלאט, זאָג איך, ס'איז ביטער און פינצ־טער, רייד איך מיר אויס דאָס הארץ, שמועס איך מיך אויס מיט אים, מיטן ריבוינעשעלוילעם, ווי אזוי ער פירט מיט מיר; ער איז, זאָג איך, אן אָב הרחמן [12]), האָט ראכמאָנעס אף מיר, פײַנט זיך אויס קעגן מיר, זאָל ניט שטראָפן פאר די רייד, זאָג איך, רעכנט זיך, ווי מיט א טאטן. און גיי שרײַ כײַ־וועקײַעם! נאָר מיסטאָמע, זאָג איך, באדארף אזוי צו זײַן; ער איז אויבן אינ־דערהייך, זאָג איך, און מיר זענען דאָ, אין דער ערד, טיף, טיף אין דער ערד, מוזן מיר זאָגן, אז ער איז גערעכט, און זײַן מישפּעט איז גערעכט. וואָרום אז מיר זאָלן וועלן שמועסן פּאקע דאָס אייגענע ווידער צוריק, בין איך דען ניט קיין גרויסער נאר? וואָס שרײַ איך? וואָס פּילדער איך? וואָס הייסט, זאָג איך, איך, קליין ווערימל, וואָס פּיזשע ארום דאָ אף דער ערד, וואָס א מינדסט ווינטעלע, אז גאָט וויל נאָר, מאכט פון מיר א טעל אוילעם, אין איין קעהערעפּאיִן, שטעל איך מיך ארויס מיט מײַן נארישן סייכל און וויל אים זאָגן דייעס, ווי אזוי צו פירן דאָס וועלטל זײַנס? מיסטאָמע, אז ער הייסט אזוי, באדארף זײַן אזוי, וואָס העלפט דאָ טײַנעס? פערציק טעג, זאָג איך, אזוי שטייט געשריבן בא אונדז אין די הייליקע ספאָרים, פערציק טעג פאר

דעם, איידער דאָס קינד ווערט באַשאַפן בא דער מוטער אין בויך, קומט א מאַלעך און שרײַט אויס: בת פּלויני לפלוני, לאָז טעוויעס טאָכטער געמען געצל בען זאָרעכן, און לייזער־וואָלף דער קאַצעוו לאָז מויכל זײַן פאָרן ערגעץ אַנדערש זוכן זיך זײַן גלײַכן, זײַנס וועט אים ניט אַנטלויפן, און דיר, זאָג איך, לאָז גאָט צושיקן דײַן זיווּעג, נאָר עפּעס א רעכטס, און וואָס צום גיכסטן. אָמיין, כּן יהי רצון[18]) — זאָג איך, די מאַמע זאָל כאָטש אַזוי ניט שרײַען, איך וועל שוין פון איר כאַפּן א גוטן פּסק!..

בעקיצער, מיר זענען געקומען אַהיים, אויסגעשפּאַנט דאָס פערדל און אַוועקגעזעצט זיך בא דער שטוב אפן גראָז עפּעס צוטראַכטן אן אייצע, אויסקלערן פאַר מײַן ווײַב א מײַסע פון טויזנט־איין־נאַכט, אַבי אַרויס פון א צאָרע. פאַרנאַכטלעך, די זון זעצט זיך; זומער־לעבן, די זשאַבעס פונדערווײַטן קוואַקען; דאָס פערדל, געפּענטעט אף צוויי פיס, טשטשיפּעט גראָז; די בעהיימע־לעך, נאָר וואָס געקומען פון דער טשערעדע, שטייען איבער די ציבערס און וואַרטן, מע זאָל זיי אויסמעלקן, אַרום און אַרום דאָס גראָז שמעקט — נאָר א גאַניידן!

איך זיץ מיר אַזוי און באַטראַכט דאָס אַלצדינג און קלער מיר בעשאַס־מײַסע, ווי קלוג דער ריבוינעשעלוילעם האָט דאָס באַשאַפן דאָס וועלטל זײַנס, אַזוי אַז איטלעכס באַשעפעניש, פונעם מענטשן ביז לעהאַוודל א בעהיימע, זאָל זיך פאַרדינען זײַן ברויט — אומזיסט איז ניטאָ! דו, בעהיימע, ווילסט זיך פרעסן — גיי מעלק זיך, גיב מילך, זײַ מעפּאַרנעס א ייִד מיט ווײַב און קינדערלעך! דו, פערדל, ווילסט קײַען — לויף אַלעמאָל הין און צוריק מיט די טעפּלעך קיין בויבעריק! און דאָס גלײַכן דו, מענטש, לעהאַוודל, ווילסט א שטיקל ברויט — גיי האָרעווע, מעלק די בעהיימעס, טראָג זיך מיט די קריגלעך, שלאָג פּוטער, מאַך קעז, שפּאַן דאָס פערדל און שלעפּ זיך אַלע פרימאָרגן קיין בוי־בעריק אף די דאַטשעס, נייג זיך און בוק זיך צו די יעהופּעצער גווירים, שמייכל צו זיי, כאַנפע זיי, קריך זיי איטלעכן באַזונדער אין דער נעשאָמע אַרײַן, גיב אַכטונג, זיי זאָלן זײַן צופרידן, כאָלילע ניט אָנרירן זיי אין קאָוועד!.. אײַ, בלײַבט דאָך א קאַשע: מאַ נישטאַנע? — ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז טעוויע באַדאַרף

האָרעווען פון זייערטוועגן, אופשטיין גאנצפרי, ווען גאָט אליין שלאָפט נאָך, — וואָס איז? ביכדיי זיי זאָלן האָבן פונקט צו דער קאווע א פריש שטיקל קעז און פוטער? ווו שטייט דאָס געשריבן, אז איך בין מעכויעוו אויסגעריסן ווערן צוליב א שיטערן קרופּ־ניק, א קוליש מיט גרויפּן, און זיי, די יעהופּעצער גווירים, באדארפן אויסרוען די ביינער אף די דאטשעס, ניט טאָן קיין האנט אין קאלט וואסער און עסן דאפּקע געבראָטענע קאטשקע־לעך, און דאפּקע גוטע קנישעס, בלינצעס מיט ווערטוטן?

בין איך דען ניט אזא ייִד, ווי זיי? וואָלט דען ניט געווען קיין יושער, כ׳לעבן, אז טעוויע זאָל זיך אוועקזעצן כאָטש איין זומער אף א דאטשע? איי, ווו וועט מען נעמען קעז און פוטער? ווער וועט מעלקן די בעהיימעס? טאקע זיי, די יעהופּעצער סטיקראטן, מיין איך... און איך צעלאך מיך אליין פון אזא מעשו־גענעם געדאנק, ווי זאָגט די וועלט א ווערטל: אז גאָט זאָל הערכן די נאראָנים, וואָלט די וועלט געהאט אן אנדער פּאָנעם...

— „א גוטן אָוונט, רעב טעוויע!“ — הער איך עמעצער רופט מיך אָן באם נאָמען, איך דריי מיך אויס און טו א קוק — א באקאנטער: מאָטל קאמזויל, א שנײַדער־יונג פון אנאטעווקע. — באָרוך האבאָ, זאָג איך, סקאָצל־קומט, מע זאָל דערמאָנען מאָשיִכן, זיץ, מאָטל, אף גאָטס ערד, זאָג איך, ווי קומסטו פלוצים אהער? — „ווי איך קום? מיט די פיס“, — מאכט ער צו מיר און זעצט זיך אוועק נעבן מיר אפן גראָז און קוקט אהין, ווו מײַנע מיידלעך דרייען זיך ארום מיט די טעפּלעך און מיט די קריג־לעך. — „איך קלײַב מיך שוין לאנג צו אײַך, רעב טעוויע, מאכט ער צו מיר, נאָר איך האָב אלץ קיין צײַט ניט. איין שטיקל ארבעט ארויסגעלאָזט, דאָס אנדערע גענומען. איך בין מיר הײַנט אליין פאר זיך א שנײַדער. ארבעט איז פאראן, באָרעכאשעם, גענוג. אלע שנײַדער זענען פארוואָרפן מיט ארבעט. ס׳איז בא אונדז מעשעך א זומער פון כאסענעס: בערל פּאָנפּאטש מאכט כאסענע; יאָסל שייגעץ מאכט כאסענע; מענדל זאיִקע מאכט כאסענע; יאנקל פּיסקאטש מאכט כאסענע; מוישע גאָרגל מאכט כאסענע; מייער קראָפּעווע מאכט כאסענע, כאיִם לאָשעק מאכט כאסענע; און אפילע טריהובעכע די אלמאָנע מאכט אויך

כאסענע! — די גאנצע וועלט, זאָג איך, מאכט כאסענע, נאָר איך איינער האלט נאָך ניט דערבײַ; מיסטאָמע בין איך ניט ווערט בא גאָט...—„ניין,—מאכט ער צו מיר און קוקט אהין, ווו די מיידלעך זענען,— איר האָט א טאָעס, רעב טעוויע; איר זאָלט וועלן, וואָלט איר אויך געהאלטן איצט בא כאסענע מאכן, עס ווענדט זיך נאָר אָן אײַך... — דעהײַנע, זאָג איך, ווי ארום? עפשער מיינסטו א שידעך פאר מײַן צייטלען?— „ווי געמאָסטן!״— מאכט ער צו מיר. — כאָטש עפּעס א רעכטן שידעך? — זאָג איך און טראכט מיר בעשאס־מײַסע: עס וועט זײַן שיין, טאָמער מיינט ער לייזער-וואָלף דעם קאצעוו!..— „טשאקנדיק און קנאקנדיק!״ — ענטפערט ער מיר אף שנײַדער־לאָשן און קוקט אלץ אהין, ווו די מיידלעך זענען. — פונוואנען, לעמאָשל, איז דער שידעך דײַנער, פרעג איך אים, פון וואָסערע קאנטן? אויב ער שמעקט מיט יאטקע, זאָג איך, וויל איך גאָר ניט הערן, ניט זען!— „כאס וועכאָלילע, זאָגט ער, ער הייבט ניט אָן צו שמעקן מיט יאטקע; איר קענט אים, רעב טעוויע, זייער גוט!״... — איז דאָס כאָטש, זאָג איך, עפּעס א גלײַכע זאך?—„נאָך א מין גלײַך, זאָגט ער, גלײַך צו גלײַך איז ניט גלײַך! ס׳איז, ווי מע זאָגט, אָגל ווועס־מאך ¹⁴) — צוגעשניטן און אופגענייט!״... — ווער־זשע איז דער שידעך, זאָג איך, לאָמיר האָרכן?— „ווער דער שידעך איז? — מאכט ער און קוקט אלץ אהין. — דער שידעך איז, פּארשטייט איר מיך, רעב טעוויע, טאקע איך אליין״...

ווי ער האָט דאָס מיר נאָר אויסגערעדט, אזוי בין איך אונטערגעשפרונגען, ווי אָן אָפּגעבריטער, פון דער ערד, און ער נאָך מיר, און אזוי זענען מיר געבליבן שטיין איינער אקעגן אנדערן, אָנגעדראָדלט, ווי די האָנען.

— צי דו ביסט מעשוגע געוואָרן, זאָג איך צו אים, צי דו ביסט גלאט אזוי אראָפּ פונעם זינען? ביסט אליין דער שאדכן, אליין דער מעכוטן און אליין דער כאָסן, דאָס הייסט, אָן אייגענע כאסענע מיט אייגענע קלעזמער! איך האָב נאָך, זאָג איך, אזעלכעס ניט געהערט אין ערגעץ, אז א באָכער זאָל זיך אליין ריידן א שידעך!—„דאָס וואָס איר זאָגט, רעב טעוויע, מאכט ער צו מיר, אז איך בין מעשוגע, לאָזן אונדזערע סאָנים מעשוגע ווערן; איך

בין נאָך, מעגט איר מיר גלייבן, בא אלע געדאנקען; מע באַ־
דארף גאָרניט זיַין, זאָגט ער, מעשוגע, אז מע זאָל וועלן אײַער
צייטלען; א סימען האָט איר, אז לייזער־וואָלף, וואָס איז דער
גרעסטער גוויר בא אונדז אין שטאָט, האָט זי געוואָלט נעמען
ווי זי שטייט און גייט... איר מיינט, ס'איז א סאָד? דאָס גאנצע
שטעטל ווייסט שוין!.. און דאָס, וואָס איר זאָגט, אליין, אָן א
שאדכן, איז מיר א כידעש, זאָגט ער, אף אײַך; איר זענט דאָך,
רעב טעוויע, עפּעס יאָ א ייִד, וואָס קאטאָרע קיין פינגער אין
מויל באדארף מען אײַך ניט אריַינלייגן, איר וועט אָפּבײַסן.. נאָר
וואָס טויג לאנגע שמועסן? די מײַסע פון דער געשיכטע, זאָגט
ער, איז אזוי: איך און אײַער טאָכטער צייטל האָבן זיך געגעבן
דאָס וואָרט שוין לאנג, שוין העכער א יאָר, אז מיר זאָלן זיך
נעמען"...

א מעסער אין הארצן ווען עמעצער זעצט מיר אריַין, וואָלט
מיר געוועזן אסאך מער ניכע, ווי דידאָזיקע ווערטער: ערשטנס,
ווי קומט ער, מאָטל שנײַדער, צו טעוויען פאר אן איידעם?
וועהאשייניס, וואָס איז דאָס פאר דיבורים: זיי האָבן זיך
געגעבן דאָס וואָרט, אז זיי זאָלן זיך נעמען?

— נו, און ווו בין איך? — רוף איך מיך אָן צו אים. — עפּעס
האָב איך אויך א שטיקל דייע צו זאָגן אף מײַן קינד, צי מיך
פרעגט מען שוין מער ניט? —„כאס וועכאָלילע, מאכט ער, דערוף
בין איך דאָך טאקע געקומען צו אײַך איבעריידן. אזוי ווי איך
האָב דערהערט, אז לייזער־וואָלף שאדכנט זיך צו אײַער טאָכ־
טער, וואָס קאטאָרע שוין העכער א יאָר, אז איך האָב זי ליב..."
— ס'א מאָשל, זאָג איך, אז טעוויע האָט א טאָכטער צייטל, און
דו הייסט מאָטל קאמזויל און ביסט א שנײַדער, הײַנט וואָס
האָסטו צו איר, דו זאָלסט זי פײַנט האָבן?..— „ניין, מאכט ער
ניט דאָס מיין איך, איך מיין גאָר עפּעס אנדערש, איך האָב אײַך
געוואָלט דערציילן, אז איך האָב ליב אײַער טאָכטער, און אײַער
טאָכטער האָט מיך ליב, שוין העכער א יאָר, זיך געגעבן דאָס
וואָרט, מיר זאָלן זיך נעמען. האָב איך, זאָגט ער, עטלעכע מאָל
געוואָלט זײַן בא אײַך איבעריידן, נאָר אלץ אָפּגעלייגט אף שפּע־
טער, ביז איך וועל מיר צונויפשלאָגן עטלעכע קערבלעך אף א

מאשין, און נאָכדעם ערשט אויסקליידן זיך, ווי עס געהער צו זײַן, וואָרום א ליאדע באָכערל הײַנטיקע צײַטן האָט צוויי קאָס־טיומען מיט עטלעכע קאמזוילן"...— טפו זאָלט איר ווערן, מאך איך צו אים, מיט אײַער קינדערשן סייכל! און וואָס וועט איר טון נאָך דער כאסענע — פארוואַרפן די ציין אף די בענטאנעס, צי דו וועסט האָדעווען דײַן ווײַב מיט קאמזוילן?.. — „ע, מאכט ער צו מיר, אף אײַך איז מיר, רעב טעוויע, א כידעש, איר זאָלט אזעלכעס זאָגן! איך מיין, אז איר האָט כאסענע געהאט, האָט איר, דאכט מיר, קיין אייגענעם מויער נאָך ניט געהאט, פונ־דעסטוועגן זעט איר דאָך... מימאָנעפשעך, וואָס עס וועט זײַן מיט קאָל ייִסראָעל וועט זײַן מיט רעב ייִסראָ"ל... הײַנט בין איך דאָך א שטיקל באלמעלאָכע אויך"...

בעקיצער, וואָס זאָל איך דאָ אײַך לאנג מאריך זײַן? ער האָט מיך איבערגערעדט, וואָרום — לעמײַ זאָלן מיר זיך נארן, ווי אזוי האָבן אלע ייִדישע קינדער כאסענע? אז מע זאָל וועלן קוקן אף די זאכן, וואָלט אונדזער גראד קיינמאָל ניט באדארפט כאסענע האָבן... איין זאך האָט מיר נאָר פארדראָסן און האָב דאָס ניט געקאָנט פארשטיין בעשומויפן: וואָס הייסט, זיי אליין האָבן זיך געגעבן דאָס וואָרט? וואָס איז דאָס פאר א וועלט געוואָרן? א באָכער באגעגנט זיך מיט א מיידל און זאָגט צו איר: לאָמיר זיך געבן דאָס וואָרט, אז מיר זאָלן זיך נעמען... עפעס גלאט העפקער ציבעלעס!.. נאָר אז איך האָב א קוק געטון אף מײַן מאָטלען, ווי ער שטייט זיך אזוי, דעם קאָפּ אראָפּגע־לאָזט, ווי א זינדיקער מענטש, מיינט דאָס גאנץ ערנסט, אָן שום כאָכמעס דערבײַ צו האָבן, האָב איך מיך מעיאשעוו געווען: לאָמיר זיך נאָר גוט בארעכענען טאקע דאָס אייגענע ווידער צוריק. וואָס ברעקל איך מיך אזוי און וואָס מאך איך דאָ אָנשטעלן? דער גרויסער מעיוכעס וואָס איך בין, רעב צאָצעלעס אן אייניקל, צי די גוזמעס נאדן, וואָס איך גיב מײַן טאָכטער, צי די האלבאָשע אירע, משטיינס געזאָגט?.. מאָטל קאמזויל איז טאקע א שנײַדער, ער איז אָבער א גאנץ פײַן באָכערל, אן ארבעט־יונג, קאָן געבן א ווײַב ברויט, און דערצו נאָך אן ערלעך ייִנגל אויך, הײַנט וואָס האָב איך צו אים? — טעוויע, זאָג איך צו מיר אליין, מאך

ניט קיין פוילע טנועס און זאָג „באָם", ווי אין פּאָסעק שטייט: סלחתי כּדבריך [15] — לאָז זײַן מיט גליק!..

יאָ, וואָס טוט מען אָבער מיט מײַן אלטער? איך וועל דאָך פון איר האָבן אף שיסל און אף טעלער! ווי אזוי פּירט מען זי אַרוף, אז עס זאָל בא איר ווערן רעכט?..

— ווייסטו גאָר וואָס, מאָטל? — רוף איך מיך אָן צו מײַן כּאָסן, — דו גיי דיר אהיים, איך וועל מיר דאָ דערווײַל צורעכט מאכן אלק, וואָס מע באדארף, איבערשמועסן מיט דעם, מיט יענעם, ווי אין דער מעגילע שטייט: והשתיה כדת [16] — אלצדינג דארף זײַן באטראכט. און אימירצעשעם מאָרגן, אויב דו וועסט ביז דעמאָלט קיין כּאראָטע ניט האָבן, וועלן מיר זיך מיסטאָמע זען... — „כּאראָטע? — מאכט ער צו מיר. — איך וועל האָבן כּאראָטע? איך זאָל ניט דערלעבן אוועקגיין פון דעם אָרט, עס זאָל פון מיר ווערן, זאָגט ער, א שטיין, א ביין!"... — צו וואָס טויג דיר נאָך דאָס שווערן זיך, וואָס דו שווערסט זיך, זאָג איך אים, אז איך גלייב דיר אָן א שוווע? גיי געזונט, זאָג איך, און א גוטע נאכט. און לאָזן זיך דיר כּאָלעמען גוטע כּאלוימעס...

און אליין לייג איך מיך אויך שלאָפן, נאָר עס נעמט מיך ניט קיין שלאָף; דער קאָפּ ווערט מיר שיר ניט צעפאלן אף שטיקער, טראכטנדיק אזא פּלאן און אזא פּלאן, ביז איך בין געפאלן אף דעם רעכטן פּלאן. וואָס־זשע איז דער פּלאן? אָט וועט איר הערן, ווי אזוי טעוויע פּאלט אף א גלײַכס!

בעקיצער, ארום האלבע נאכט, די גאנצע שטוב שלאָפט געשמאק, דער כראָפּעט, דער פּײַפּט, בין איך זיך מעיאשעוו און הייב אָן צו שרײַען ניט מיט מײַן קאָל: גוואלד! גוואלד! גוואלד!.. ס'פארשטייט זיך, אז אף מײַן גוואלד האָט זיך די גאנצע שטוב אופגעכאפּט, און פריִער פון אלעמען גאָלדע. — „גאָט איז מיט דיר, טעוויע, מאכט זי צו מיר און טרייסלט מיך, שטיי אוף, וואָס איז דיר אזעלכעס, וואָס גוואלדעוועסטו?"... — איך עפן אוף די אויגן, קוק מיך ארום קלוימערשט אף אלע זײַטן און רוף זיך אָן מיט א ציטערניש: — ווו איז זי ערגעץ? — „ווער איז? וועמען זוכסטו?" — פרומע־סאָרען, זאָג איך, פרומע־סאָרע לייזער וואָלפס איז דאָ נאָר וואָס געשטאנען... — „דו רעדסט פון היץ. —

מאכט צו מיר מײַן װײַב. — גאָט איז מיט דיר, טעװיע! פרומע־סאָרע לײזער־װאָלפס, זאָל זײַן װײַט אָפּגעשײדט, איז שױן לאנג אף דער עמעסער װעלט". — איך װײס, — זאָג איך, — אז זי איז געשטאָרבן, נאָר זי איז אָבער פאָרט געװען נאָר װאָס, אָט־דאָ בא מײַן בעט, גערעדט מיט מיר, זי האָט מיך אָנגענומען, זאָג איך, באם גאָרגל, מיך געװאָלט װארגן!..— „גאָט איז מיט דיר, טעװיע, װאָס פלאפּלסטו? — מאכט צו מיר מײַן װײַב. — עס האָט זיך דיר געקאָנט כאָלעמען א כאָלעם; שפּײַ אױס דרײַ מאָל און דערצײל מיר, װאָס האָט זיך דיר געכאָלעמט, װעל איך דיר אױסלײגן צו גוטן". — לאנג לעבן זאָלסטו, גאָלדע, מאך איך צו איר, װאָס דו האָסט מיך אופגעמונטערט, װען ניט, װאָלט איך פאר שרעק גע־קלאפּירט אפן אָרט. גיב מיר, זאָג איך, א טרונק װאסער, װעל איך דיר דערצײלן דעם כאָלעם, װאָס האָט זיך מיר געכאָלעמט. נאָר בעטן װעל איך דיך, גאָלדע, זאָלסט זיך ניט שרעקן און ניט איבערקלערן, כאָלילע, גאָט װײס װאָס, װאָרום אין די הײליקע ספּאָרים בא אונדז שטײט געשריבן, אז נאָר דרײַ כאלאָקים פון א כאָלעם קאָן אמאָל מעקױעם װערן, און דאָס איבעריקע איז בלאָטע, שקאָרים אוקזאָװים, ניט געשטױגן, ניט געפלױגן...

— קױדעמקאָל, זאָג איך, האָט זיך מיר געכאָלעמט, אז ס'איז בא אונדז א סימכע; איך װײס ניט, צי א קנאסמאָל, צי א כאסענע. מענטשן אסאך, ײִדן און װײַבער, דער רעבע און דער שױכעט, הײַנט קלעזמער... דערװײַל עפנט זיך די טיר און עס קומט ארײַן דײַן באָבע צײטל אָלעװאשאָלעם...

מײַן װײַב האָט דערהערט די באָבע צײטל, איז זי שױן גע־װאָרן טױט װי די װאנט און רופט זיך אָן צו מיר: „װי אזױ איז זי אפן פּאָנעם און אין װאָס איז זי אָנגעטאָן? — א פּאָנעם האָט זי, זאָג איך, אף אלע אונדזערע סאָנים, געל אזױ װי װאקס, און אָנגעטאָן, געװײַנטלעך, אין װײַסן, אין טאכריכים... „מאזלטאָװ! מאכט צו מיר די באָבע צײטל. איך האָב נאכעס, װאָס איר האָט אױסגעקליבן פאר אײַער צײטלען, װאָס זי טראָגט מײַן נאָמען, אזא פײַנעם כאָסן, א לײַטישן; ער הײסט מאָטל קאמזױל, נאָך מײַן פעטער מאָרדכע, און כאָטש ער איז א שנײַדער, פונדעסט־װעגן איז ער זײער אן ערלעך קינד..." „פונװאנען, רופט זיך אָן

גאָלזיע, האָט זיך צו אונדז געגומען א שנײַדער? אין אונדזער מישפּאָכע, זאָגט זי, זענען פאראן מעלאמדים, כאזאָנים, שאמאָסים, קוואָרעס־ייִדן, און גלאט אזוי אָרעמע לײַט, נאָר ניט, כאָלילע, קיין שנײַדער און ניט קיין שוסטער״...— שלאָג־זשע מיך ניט איבער, גאָלדע, זאָג איך צו איר, מיסטאָמע ווייסט דײַן באָבע צײַטל בעסער פון דיר... אז איך האָב דערהערט פון דער באָבע צײַטל אזא מין מאזלטאָוו, רוף איך מיך אָן צו איר: — וואָס זאָגט איר עפּעס, באָבעניו, אז צײַטלס כאָסן הייסט מאָטל און ער איז א שנײַדער, אז בעסאכאקל הייסט ער לייזער־וואָלף און ער איז גאָר א קאצעוו?.. „ניין, רופט זיך אָן די באָבע צײַטל נאָכאמאָל, ניין, טעוויע, דײַן צײַטלס כאָסן הייסט טאקע נאָר מאָטל, ער איז א שנײַדער און מיט אים וועט זי זיך עלטערן, אימירצעשעם, אין אוישער און אין קאָוועד״... — רעכט, באָבעניו, זאָג איך צו איר נאָכאמאָל, וואָס־זשע טוט מען מיט לייזער־וואָלפן? סטײַטש, איך האָב דאָך אים ערשט נעכטן געגעבן דאָס וואָרט!..

איך האָב נאָר אויסגערעדט דידאָזיקע ווערטער, איך טו א קוק, ניטאָ די באָבע צײַטל! אף איר אָרט איז אויסגעוואקסן פרומע־סאָרע לייזער־וואָלפס און מאכט צו מיר קעהײַ לישנע: „רעב טעוויע! איך האָב אײַך געהאלטן טאָמיד פאר אן ערלעכן, פאר א ייִדן מיט טוירע, סטײַטש, ווי קומט דאָס, איר זאָלט טון אזא זאך, איר זאָלט וועלן, אז אײַער טאָכטער זאָל מיך יארשענען. זיצן אין מײַן שטוב, האלטן מײַנע שליסל, אָנטאָן מײַן מאנטל, טראָגן מײַנע צירונג, מײַנע פּערל?״... — וואָס בין איך שולדיק, מאך איך צו איר, אײַער לייזער־וואָלף האָט אזוי געוואָלט... „לייזער־וואָלף?—מאכט זי צו מיר.—לייזער־וואָלף וועט האָבן א וויסטן סאָף, און אײַער צײַטל... א ראכמאָנעס, נעבעך, רעב טעוויע, אף אײַער טאָכטער: מער ווי דרײַ וואָכן וועט זי מיט אים ניט לעבן; און אז עס וועט א״יסגיין די דרײַ וואָכן, וועל איך קו״מען צו איר באנאכט און וועל זי אָנעמען באם האלדז אָט־אזוי־אָ...״ און מיט די ווערטער, זאָג איך, האָט מיך פרומע־סאָרע אָנגענומען באם גאָרגל און האָט מיך אָנגעהויבן צו ווארגן אזוי, אז ווען ניט דו זאָלסט מיך געווען אופ״ועקן, וואָלט

איך שוין איצטער אָנגעשפּארט וויַיט־וויַיט!..—„טפו־טפו־טפו!—מאכט
צו מיר מײַן ווײַב און שפּײַט אויס דרײַ מאָל דרײַ.—אין טײַך
זאָל דאָס פאלן, אין דער ערד זאָל דאָס זינקען, אף בוידעמס
זאָל דאָס קלעטערן, אין וואלד זאָל דאָס רוען, נאָר אונדז און
אונדזערע קינדער זאָל דאָס ניט שאטן! א בייזער, א וויסטער,
א פּינצטערער כאָלעם אף דעם קאצעווס קאָפּ און אף זײַנע הענט
און פיס! לאָז ער זײַן די קאפּאָרע פאר מאָטל קאמזוילס מינדסטן
נאָגל, כאָטש ער איז א שנײַדער, וואָרום אז ער הייסט נאָך מײַן
פעטער מאָרדכע, איז ער געוויס ניט קיין געבאָרענער שנײַדער,
און מיסטאָמע, אז די באָבע אָלעוואשאָלעם איז זיך מאטריַעך
פון יענער וועלט קומען אהער צו אָפּגעבן מאזלטאָוו, באדארפן
מיר זאָגן, ס'זאָל זײַן אין א גוטער שאָ, א מאזלדיקער, אָמיין
סעלאָ!"...

— — — — — — — — — — — — —

בעקיצער, וואָס זאָל איך אײַך לאנג מאריך זײַן? איך בין
געוועזן שטארקער פון אײַזן, אז איך האָב יענע נאכט אויסגע־
האלטן און בין ניט צעזעצט און צעשפּרונגען געוואָרן, ליגנדיק
אונטער דער קאָלדרע, פאר געלעכטער... ברוך שלא עשני
אשה [17] — א ייִדענע בלײַבט א ייִדענע.. פארשטייט זיך, אז אף
מאָרגן איז געווען בא אונדז דאָס קנאסמאָל, און טאקע באלד
נאָכדעם די כאסענע, אף געמאָרע־לאָשן: הא גברא והא טרסקא,
און דאָס פּאָר־פאָלק, באָרעכאשעם, לעבט זיך גאנץ צופרידן: ער
איז זיך א שנײַדער, גייט ארום אין בויבעריק פון איין דאטשע
אין דער אנדערער אָנעמען ארבעט, און זי טאָג ווי נאכט אין
יאָך, קאָכט און באקט, וואשט און שמירט און טראָגט וואסער,
קאם־קאם דאָס שטיקל ברויט אין שטוב; איך זאָל ניט בו־ענגען
אמאָל אביסל מילכיקס, אמאָל עטלעכע גראָשנס, וואָלט געווען
גאָר ניט גוט און רייד מיט איר, זאָגט זי, אז ס'איז איר, קענ־
ענאָרע, גוט ווי די וועלט, אבי, זאָגט זי, איר מאָטל זאָל איר
זײַן געזונט.

נו, גייט טײַנעט מיט די הײַנטיקע קינדער! עס קומט אויס,
ווי איך האָב אײַך געזאָגט פונעם אָנהייב: בנים גדלתי ירוממתי,

האָרעווע פון קינדערס וועגן, שלאָג זיך קאָפּ אין וואנט, והם פשעו בי [18] — זאָגן זיי, אז זיי פֿארשטייען בעסער. ניין, זאָגט איַיך וואָס איר ווילט, הײַנטיקע קינדער זענען צו קלוג! נאָר מיר דאכט, אז איך האָב איַיך הײַנט אָנגעדולט א קאָפּ מער ווי אלע־מאָל. האָט מיר קיין פֿאריבל ניט, זײַט מיר געזונט און האָט איַיך א גוטן טאָמיד!

.1899

האָדל

— איר כידעשט זיך, פאני שאָלעם־אַלייכעם, אף טעוויען, וואָס מע זעט אים ניט? ער האָט זיך, זאָגט איר, שטאַרק אַ רוק געטון, מיטאמאָל, זאָגט איר, גרוי געוואָרן? עך־עך־עך! ווען איר וואָלט וויסן, מיט וואָס פאַר צאָרעס, מיט וואָס פאַר ווייטעקן אָט דער טעװיע טראָגט זיך אַרום! ווי אַזוי שטייט דאָרט בא אונדז געשריבן: אדם יסודו מעפר וסופו לעפר [1] — אַ מענטש איז שוואַכער פון אַ פליג און שטאַרקער פון אײַזן... טאַקע נאָר אַ באַשרײַבונג מיט מיר! ווו ערגעץ אַ שלאַק, אַ צאָרע, אַן אָנשיקעניש — מיך אויסמײַדן טאָר עס ניט. פונוואַנען נעמט זיך עס, ווייסט איר ניט? עפשער דערפון, וואָס בעטעווע בין איך אַ פתי יאמין [2], וואָס גלייבט איטלעכן אף נעמאָנעס? נאָר וואָס זאָל איך טון, פרעג איך אײַך, אַז ס'איז בא מיר פאָרט אַזאַ טעווע? איך בין, ווי איר ווייסט, אַ גרויסער באַל־ביטאָכן און האָב צו דעם, וואָס לעבט אייביק, קיינמאָל קיין טײַנעס ניט. ווי אַזוי ער פירט, אַזוי איז גוט. וואָרום פרוּווט זיך, אַדעראַבע, פאַרקערט, האָט יאָ טײַנעס, — וועט זיך אײַך עפּעס העלפן? שטענדיק טײַנע איך אָבער מיט איר, מיט מײַנער, הייסט דאָס: „גאָלדע, זאָג איך, דו זינדיקסט! פאַראַן, זאָג איך בא אונדז אַ מעדרעש...“ — וואָס מיר מעדרעש, זאָגט זי, מיר האָבן, זאָגט זי, אַ טאָכטער אף כאַסענע צו מאַכן; און נאָך דער טאָכטער, קענענאָרע, גייען נאָך צוויי טעכטער; און נאָך די צוויי — נאָך דרײַ, קיין בייז אויג זאָל ניט שאַטן!..— „עט, זאָג איך, ס'איז בלאָטע, גאָלדע! אונדזערע כאַכאָמים, זאָג איך, האָבן דאָס אויך באַוואָרנט; ס'איז פאַראַן, זאָג איך, דערוף אויך אַ

מעדרעש״... לאָזט זי זיך ניט ריידן: — „מעכטער, זאָגט זי, דער־וואקסענע, זענען אליין א גוטער מעדרעש״... און גייט טײַנעט מיט א ייִדענע!

בעקיצער, פון דעם זעט איר ארויס, אז ס׳איז פאראַן, ס׳איז דאָ, קענענאָרע, בא מיר סכוירע אף אויסצוקלײַבן, און דאפקע פײַנע סכוירע, ניט צו פארזינדיקן, איינע שענער פון דער אנ־דערער. ס׳איז ניט שײַעך, אז איך אליין זאָל לויבן מײַנע קינ־דער, נאָר איך הער, וואָס די וועלט זאָגט: „קראסאוויצעס!״ און וועאל קולאָם די עלטערע, האָדל רופט מען זי, די אנדערע פון צייט־לען, די׳, וואָס האָט זיך פארקאָכט, אויב איר געדענקט, אינעם כײַעט. איז זי שיין, זאָג איך אײַך, די אנדערע טאָכטער מײַנע, האָדל, מיין איך, וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? טאקע ווי אין דער הייליקער מעגילע שטייט געשריבן: כי טובת מראה היא — שײַנט, ווי א שטיק גאָלד! און צו די צאָרעס באדארף זי נאָך האָבן א קאָפּ אויך, שרײַבט און לייענט ייִדיש און רוסיש, און ביכלעך — ביכלעך שלינגט זי, ווי האלעשקעס. וועט איר דאָך פרעגן א קאשע: וואָס פאר א מעכוטן איז טעוויעס טאָכטער מיט ביכלעך, אז דער טאטע אירער האנדלט גאָר מיט קעז און מיט פוטער? הערסטו, אָט דאָס פרעג איך דאָך בא זיי, בא די פײַנע באָכורים, הייסט עס, וואָס קיין הויזן, איך בעט איבער אײַער קאָוועד, איז ניטאָ און שטודירן גלוסט זיך זיי, ווי מיר זאָגן אין דער האגאָדע: כולנו חכמים — אלע ווילן לערנען, כולנו נבונים — אלע ווילן שטודירן. פרעגט זיי: וואָס שטודירן? ווען שטודירן? זאָלן אזוי ציגן וויסן אין פרעמדע גערטנער שפרינגען! אז בעסאכאקל לאָזט מען זיי דאָך גאָרניט צו... זאָלט איר זען פונדעסטוועגן, ווי מע לערנט! און ווער? באלמעלאָכישע קינדער. פון שנײַדער, פון שוסטער, גאָט זאָל מיר אזוי העלפן בכל אשר אפנה![3] מע לאָזט זיך אוועק קיין יעהופּעץ אָדער קיין אדעס, מע וואלגערט זיך אויס אף אלע בוידעמס, עסן עסט מען מאקעס מיט בכוירעס און פארבײַסן פארבײַסט מען מיט קאדאָכעס, גאנצע כאדאָשים נאָכאנאנד קוקט מען ניט אָן קיין שטיקל פלייש אין די אויגן, מע לייגט זיך צונויף זעקס פארשווינדלעך אף איין בולקע מיט א הערינג און ושמחת בחגך[4] — הוליע קאפּצן!..

בעקיצער, האָט זיך איינער פון דער „כעווריע" פארהאקט אין אונדזער ווינקל, עפּעס א שלימאזל, ניט ווייט פונדאנען, איך האָב געקענט דעם טאטן זיינעם, ער איז געווען א פּאפּיראָסניק און א קאפּצן, לאָז ער מיר מויכל זיין, אין זיבן פּאָלעס. מיילע, בין איך דערויף ניט אויסן, וואָרום אז דעם טאנע רעב יויכענען האסאנדלער איז אָנגעשטאנען צו נייען שטיוול, מעג אים שוין, דאכט זיך, אָנשטיין צו האָבן א טאטן, וואָס דרייט פּאפּיראָסן. פּארדריסן פּארדריסט מיך נאָר איין זאך: לעמיי זאָל זיך א קאפּצן גלוסטן לערנען, שטודירן? פּראוודע, דער גוטער יאָר האָט אים ניט גענומען, ער האָט א גוט קעפּל, גאָר א גוט קעפּל, פּערטשיק, הייסט ער, דער שלימאזל, האָבן מיר איבערגעלייגט אף יידיש: פּעפּערל. ער זעט טאקע אויס, ווי א פּעפּערל. איר זאָלט אָנקוקן — א ווערוריקל, א קליינס, א שווארצס, א פּארזעעניש, נאָר ס'איז פול, מאָלע וועגאָדעש, און א מויל — אש להבה, שוועבל און פּעך.

ווייהי האיוים, טרעפט זיך א מייסע, איך פּאָר איינמאָל אהיים פון בויבעריק, אָפּגעזעצט דאָס ביסל סכוירע, א גאנצן טראנ־ספּאָרט, קעז און פּוטער און סמעטענע און שעאָר יעראָקעס. זיך איך פארטראכט, ווי דער שטייגער איז, אין הימל־זאכן, פון דעם, פון יענעם, און פון די יעהופּעצער נעגידים, וואָס עס גייט זיי, קענענאָרע, אזוי גוט, און פון טעוויען דעם שלימאזל מיט זיין פערדל, וואָס ווערן קאָל יאָמאָוו פארשווארצט, אוכע־דוימע נאָך אזעלכע איניאָנים. זומער, די זון באקט, די פליגן בייסן, און די וועלט ארום און ארום איז מעכייע, — גרויס, אָפּן, כאָטש הייב זיך אוף און פלי, כאָטש צי זיך אויס און שווים!...

דערווייל, איך טו א קוק — א באָכערל שפּאנט זיך מיט די ראגלאים איבערן זאמד, האלט א פּעקל אונטערן אָרעם און שוויצט, פּאָכט מיט דער נעשאָמע. „יאמויד האכאָסן רעב יאָקל בען פלעקל!--זאָג איך צו אים.— זעץ דיך אוף, הער נאָר, וועל איך דיך אביסל אונטערפירן, איך פּאָר בעמיילע ליידיק, ווי שטייט דאָרטן, זאָג איך, בא אונדז געשריבן: „דיין כאווערס אייזל, אז דו באגעגנסט, איז עזוב תעזוב[5], — דארפסטו אים ניט פאר־לאָזן, הייסט לויקאָלשקן א מענטש"... לאכט ער, דער שלימאזל, און לאָזט זיך דאפקע לאנג ניט בעטן און קריכט אין וועגעלע

ארײַן. „פונוואנען, זאָג איך, שפּאנט דאָס, לעמאָשל, א באָכערל?" — פון יעהופּעץ. „וואָס האָט, זאָג איך, אזא באָכערל, ווי דו, צו טון אין יעהופּעץ? — אזא באָכערל, ווי איך, זאָגט ער, גיט אָפּ אקזאמענט. „אף וואָס, זאָג איך, שטודירט אזא באָכערל, ווי דו?" — אזא באָכערל, ווי איך, זאָגט ער, ווייס נאָך אליין ניט, אף וואָס ער שטודירט. „אימקיין, זאָג איך, וואָס־זשע דולט זיך אזא באָכערל, ווי דו, אומזיסט דעם קאָפּ?" — זאָרגט זיך ניט, רעב טעוויע, אזא באָכערל, ווי איך, זאָגט ער, ווייסט שוין, וואָס ער האָט צו טון. „זאָג מיר נאָר, זאָג איך, וויבאלד, אז איך בין דיר שוין יאָ באקאנט, טאָ ווער ביסטו, לעמאָשל?" — ווער איך בין? איך בין, זאָגט ער, א מענטש. „איך זע, זאָג איך, אז ניט קיין פערד; איך מיין, וועמעס ביסטו?" — וועמעס, זאָגט ער, זאָל איך זײַן? איך בין גאָטס. „איך ווייס, זאָג איך, אז גאָטס; עס שטייט, זאָג איך, בא אונדז געשריבן: כל החיה וכל הבהמה [6] איך מיין, זאָג איך, פונוואנען שטאמסטו, צי ביסטו אן אונדזערי־קער, צי עפשער פון דער ליטע?" — שטאמען, זאָגט ער, שטאם איך פון אָדאָם האָרישענען און אליין בין איך, זאָגט ער, א היגער, איר קענט מיך. „ווער־זשע, זאָג איך, איז דער טאטע דײַנער? לאָמיר שוין הערן!" — מײַן טאטע, זאָגט ער, האָט גע־הייסן פערטשיק. — „טפו זאָלסטו ווערן! האָסטו, זאָג איך, באדארפט אזוי לאנג מוטשען? ביסטו, הייסט דאָס, פערטשיק דעם פאפי־ראָסניקס א זונדל?" — בין איך, זאָגט ער, פערטשיק דעם פאפי־ראָסניקס א זונדל. „און שטודירסט, זאָג איך, אין די קלאסן?" — און שטודיר, זאָגט ער, אין די קלאסן. „נו־נו, מאכטייסע, זאָג איך, אָדאָם א מענטש, ציפּויר א פויגל, קאטשקע רוק זיך. זאָג־זשע מיר, זאָג איך, טאכשיט מײַנער, פון וואָס, לעמאָשל, לעבסטו, אשטייגער?" — פון דעם, זאָגט ער, וואָס איך עס. „אהא, זאָג איך, גאנץ גוט; וואָס־זשע, זאָג איך, עסטו?" — אלצדינג, זאָגט ער, וואָס מע גיט מיר. „איך פארשטיי, זאָג איך, ביסט ניט קיין איבערקלײַבער: אז ס'איז דאָ וואָס צו עסן, עסטו, און אז ס'איז ניטאָ וואָס צו עסן, פארבײַסטו מיט א ליפּ און לייגסט זיך שלאָפן א ניכטערער. נאָר וואָס דען, זאָג איך, ס'איז אלצדינג קעדײַ, אבי שטודירן אין די קלאסן, זאָג איך, גלײַכסט זיך, זאָג

איך, צו די יעהופעצער נעגידים, ווי אין פּאָסעק שטייט: כּולם אהובים, כּולם ברורים״... [7] אזוי, זאָג איך צו אים מיט א פּאָסעק און מיט א מעדרעש, ווי טעוויע קאָן. מיינט איר דאָך, אז ער שוויַיגט מיר אָפּ, פּערטשיק, הייסט עס? — ניט דערלעבן, זאָגט ער, ווען די נעגידים, אז איך זאָל זיך צו זיי גליַיכן! איך האָב זיי, זאָגט ער, אין דר׳ערד! „ביסט מיר עפּעס שטארק, זאָג איך, אופגעטראָגן, זאָג איך, אף די נעגידים? איך האָב מוירע, זאָג איך, אויב זיי האָבן זיך ניט צעטיילט, זאָג איך, מיט דיַין טאטנס יערושע״. — זאָלט איר טאקע וויסן, זאָגט ער, אז איך און איר און מיר אלע, קאָן זיַין, האָבן א גרויסן כיילעק בא זיי אין דער יערושע... „ווייסטו וואָס, זאָג איך, לאָזן שוין דיַינע סאָנים ריידן פאר דיר. איך זע ארויס, זאָג איך, נאָר איין זאך, אז דו ביסט א ייִנגל ניט קיין פארפאלענער און די צונג באדארף מען דיר ניט פּיקן; אויב דו וועסט, זאָג איך, האָבן צייַט, קאָנסטו זיך אריַינ־כאפּן צו מיר היַינט אפדערנאכט, וועלן מיר אביסל שמועסן, און טאקע, בעדערעך האליכע [8], כאפּן מיט אונדז א וועטשערע״...

אוואדע האָט זיך מיַינער ניט געלאָזט איבערכאזערן די ווער־טער און איז געקומען צו גאסט, געטראָפן אקוראט צום סמיטשיק, בעשאס דער באָרשטש איז געשטאנען אפן טיש, און די מילכיקע קנישעס אין אויוון האָבן זיך נאָך געפּרעגלט.

„דו האָסט, זאָג איך צו אים, א לעבעדיקע שוויגער; קאָנסט זיך, זאָג איך, גיין וואשן, און אז ניט, קאָנסטו, זאָג איך, עסן אומגעוואשן, איך בין ניט גאָטס סטראפּטשע, זאָג איך, מיך וועט מען אף יענער וועלט פאר דיר ניט שמיַיסן״. אזוי שמועס איך מיך אויס מיט אים, און פיל, אז עס ציט מיך עפּעס צו דעם־דאָזיקן מענטשל, וואָס — ווייס איך אליין ניט, נאָר עס ציט; איך האָב ליב, פארשטייט איר, א מענטשן, וואָס מע קאָן מיט אים ריידן א וואָרט; אמאָל א פּאָסעק, אמאָל א מעדרעש, אמאָל א שטיקל כקירע אין הימל־זאכן, — דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם, ציבעלע. אָט אזא מענטש איז טעוויע.

פון יענער צייַט אָן האָט מיַין באָכער אָנגעהויבן אריַינצוקומען צו מיר קימאט אלע טאָג. אָפּגעפּארטיקט זיך מיט די „שטונדן״, פלעגט ער קומען צו מיר זיך אָפּרוען און אביסל פארברענגען.

מאָלט איַיך, אז אָך און ווי איז געווען צו אים מיט זיַינע שטונדן איניינעם, אז בעסאכאקל, דארפט איר וויסן, בא אונדז דער גרעסטער נאָגיד איז געווינט צו צאָלן גאנצע ח״י [9]) גיל־דוינים, אי דאָס, זאָל דער לערער אים העלפן לייענען דעפעשן, שריַיבן אדרייסים און טאקע פאָלגן א גאנג אויך, פארוואָס ניט? א בעפיירעשער פאָסעק: בכל לבבך ובכל נפשך [10]) — עסטו ברויט, דארפסטו וויסן פארוואָס. א שטיקל גליק כאָטש, וואָס געגעסן האָט ער, אייגנטלעך, בא מיר, און דערפאר האָט ער אונטערגע־קנעלט מיט מיַינע טעכטער, און אָט אזוי איז ער געוואָרן בא אונדז אין שטוב א גאנצער בענבאיִס, די קינדער האָבן אים אונ־טערגעטראָגן א גלעזל מילך, און מיַין אלטע האָט אכטונג געגעבן, ער זאָל האָבן א העמד אפן לייַב מיט א פאָר זאָקן גאנצע — און טאקע דעמאָלט האָבן מיר דאָס אים געקרוינט מיטן נאָמען „פעפערל״, איבערגעמאכט, הייסט דאָס, אף יידיש פון פערטשיק, און מע קאָן זאָגן, אז מיר האָבן אים אלע ליב געקראָגן עפּעס גאָר ווי אן אייגענעם, מאכמעס בעטעווע איז ער, דארפט איר וויסן, דאפקע נישקאָשע פון א מענטשל, א פּאָשעטער, א פּראָס־טער כיַיוועקיַיעם, הייסט דאָס, שעלי — שעלאָך, שעלאָך — שעלי, מיַינס דיַינס — העפקער ציבעלעס...

פאר איין זאך נאָר האָב איך אים פּיַינט געהאט: פאר זיַין פארפאלן ווערן. פלוצים פלעגט ער זיך אופהייבן, אוועקגיין, און — וועהאיעלעד איינענו — נישטאָ פעפערל! „ווו ביסטו געווען מיַין טיַיערער שפּיל־פויגל?״ שוויַיגט, ווי א פיש... איך ווייס ניט, ווי אזוי איר — איך האָב פּיַינט א מענטשן מיט סוידעס. איך האָב ליב, ווי זאָגט ער: וידבר -- גערעדט און ויאמר — געזאָגט. דערפאר האָט ער אָבער א מיַילע: צערעדט ער זיך שוין, איז מי באש ומי במים [11]) — פאר פיַיער און פאר וואסער. א פּיסק — ניט געדאכט זאָל ער ווערן! רעדט ער על ה׳ ועל משיחו, און אף „ננתקה״...[12]) און דעריקער טאקע — אף „נענאטקע״... מיט פלא־נען אלץ אזעלכע ווילדע, קרומע, מעשוגענע גענג, עפּעס אלצ־דינג לאקירדע, פּאָפּערעק, מיט די פיס ארוף. לעמאָשל, א נאָגיד, קומט אויס נאָך זיַין מעשוגענעם, פארקערטן סייכל, איז אָפּגע־פרעגט, און א קאפּצן איז, פארקערט, א גאנצער צימעס, און

ווער שמועסט א באַלמעלאָכע -- דער איז גאָר דאָס אייבערשטע פּונעם שטייסל, טײַערער פון כּארויסעס, מאכמעס יגיע כּפּיך [13], זאָגט ער, דאָס איז דעריקער. „פונדעסטוועגן, זאָג איך, צו געלט, זאָג איך, קומט דאָס ניט?" ווערט ער מאָלע קאס און וויל מיר אײַנדרינגען, אז געלט איז א שכיטע פאַר דער וועלט; פון געלט, זאָגט ער, נעמען זיך אלע פאַלשקײַטן אף דער וועלט, און אַלצ־דינג, זאָגט ער, וואָס עס טוט זיך אף דער וועלט, טוט זיך עס ניט אלפי יוישער. און ער ברענגט מיר צען טויזנט רײַעס און מעשאָ־לים, וואָס קלעפּן זיך בא מיר, ווי אן ארבעס צו דער וואנט...

„קומט אויס נאָך דײַן מעשוגענעם סייכל, זאָג איך, אז דאָס, וואָס מײַן בעהיימע מעלקט זיך, און דאָס, וואָס מײַן פערדל פאָרט, איז אויך ניט אַלפּי יוישער?"... אוכעדוימע נאָך אזעלכע קלאָץ־קאשעס פרעג איך אים און שטעל אים אָפּ, ווי זאָגט ער, על כל דברי שירות ותשבחות [14] — אף יעדן טריט, ווי טעוויע קאָן! מײַן פעפערל אָבער קאָן אויך, נאָך א מין קאָנען! האלע־ווײַ וואָלט ער אזוי ניט קאָנען, ווי ער קאָן! און האָט ער עפּעס אפּן הארצן, אזוי זאָגט ער דאָס ארויס.

איינמאָל זיצן מיר אזוי פארנאכט בא מיר אף דער פריזבע און כקירעון אלץ מיקויעך דידאַזיקע איניאָנים, פילאָזאָפיע, הייסט עס. רופט ער זיך אָן צו מיר, פעפערל, הייסט עס: איר ווייסט, רעב טעוויע? איר האָט, טעכטער, רעב טעוויע, זייער געראָטענע. „טאקע בעעמעס?—זאָג איך.— אדאנק דיר פאַר דער בסורע; זיי האָבן, זאָג איך, אין וועמען געראָטן צו זײַן". — איינע, זאָגט ער צו מיר ווײַטער, די עלטערע, די איז גאָר, זאָגט ער, א באַר־דאאס, א פאָלנע מענטש. „איך ווייס עס אָן דיר, זאָג איך, דאָס עפּעלע, זאָג איך, פאלט ניט ווײַט פונעם ביימעלע". אזוי זאָג איך צו אים, און דאָס הארץ, געוויינטלעך, וואקסט פאַר טײַנעג, ווארום וואָסער פאָטער, איך בעט אײַך, האָט ניט ליב, אז מע לויבט אים זײַנע קינדער? גיי זײַ א נאָווי, אז פון אזא מין לויבעניש וועט גאָר ארויסשפּרינגען א פארקאָכעניש, זאָל גאָט שומער אומאצל זײַן! איר מעגט דאָס האָרכן.

בעקיצער, ויהי ערב, ויהי בוקר [15] — געוועזן איז דאָס צווישן טאָג און נאכט, אין בויבעריק טאקע, פאָר איך מיר אזוי מיט

מײַן װעגעלע איבער די דאמשעס, שטעלט מיך עמעצער אָפּ. איך טו א קוק — ס׳איז עפֿראיִם דער שאדכן.

עפֿראיִם דער שאדכן, דארפט איר װיסן, איז זיך א ייִד א שאדכן, װי אלע שאדכאָנים, פּארנעמט זיך, הייסט דאָס, מיט שידוכים. דערזעט ער מיך, עפֿראיִם, הייסט עס, אין בױיבעריק און שטעלט מיך אָפּ: — זײַט־זשע מױכל, רעב טעװיע, איך דארף אײַך עפּעס, זאָגט ער, זאָגן. „מאכטײסע, אבי א גוטס״, זאָג איך און שטעל אָפּ דאָס פערדל. — איר האָט, זאָגט ער, רעב טעװיע, א טאָכטער! „איך האָב, זאָג איך, זיבן, זאָלן געזונט זײַן״. — איך װײס, זאָגט ער, אז איר האָט זיבן. איך האָב אויך זיבן. „האָבן מיר, זאָג איך, אינײנעם אזױ גרױס װי פּערצן״. — בעקי־צער, װערטלעך אף א זײַט, זאָגט ער. די מײַסע, רעב טעװיע, דערפֿון, זאָגט ער, איז אזױ: איך בין דאָך, װי אײַך איז יאָדוא, א ייִד א שאדכן, האָב איך, זאָגט ער, פּאר אײַך א כאָסן. נאָר א כאָסן — פֿון כאָסנלאנד א כאָסן, טאקע פּערװע שעבעפּערװע! „דעהײַנע, זאָג איך, װאָס װערט אָנגערופֿן בא אײַך א כאָסן פֿון כאָסנלאנד, פּערװע שעבעפּערװע? אויב, זאָג איך, א כײַעט, אָדער א סאנדלער, אָדער א מעלאמעד, מעג ער, זאָג איך, זיצן דאָרט, און איך, זאָג איך, ריוח והצלה יעמוד — מײַן גלײַכן װעל איך מיר געפֿינען, ממקום אחר, װי דער מעדרעש, זאָג איך, זאָגט״... — ע, זאָגט ער, רעב טעװיע, איר הײבט שױן אָן מיט אײַערע מעדראָשים? מיט אײַך, זאָגט ער, ריידן, באדארף מען זיך גוט אונטערגארטלען! איר פּארשיט, זאָגט ער, די װעלט מיט מעדראָשים. איר הערט בעסער אױס, זאָגט ער, װאָס פּאר א מין שידעך עפֿראיִם דער שאדכן איז א באלן אײַך פּאָרצולײגן; איר זאָלט, זאָגט ער, נאָר האָרכן און שװײַגן. אזױ מאכט ער צו מיר, עפֿראיִם, ה״יסט דאָס, און לײענט מיר אױס א צעטל — װאָס זאָל איך אײַך זאָגן? טאקע עפּעס קאפּריסין.

רײשיס, איז דאָס אָרט זײער א שײן אָרט, א טאטנס א קינד. און דאָס, דארפט איר װיסן, איז בא מיר דעריקער. װאָרום איך בין אלײן אויך ניט אבי־װער; בא מיר אין דער מישפּאָכע זײַנען פּאראן אלערלײ, װי זאָגט ער: עקודים, נקודים וברודים [16] — פּאראן פּראָסטע מענטשן, פּאראן באלמעלאָכעס און פּאראן

באלעבאטים. הײַנט איז ער א יודייע נאגן, וואָס פארשטייט אין די קליינע אויסיעס. און דאָס איז בא מיר אוואדע ניט פון די קליינע זאכן, וואָרום א גראָבן יונג האָב איך דאָך פײַנט, ווי כאזער! בא מיר אן אמאָרעץ איז ערגער טויזנט מאָל פון א הולטײַ; איר מעגט אײַך גיין אָן א היטל, און אפילע מיטן קאָפּ אראָפּ, מיט די פיס ארוף, אבי איר ווייסט, וואָס ראשע מאכט, זענט איר שוין פון מײַנע לײַט. אָט אזא ייִד איז טעוויע... הײַנט איז ער, זאָגט ער, רײַך, אָנגעשטאָפּט מיט געלט, פאָרט ארויס, זאָגט ער, מיט א קארעטע, מיט א פּאָר ברענענדיקע סוסים, עס גייט אזש א רויך!.. נו, מאכטייסע, טראכט איך מיר, דאָס איז אויך ניט פון די גרויסע כעסרוינעס. איידער א קאפצן, איז שוין גלײַכער א נאָגיד, א סימען האָט איר, אז גאָט זאָל ליב האָבן א קאפצן, וואָלט א קאפצן קיין קאפצן ניט געווען.

„נו, לאָמיר הערן ווײַטער", זאָג איך. — ווײַטער, זאָגט ער, וויל ער מיט אײַך א שידעך טאָן, ער גייט אויס, ער כאלעשט, זאָגט ער, דאָס הייסט ניט נאָך אײַך — נאָך אײַער טאָכטער כאלעשט ער, ער וויל א שיינע וויל ער... „אזוי?—זאָג איך.—לאָז ער זײַן פאר איר די קאפּאָרע. ווער, זאָג איך, איז ער, דער אנטיק אײַערער: א באָכער? אן אלמען? א גערוש? א שווארץ־יאָר?" — ער איז א באָכער, זאָגט ער, א באָכער, אפילע אין די יאָרן שוין, נאָר א באָכער. „ווי אזוי־זשע, זאָג איך, איז דער הייליקער נאָמען זײַנער?" וויל ער מיר ניט זאָגן כאָטש בראָט אים. — ברענגט זי, זאָגט ער, צו פירן קיין בויבעריק, וועל איך אײַך נאָכדעם, זאָגט ער, זאָגן. „וואָס הייסט, זאָג איך, איך זאָל זי ברענגען צו פירן? ברענגען, זאָג איך, ברענגט מען צו פירן א פערד, זאָג איך, אפן יאריד, אָדער א בעהיימע צו פארקויפן"...

בעקיצער, די שאדכאָנים, ווייסט איר דאָך, קאָנען איבעריידן א וואנט. ס'איז געבליבן, אז אימירצעשעם נאָך שאבעס ברענג איך זי צו פירן קיין בויבעריק. און אלערליי גוטע, זיסע מאכ־שאָוועס קומען מיר אף די געדאנקען, און איך שטעל מיר שוין פאָר מײַן האָדלען, ווי זי פאָרט אין א קארעטע מיט א פּאָר ברענענדיקע סוסים, און די וועלט איז מיך מעקאנע, ניט אזוי אף דער קארעטע מיט די סוסים, ווי אף די טויוועס, וואָס איך

טו דער וועלט דורך מײַן טאָכטער די נעגידעס, העלף אויס די געפּאלענע מיט א גמילעס־כעסעד, וועמען א כ״ה־ייער [18], וועמען א פּופּציקער, און וועמען א הונדערטער, ווי זאָגט איר, יענער האָט אויך א נעשאָמע... אזוי טראכט איך מיר, פאַרנדיק פארנאכטלעך צוריקוועגס אהיים, און שמײַס דאָס פערדל און שמועס מיך דורך מיט דעם אף פערדיש לאָשן: „לסוסתי, זאָג איך צו דעם, וויאָ! אנו, מאך נאָר, זאָג איך, מיט די ראגלאַים אביסעלע גיכער, באקומסטו דײַן פּאָרציע האָבער, וואָרום אין קמח אין תורה—שטייט בא אונדז געשריבן — אז מע שמירט ניט, פאָרט מען ניט״...

און ווי איך רייד מיר דאָ אזוי מיט מײַן פערדל, זע איך, פון וואלד שנײַדט זיך א פּאָרל, צוויי מענטשן, ניקער א זאָכער מיט א נעקייווע. גיין גייען זיי נאָענט, הארט איינער צום אנדערן, און מע רעדט עפּעס זייער געשמאק. ווער קאָן דאָס זײַן פּלוצים אינמיטן דערינען? — קלער איך מיר און קוק מיך אײַן דורך די פּײַעריקע ריטער פון דער זון. — איך וואָלט געמעגט שווערן, אז ס׳איז פעפערל! מיט וועמען־זשע גייט ער דאָס, דער שלימאזל, אזוי שפּעט? איך פארשטעל מיך מיט דער האנט פון דער זון און קוק מיך אײַן נאָך שטארקער: ווער איז די נעקייווקע? אוי! דאכט זיך האָדל? יאָ, ס׳איז זי, ווי איך בין א ייִד, ס׳איז זי!.. אזוי? אָט דאָס האָט מען אזוי געשמאק געלערנט גראמאטיקעס, געלייענט ביכלעך?! אוי, טעוויע, ביסטו א בעהיימע!

אזוי טראכט איך מיר, און שטעל אָפּ דאָס פערדל און רוף זיך אָן צו מײַנע לײַט: „א גוטן אָוונט אײַך, זאָג איך, וואָס הערט זיך עפּעס מיקויעך מילכאָמע? ווי קומט איר, זאָג איך, פּלוצים גאָר אהער? אף וועמען קוקט איר דאָ ארויס? אפן נעכטיקן טאָג?״...

דערהערט אזא מין באָרוכהאבאָ, איז מײַן פּאָרל געבליבן שטיין ניט אהין, ניט אהער, מעכילע צעדרייט און רויטלעך אפן פּאָנעם... געשטאנען אזוי א פּאָר מינוט אָן ווערטער, לאָזט מען אראָפּ די אויגן, נאָכדעם הייבט מען אָן קוקן אף מיר, איך אף זיי, זיי ביידע איינס אף דאָס אנדערע.

„נו?—זאָג איך.— עפּעס באטראכט איר מיך, זאָג איך, גלײַך אזוי ווי איר האָט מיך שוין לאנג ניט געזעען. איך בין, דאכט מיר, דער אייגענער טעוויע, זאָג איך, וואָס געווען, ניט געמי־

נערט א האָר". אזוי מאך איך צו זיי האלב־פאַרדראָסיק און האלב אף קאטאָוועס. רופט זיך אָן צו מיר די טאָכטער מײַנע, האָדל, הייסט דאָס, און ווערט נאָך רויטער ווי פריִער: טאַטע, אונדז קומט מאזלטאָוו... „מאזלטאָוו אײַך, זאָג איך, מיט מאזל זאָלט איר לעבן, וואָס איז די מײַסע? איר האָט געפונען, זאָג איך, אָן אויצער אין וואלד? צי איר זענט נאָרוואָס ניצל געוואָרן, זאָג איך, פון א גרויסער סאקאָנע?" — אונדז קומט, זאָגט ער, מאזלטאָוו, מיר זענען כאָסן־קאלע. „וואָס הייסט, זאָג איך, איר זענט כאָסן־קאלע?" — כאָסן־קאלע, זאָגט ער, ווייסט איר ניט וואָס הייסט? כאָסן־קאלע הייסט, זאָגט ער, איך בין איר כאָסן, זי איז מײַן קאלע". אזוי מאכט ער צו מיר, פעפערל, הייסט דאָס, און קוקט מיר דאפקע גלײַך אין די אויגן ארײַן. איך קוק אים אָבער אויך גלײַך אין די אויגן ארײַן און מאך צו אים: „ווען איז געווען בא אײַך, זאָג איך, דאָס קנאסמאָל? און פארוואָס האָט איר ניט גערופן מיך אויך אף דער סימכע? איך קער מיך, דאכט זיך, אָן דאָ א שטיקל מעכוטן, צי ניין?"...

איר פארשטייט, איך לאך און ווערעם עסן מיך, טאָטשען מײַן לײַב. נאָר גאָרניט, טעוויע איז ניט קיין ייִדענע, טעוויע האָט ליב אויסהאָרכן ביזן סאָף... רוף איך מיך אָן צו זיי: „איך פארשטיי ניט — א שידעך אָן א שאדכן, אָן טנאָים?" — וואָס דארפן מיר, מאכט ער, פעפערל, הייסט דאָס, שאדכאָנים? מיר זענען שוין לאנג, זאָגט ער, כאָסן־קאלע. „אזוי? גאָטס ניסים! וואָס־זשע האָט איר, זאָג איך, געשוויגן ביז אהער?" — וואָס זאָלן מיר, זאָגט ער, שרײַען? מיר וואָלטן היינט אײַך אויך ניט דערציילט, נאָר אזוי ווי מיר האלטן אינגיכן בא צעשיידן זיך, איז בא אונדז געבליבן, מיר זאָלן שטעלן פריִער א כופע...

דאָס האָט מיך שוין פארדראָסן, ווי זאָגט איר: באו מים עד נפש [18] — דערלאנגט אין ביין ארײַן! מיילע, וואָס ער זאָגט: כאָסן־קאלע — איז נאָך צו דערלײַדן, ווי שטייט דאָרטן געשריבן: אהבתי [19] — ער וויל זי, זי וויל אים. אָבער כופע? וואָס איז דאָס פאר א ווערטער: שטעלן א כופע? עפּעס טארגעם־לאָשן!..

ווײַזן ווײַזט אויס, אז מײַן כאָסן האָט פארשטאנען, אז איך בין פון דער מײַסע מעטושטעש, רופט ער זיך אָן צו מיר:

פארשטייט איר, רעב טעוויע, די מייַסע דערפון איז אזוי: איך האלט בא אָפּפאָרן פונדאנען. „ווען פאָרסטו?“ — אינגיכן. „וווהין, אשטייגער?“ — דאָס קאָן איך אייַך, מאכט ער, ניט זאָגן, ס'איז זאָגט ער א סאָד...

איר הערט? ס'איז א סאָד! ווי געפעלט דאָס אייַך, אשטייגער? קומט צו גיין א פעפערל, א קליינס, א שווארצס, א פארזעעניש, פארשטעלט זיך פאר א כאָסן, וויל שטעלן א כופּע, האלט בא אוועקפאָרן און זאָגט ניט וווהין! קאָן ניט צעזעצט ווערן די גאל?

„מיילע, זאָג איך צו אים, א סאָד איז א סאָד; בא דיר איז גאָלע סוידעס... גיב מיר אָבער צו פארשטיין, ברודערל, אָט דאָס: דו ביסט דאָך א מענטש, זאָג איך, פון סאמע יוישער און ביסט אייַנגעטונקען אין מענטשלעכקייַט פונויבן ביז אראָפּ, — ווי קומט דאָס, זאָג איך, צו דיר, אז דו זאָלסט פלוצים אינמיטן דערינען צונעמען בא טעוויען א טאָכטער און מאכן זי פאר אן אגונע? אָט דאָס הייסט בא דיר יוישער? מענטשלעכקייַט? א שטיקל גליק, זאָג איך, וואָס דו האָסט מיך ניט באגאנוועט, אָדער אונ־טערגעצונדן“... — טאטע! — זאָגט זי צו מיר, האָדל, הייסט דאָס.— דו ווייסט גאָרניט, ווי גליקלעך מיר זענען, איך און ער, וואָס מיר האָבן דיר אויסגעזאָגט פונעם סאָד. ס'איז בא אונדז, זאָגט זי, אראָפּ א שטיין פונעם הארצן. קום אהער לאָמיר זיך צעקושן. און ניט לאנג געטראכט, כאפּן זיי מיך ארום ביידע, זי פון איין זייַט, ער פון דער אנדערער זייַט, און מע הייבט מיך אָן קושן און האלדזן, זיי מיך, און איך זיי, און פון גרויס אימפּעט, אפּאָנעם, זיי ביידע צווישן זיך דאוויַ קושן זיך! א באשרייַבונג, זאָג איך אייַך, א טעיאטער מיט זיי!—טאָמער וואָלט שוין געווען, זאָג איך, גענוג קושן זיך? צייַט עפּעס ריידן מיקויעך טאכלעס“.—מיקויעך וואָסער טאכלעס?—זאָגן זיי.—„מיקויעך נאדן, זאָג איך, מאלבושים, הויצאָעס־האכאסענע, דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם, ציבעלע“...— מיר דארפן ניט, זאָגן זיי, גאָרנישט ניט, ניט קיין לאָקשן, ניט קיין בוידעם, ניט קיין ציבעלעס. „וואָס־זשע דען, זאָג איך, דארפט איר יאָ?“— מיר דארפן זאָגן זיי, נאָר כופּע אוקדושן... איר הערט ווערטער?..

בעקיצער, איך וועל אייַך ניט מאריך זייַן, עס האָט מיר געהאָלפן, ווי דער פאראיאָריקער שניי — מע האָט געשטעלט א

כופּע. אלץ הייסט א כופּע! אוואדע, וואָס זאָלט איר קלערן, ניט אזא כופּע, ווי טעוויען שטייט אָן. אויך מיר א כופּע!.. א שטילע כאסענע... אָך און ווי!.. און דערצו איז נאָך פאראן א ווײַב, ווי זאָגט איר: אף א מאקע א בלאָטער. מוטשעט זי, איך זאָל איר נאָר זאָגן, וואָס איז דאָס עפּעס אזוי כאפּ־לאפּ, בעכיפּאָזנדיק? נו, גייט גיט צו פארשטיין א ייִדענע, אז סע ברענט! וואָס טויג אײַך, איך האָב איר געמוזט אָפּטאָקן פון דערעך־שאָלעם־וועגן א ליגן האגאָדל וועהאנוירע, א מײַסע מיט א יערושע, א רײַכע מומע פון יעהופּעץ, נעכטיקע טעג — אבי זי זאָל מיך לאָזן צורו.

און טאקע באותו היום [20]), דאָס הייסט א פּאָר שאָ נאָך דער שיינער כופּע, שפּאן איך אײַן דאָס פערד־און־וועגעלע, און מיר זעצן זיך אוף זאלבעדריט, דאָס הייסט: איך און זי און ער, דער גאניידעם מײַנער, און האָלאך מוישע־מאָרדכע — מארש צום באַן קיין בויבעריק.

זיצנדיק אזוי מיט מײַן פּאָרפּאָלק אין וועגעלע, כאפּ איך מיר א קוק מינאצאד אפן דאָזיקן פּאָרל און טראכט מיר: וואָס פאר א גרויסן גאָט מיר האָבן און ווי מאָדנע שיין ער פירט זײַן וועלטל! און וואָס פאר א מינע מעשונע נעפאשעס, ווילדע ברוּים, עס געפינען זיך בא אים! אָט האָט איר אײַך א פּאָרפּאָלק נאָרוואָס פון דער נאָדל ארויס: פּאָרט ער אוועק, דער גוטער יאָר ווייס אים וווהין, און זי בלײַבט איבער דאָ — און מע זאָל דאָס לאָזן אפילע א טרער, כאָטש פון יויצע וועגן! נאָר גאָרניט, טעוויע איז ניט קיין ייִדענע, טעוויע האָט צײַט, קוקט און שווײַגט, וואָס וועט דאָ זײַן...

זע איך, עפּעס א פּאָר יונגעלײַטלעך, גוטע קאסריליקעס, מיט אויסגעטראָטענע שטיוול, זענען ארויסגעקומען אפן באַן זיך געזעגענען מיט מײַן שפּיל־פויגל. איינער פון זיי איז געגאנגען עפּעס ווי א שייגעץ, איך בעט איבער אײַער קאָוועד, מיטן העמדל איבער די הויזן, און האָט עפּעס געשושקעט זיך מיט מײַנעם שטילערהייט. זע נאָר, טעוויע, טראכט איך מיר, צי האָסטו זיך ניט ארײַנגעכאפּט דאָ צווישן כעוורע פערד־גאנאָווים, בײַטל־שנײַדערס, שלעסער־ברעכער אָדער פאלשעמאָנעטשיקעס?..

• פאָרנדיק צוריק מיט מײַן האָדלען פון בױבעריק אהיים, קאָן איך מיך ניט אײַנהאלטן און זאָג איר ארויס דעמדאָזיקן געדאנק גאנץ אָפנטלעך. צעלאכט זי זיך און וויל מיך אײַנריידן, אז ס׳איז לויטער פײַנע מענטשלעך, ערלעכע, לעצט־ערלעכע לײַט, וואָס זייער גאנץ לעבן איז נאָר פון יענעמס וועגן, זיך האָבן זיי ניט אינזינען, אַ־ילע אין דער לינקער פיאטע... — אָט א יענער, זאָגט זי, וואָס מיטן העמדל, דער איז גאָר א טאטנס א קינד; ער האָט, זאָגט זי, אוועקגעוואָרפן רײַכע טאטע־מאמע אין יעהופּעץ, וויל ניט נעמען בא זיי קיין צעבראָכענעם גראָשן. „אזוי? גאָטס וווּנדער!—זאָג איך,— טאקע זייער א פײַן באָכערל, כ׳לעבן! צום העמדל, וואָס ער גייט א־בער די הויזן, מיט די לאנגע האָר, ווען גאָט העלפט אים נאָך א הארמאָניע, אָדער א הונט זאָל אים נאָכלויפן פון הינטן, דעמאָלט האָט דאָס שוין גאָר דעם זיבעטן כיין!.. אָט אזוי רעכן איך זיך אָפּ מיט איר שוין פאר אים אויך, און לאָז אויס מײַן גאנץ ביטער הארץ, הייסט דאָס, צו איר, נעבעך... און זי? גאָרניט! מאכט זיך טאמעוואטע. איך איר: „פעפערל״, און זי מיר: — טויוועס האקלאל, ארבעטער, נעכטיקע טעג... „וואָס טויג מיר, זאָג איך, אײַער טויוועס האקלאל מיט אײַער ארבעטן, אז עס גייט צו בא אײַך בעסאָד? פאראן, זאָג איך, א שפּריכוואָרט: ווו א סאָד, דאָרט איז א גנייווע... אמער זאָג מיר גלײַך, וואָס איז ער געפאָרן, פעפערל, און וווהין?״... — אלצדינג יאָ, זאָגט זי, נאָר דאָס ניט. פרעג זיך, זאָגט זי, בעסער ניט נאָך, גלייב מיר, זאָגט זי, וועסט מיט דער צײַט אליין אלצדינג וויסן. וועסט אימירצעשעם הערן, און עפשער אינגיכן, פיל נײַעס, פיל גוטס!.. אָמיין, האלעווײַ, זאָג איך, פון דײַן מויל אין גאָטס אויערן. נאָר אונדזערע סאָנים, זאָג איך, זאָלן אזוי וויסן פון זייער געזונט, ווי איך הייב אָן צו פארשטיין, וואָס דאָ טוט זיך בא אײַך און וואָס באדײַט די שפּיל!״.. — אָט דאָס איז טאקע, זאָגט זי, דער אומגליק, וואָס דו וועסט דאָס ניט פארשטיין. „וואָס־זשע, ס׳איז אַזוי טיף? מיר דאכט, זאָג איך, אז איך פארשטיי מיט גאָטס הילף גרעסערע זאכן״... — דאָס לאָזט זיך ניט, זאָגט זי, פארשטיין מיטן סייכל אליין, דאָס דארף מען, זאָגט זי, פילן, פילן מיטן הארצן... אזוי זאָגט זי צו מיר,

האָדל, הייסט עס, און דאָס פּאָנעם באַ איר בעשאַס־מײַסע פלאַמט, און די אויגן ברענען. ניט געדאַכט זאָלן זיי ווערן, די טעכטער מײַנע! פאַרקאָכן זיי זיך אין עפּעס, איז מיטן הארצן און מיטן לײַב און לעבן און מיטן גוף און מיט דער נעשאָמע!

בעקיצער וועל איך אײַך דערציילן, עס גייט אוועק א וואָך און צוויי און דרײַ און פיר און פינף און זעקס און זיבן — ניטאָ ניט קיין בריוו, ניט קיין יעדיִע. „פאַרפאַלן, זאָג איך פּעפּערל!" און כאַפּ א קוק אף מײַן האָדלען. נעבעך קיין טראָפּן בלוט ניטאָ אין פּאָנעם, זוכט אוף אלעמאָל אַן אנדער שטיקל ארבעט אין שטוב, וויל, ווײַזט אויס, פאַרגעסן דורך דעם די גרויסע צאָרעס אירע, נאָר, איר זאָלט זאָגן, זי זאָל דאָס אים אפילע דערמאָנען! שאַ, שטיל, גלײַך ווי ס'איז גאָר קיינמאָל ניט געווען קיין פּעפּערל אף דער וועלט!

נאָר איינמאָל טרעפט זיך א מײַסע, איך קום צו פאָרן אהיים, איך זע — מײַן האָדל איז כּאַרוויינט, גייט ארום מיט אָנגעשוואָלענע אויגן. הייב איך מיך אָן צו דערפרעגן, ווער איך גע־וואָר, אז דאָ איז ניט לאנג געווען עפּעס איינער א שלימאזל מיט לאנגע האָר און געסוידעט זיך עפּעס מיט איר, מיט האָדלען, הייסט עס. „אהא! — טראַכט איך מיר. — דאָס איז יענער כעיור־רעמאַן, וואָס האָט אוועקגעוואָרפן רײַכע טאטע־מאמע און האָט אראָפּגעלאָזט דאָס העמדל איבער די הויזן"... און ניט לאנג גע־טראַכט, רוף איך ארויס מײַן האָדלען פון שטוב אין הויף ארויס און טו זי אַ כאַפּ גלײַך אף דער ווענטקע: „זאָג מיר נאָר, טאָכ־טער, האָסט שוין פון אים א גרוס?" — יאָ. „ווו איז ער ערגעץ, דײַן באַשערטער?" — ער איז, זאָגט זי, ווײַט. „וואָס טוט ער?" — ער זיצט... „ווו זיצט ער? פאַרוואָס זיצט ער?" — שווײַגט זי. קוקט מיר גלײַך אין די אויגן אַרײַן און שווײַגט. „זאָג מיר נאָר, זאָג איך, טאָכטער מײַנע, ווערדליק איך פאַרשטיי, זיצט ער ניט פאַר קיין גנייווע; פאַרשטיי איך ניט דעם סייכל, אז וויבאלד קיין גאנעוו ניט און קיין שווינדלער ניט, הײַנט פאַרוואָס־זשע זיצט ער, פאַר וואָסערע מײַסים טויווים?.. שווײַגט זי — אין אסתּר מגדת... [21] האָב איך מיך מעיאשעוו געווען: זאָגסט ניט, דאַרף מען ניט; ער איז דאָך דײַן שלימאזל, ניט מײַנער. א שיינע

ריינע קאפּאָרע! נאָר אינעווייניק אין הארצן טראָג איך א ווייטעק, איך בין פּאָרט א פּאָטער, ווי מיר זאָגן אינעם דאווגען: כרחם אב על בנים [22]) — א פאָטער בלייבט א פּאָטער.

בעקיצער, געווען איז דאָס הוישאנע־ראבע אף דער נאכט. יאָנטעוו איז בא מיר א מינעג, איך רו מיך אָפּ, און אויך דאָס פערדל רוט זיך בא מיר אויס, ווי אין דער טוירע שטייט געשריבן: אתה — דו, ושורך — און דיין ווייב, וחמורך [23]) — און דיין פערדל... און אגעוו איז שוין אין בויבעריק קימאט ניטאָ וואָס צו טאָן; טוט מען א בלאָז מיטן שויפער, אזוי צעלויפן זיך אלע דאטשניקעס, ווי די מייז אין א הונגער, און בויבעריק ווערט א פוסטקע. דעמאָלט האָב איך ליב צו זיצן אינדערהיים, בא זיך אף דער פריזבע. פאר מיר איז עס דאָס בעסטע שטיקל צייט. די טעג זענען געשענקטע. די זון באקט שוין ניט ווי א קאלך־אויוון, נאָר זי גלעט מיט א מין ווייכקייט, מעכייע־נעפאָשעס. דער וואלד איז אלץ נאָך גרין, די סאָסנעס הערן ניט אוף צו שמעקן מיט סמאָלע, און עס דאכט זיך מיר, אז דער וואלד קוקט יאָנ־טעוודיק, ווי גאָטס א סוקע, א סוקע פון גאָט. אָט דאָ, טראכט איך מיר, האלט גאָט סוקעס; דאָ, ניט אין שטאָט, ווו סע טארע־ראמט, און מענטשן לויפן הין און הער, פינען מיט דער נעשאָמע, יאָגן זיך נאָכן שטיקל ברויט. און מע הערט נאָר געלט און געלט און געלט!.. און ווער שמועסט אפדערנאכט, הוישאנע־ראבע, לעמאָשל, — איז דאָך גאָר א גאניידן: דעמאָלט איז דער הימל בלוי, די שטערן פינקלען, שעמערירן, בייטן זיך, פינטלען, ווי, לעהאוודל, א מענטש מיט די אויגן; און אמאָל, מאכט זיך, פליט דורך א שטערן פייל־אויסן־בויגן, לאָזט איבער נאָך זיך אף א רעגעלע א גרינעם פאס — דאָס האָט זיך אראָפּגעלאָזט א שטערנדל, געפאלן עמעצנס מאזל. וואָרום ויפל שטערן, אזויפיל מאזאָלעס... יידישע מאזאָלעס... „עס זאָל כאָטש ניט זיין מיין פינצטער מאזל" — טראכט איך מיר, און עס קומט מיר אפן גע־דאנק האָדל. שוין פון עטלעכע טעג, אז זי איז עפּעס ווי אופ־געמונטערט, לעבעדיקער געוואָרן, גאָר אן אנדער פּאָנעם באקומען. עמעצער האָט איר געבראכט א בריוול, אפּאָנעם, פון אים טאקע, פון איר שלימאזל. ווילן ווילט זיך מיר זייער וויסן, וואָס ער

שרײַבט איר, נאָר פרעגן וויל איך ניט, זי שווײַגט, שווײַג איך אויך, פאסעך שין שא! טעוויע איז ניט קיין ייִדענע; טעוויע האָט צײַט...

דערווײַל, אזוי ווי איך טראכט פון האָדלען, קומט זי אָן, האָדל, הייסט עס, זעצט זיך נעבן מיר אף דער פריזבע, קוקט זיך ארום אף אַלע זײַטן און רופט זיך אָן צו מיר שטילערהייט: הערסטו, טאטע? איך דארף דיר עפעס זאָגן: הײַנט געזעגענען מיר זיך אָפּ מיט דיר... אף שטענדיק...

אזוי זאָגט זי צו מיר שטיל, קאם וואָס מע הערט, און קוקט אף מיר מיט א מאָדנעם מין קוק, מיט אזא קוק, וואָס איך וועל אים אייביק ניט פארגעסן. און בעשאס־מײַסע פליט מיר דורך א מאכשאָווע אין קאָפּ: „זי וויל זיך טרינקען!"... וואָס איז מיר אײַנגעפאלן טרינקען? ווײַל עס האָט זיך געטראָפן, ניט דאָ געדאכט, א מײַסע: א מיידל ניט ווײַט פון אונדז האָט זיך פארקאָכט אין א דאָרף־שייגעץ און האָט זיך צוליב דעם דאָרף־שייגעץ... איר ווייסט דאָך שוין וואָס. איז די מאמע פאר צאָרעס קראנק געוואָרן און איז געשטאָרבן, און דער טאטע האָט זיך אויסגעבראכט, געוואָרן א קאפצן. און דער דאָרף־שייגעץ האָט זיך מעיאשעוו געווען און האָט כאסענע געהאט פאר אן אנדערע. איז זי אוועקגעגאנגען צום טײַך, דאָס מיידל, הייסט דאָס, און האָט זיך ארײַנגעוואָרפן אין וואסער ארײַן און האָט זיך דערטרונקען...

„וואָס הייסט, זאָג איך, דו געזעגנסט זיך אָפּ מיט מיר אף שטענדיק?" אזוי מאך איך צו איר און קוק אראָפּ, זי זאָל ניט זען ווי איך בין טויט. — דאָס הייסט, זאָגט זי, איך פאָר, זאָגט זי, אוועק, מאָרגן, זאָגט זי, גאנצפרי, וועלן מיר זיך שוין קיינמאָל ניט זען... קיינמאָל ניט...

דערהערט דיזאָזיקע ווערטער, איז מיר געוואָרן אביסל גרינגער אף דער נעשאָמע. דאנקען גאָט כאָטש דערפאר, טראכט איך מיר, ווי זאָגט ער: גאם זו לעטויווע, — עס קאָן זײַן ערגער, בעסער האָט קיין שיר ניט... „וווהין, לעמאָשל, פאָרסטו, אויב איך האָב, זאָג איך, די זכיִע צו וויסן?" — איך פאָר, זאָגט זי, צו אים. „צו אים? — זאָג איך. — ווו איז ער דען אצינדערט?"

— לעסאטע, זאָגט זי, זיצט ער נאָך; נאָר אינגיכן שיקט מען אים אוועק. „פּאָרסטו, הייסט דאָס, זיך געזעגענען מיט אים?" אזוי זאָג איך צו איר און מאך זיך טאמעוואטע. — ניין, זאָגט זי, איך גיי אים נאָך גלײַך אהין. — „אהין? — זאָג איך. — ווער איז געווען דער אהין? ווי אזוי הייסט דאָס אָרט?" — מע ווייסט נאָך ניט אקוראט. זאָגט זי, ווי אזוי דאָס אָרט הייסט, נאָר ווײַט איז דאָס זייער, זאָגט זי, ווײַט מיט סאקאָנעס־נעפּאָשעס...

אזוי זאָגט זי צו מיר, האָדל, הייסט עס, און עס מאָלט זיך מיר אויסעט, אז זי רעדט דאָס מיט גאדלעס, מיט גרויסקײַט, גלײַך ווי ער וואָלט דאָ אָפּגעטאָן עפּעס אזעלכעס, וואָס ס'קומט אים דערפאר א מעדאל פון א פּוד אײַזן... וואָס ענטפערט מען איר, לעמאָשל, אף אזא זאך? פאר אזא זאך נעמט א פאָטער און בייזערט זיך אויס אף א קינד, שענקט א פּאָר פּעטש, אָדער ער באטלט אויס אלע בייזע וויסטע כאלוימעס. טעוויע איז אָבער ניט קיין יידענע. איך גיי מיט דעם גאנג, אז קאס איז אווידעזאָרע. רוף איך מיך אָן צו איר מיט א פּאָסעק, ווי גע־ווײנטלעך: „איך זע ארויס, זאָג איך, טאָכטער מײַנע, אז דו ביסט מעקײַעם, ווי אין דער הייליקער טוירע שטייט געשריבן: על כן יעזב — ווארפסט אוועק, זאָג איך, צוליב א פּעפּערל טאטע־מאמע, זאָג איך, און לאָזט זיך אוועק אין אן אָרט, וואָס מע ווייסט ניט ווו, ערגעץ אין די מידבאָריעס, אפּאָנעס, אפן פארגליווערטן יאם, דאָרטן, ווו אלעקסאנדער מוקדן, זאָג איך, איז געפּאָרן אפן אָקרענט און פארבלאָנזעט אף א ווײַטער וויספּע, זאָג איך, צווישן ווילדע מענטשן, ווי איך האָב געלייענט, זאָג איך, אמאָל אין א מײַסע־ביכל"...

אזוי זאָג איך צו איר האלב אף קאטאָוועס און האלב מיט קאס, און דאָס הארץ בעשאס־מײַסע ווײנט, נאָר טעוויע איז ניט קיין יידענע. טעוויע האלט זיך אײַן. און זי, האָדל, הייסט עס, פאלט ניט אראָפּ בא זיך; ענטפערט מיר אָפּ אל רישן רישן, און שטיל, ניט געכאפּט, און באטראכט. טעוויעס טעכטער קאָנען ריידן...

און כאָטש איך האלט דעם קאָפּ אראָפּ און די אויגן צו, פונ־דעסטוועגן דאכט זיך מיר, אז איך זע זי, האָדלען, הייסט דאָס,

איך זע — איר פּאָנעם איז פּונקט אזוי ווי די לעוואָנע, בלאס און מאט, און דאָס קאָל אירס, מאָלט זיך מיר אויס, איז עפּעס ווי פארדומפּן, ציטערט... זאָל איך איר, אשטייגער, כאַלן אפן האלדז, בעטן, כאַלעשן פאר איר, זי זאָל ניט פאָרן? ווייס איך, אז ס'איז ארויסגעוואָרפן. יימאכשעמאָם זאָלן זיי ווערן, טאקע די טעכטער מײַנע — פארקאָכן זיי זיך אין עמעצן, איז מיטן גוף און מיט דער נעשאָמע און מיטן הארצן און מיט לײַב און לעבן!

בעקיצער, מיר זענען אָפּגעזעסן אזוי אף דער פּריזבע א היפּשע שטיק צײַט, לאָז זיך אײַך דאכטן, קימאט די גאנצע נאכט. מער געשוויגן ווי גערעדט. און דאָס, וואָס מיר האָבן גערעדט, איז אויך געווען קימאט ווי ניט גערעדט, האלבע ווערטער... זי האָט גערעדט, און איך האָב גערעדט. איך פרעג זי נאָר איין זאך: ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, א מיידל זאָל נעמען און כאַסענע האָבן פאר א באָכער צוליב דעם, זי זאָל אים קאָנען נאָכגיין ערגעץ אין אלדע שווארצע יאָר? ענטפערט זי מיר: מיט אים איז אלץ איינס, אפילע אין אלדע שווארצע יאָר... גיב איך איר, געוויינטלעך, צו פארשטיין מיטן סייכל, ווי נאריש דאָס איז. גיט זי מיר צו פארשטיין מיט איר סייכל, אז איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פארשטיין. ברענג איך איר א מאָשל מיט א הון, א קוואָקע, וואָס האָט אויסגעזעסן קאטשקע־לעך. די קאטשקעלעך האָבן זיך נאָר אופגעכאפּט אף די פיסלעך, האָבן זיי זיך געלאָזט אפּן וואסער, און די קוואָקע נעבעך קוואָ־קעט. „וואָס, זאָג איך, וועסטו זאָגן, זאָג איך, דערויף, טאָכטער־לעבן?“ — וואָס, זאָגט זי, זאָל איך דערויף זאָגן? ס'איז אוואדע א ראכמאָנעס, זאָגט זי, אף דער קוואָקע; נאָר צוליב דעם, זאָגט זי, וואָס די קוואָקע קוואָקעט, זאָלן די קאטשקעלעך ניט שווימען?.. איר פארשטייט דיבורים? טעוויעס טאָכטער רעדט ניט גלאט...

און דערווײַל די צײַט שטייט ניט. עס הייבט שוין אָן צו שאריִען אף טאָג. די אלטע אין שטוב וואָרטשעט. זי האָט שוין עטלעכע מאָל געשיקט זאָגן, אז ס'איז שוין צײַט מאכן נאכט און געזעגן, אז עס העלפט זיך ניט, האָט זי ארויסגעשטעקט דעם, קאָפּ דורכן פענצטער און מאכט צו מיר מיט א שיינעם יעוואָ־

דעכעכאָ, געוויינטלעך: טעוויע! וואָס טראכסטו זיך? — „לאָז זײַן שטיל, זאָג איך, גאָלדע, האָסט פארגעסן, אפּאָנעם, אז ס׳איז הײַנט הוישאנע־ראבע, זאָג איך, ווערט אונדז אָנגעכאסמעט דאָס גוטע קוויט, הוישאנע־ראבע דארף מען זײַן אויף. פּאָלג מיך, גאָלדע, זאָג איך, דו נעם, זײַ מויכל, צעבלאָז נאָר דעם סאמאָוואר, זאָג איך, און לאָז זײַן טיי, און איך וועל גיין דערווײַלע שפּאנען דאָס וועגעלע. מיר פאָרן מיט האָדלען צום באן״. און ווי דער שטייגער איז, טאָק איך איר אָפּ א שפּאָגל נײַעם ליגן, אז האָדל פאָרט אוועק קיין יעהו־פּעץ, און פונדאָרטן נאָך ווײַטער, אלץ מיקויעך יענעם אייסעק, מיקויעך דער יערושע, הייסט דאָס, און עס קאָן געמאָלט זײַן, זאָג איך, אז זי זאָל שוין דאָרטן בלײַבן איבערן גאנצן ווינטער, און עפשער איבערן ווינטער מיטן זומער מיט נאָך א ווינטער; לאָכיין דארף מען איר, זאָג איך, מיטגעבן צײדע לאדערעך, אביסל גרעט, א קליידל, א פּאָר קישנס, ציכלעך, דאָס, יענץ און שעאָר יעראָקעס.

אזוי קאָמאנדעווע איך און זאָג אָן, ס׳זאָל ניט זײַן קיין געוויינען, ס׳איז הוישאנע־ראבע אף דער וועלט. „הוישאנע־ראבע, זאָג איך, טאָר מען ניט וויינען, ס׳איז א בעפיירעשער דין!״ הערט מען דאָך מיך מיטן דין מיסטאָמע, ווי די קאץ, און מע ווײנט דאפּקע יאָ, און אז ס׳קומט צו געזעגענען זיך, ווערט א יעלאָלע, אלע וויינען — די מאמע, די קינדער, און טאקע זי אליין, האָדל, הייסט דאָס, און וועאל־קולאָם, אז ס׳איז געקומען צו דער עלטערער טאָכטער מײַנער, צייטל, מײַן איך (אף יאָנטעוו קומט זי צו מיר מיט איר באשערטן, מיט מאָטל קאמזויל), האָבן זיך ביידע שוועסטער א וואָרף געטאָן איינע דער אנדערער אפן האלדז — מע האָט זיי קאם אָפּגעריסן...

נאָר איך איינער האָב זיך געהאלטן שטאָל און אײַזן; דאָס הייסט, עס רעדט זיך נאָר אזוי — שטאָל און אײַזן; אינעווייניק קאָכט, ווי א סאמאָוואר, נאָר יענעם ארויסבאווײַזן — פע! טעוויע איז דאָך ניט קיין ייִדענע... דעם גאנצן וועג קיין בויבעריק שווײַגט מען, און אז מיר האלטן שוין ניט ווײַט פון דער באן, רוף איך מיך אָן צו איר, זי זאָל מיר זאָגן דאָס לעצטע מאָל, וואָס פאָרט האָט ער געטאָן אזעלכעס, פעפערל, הייסט דאָס?.. „איטלעכע זאך, זאָג איך, באדארף דאָך האָבן עפּעס א טאם״...

ווערט זי אָנגעצונדן און שווערט מיר מיט קאָל האשוועס שעבע־אוילאָם, אז ער איז ריין, ווי גינגאָלד. — ער איז, זאָגט זי, א מענטש, וואָס קאטאָרע פאר זיך ארט אים ניט, דאָס גאנצע טועכץ זיינס איז נאָר, זאָגט זי, יענעמס טויווע, דער וועלטס טויווע — און דעריקער פאר יעגיִעקאפּאימניקעס, די באלמעלאָ־כעס — און גייט זייט א כאָכעם און טרעפט, וואָס דאָס הייסט!

„זאָרגט ער זיך, זאָג איך צו איר, הייסס דאָס, פאר דער וועלט? לעמײַ־זשע, זאָג איך, זאָרגט זיך ניט די וועלט פאר אים, אז ער איז יאָ אזא ווילער באָכער? זאָלסט אים כאָטש לאָזן גריסן, זאָג איך, דעם אלעקסאנדער מוקדן דײַנעם, זאָלסט אים זאָגן, זאָג איך, אז איך פארלאָז מיך אף זײַן יוישער, ער איז דאָך א מענטש פון סאמע יוישער, זאָג איך, אז ער וועט מײַן טאָכטער מיסטאָמע ניט פארפירן, און שרײַבן אמאָל, זאָג איך, א בריוול דעם אלטן טאטן"...

און אזוי ווי איך רייד, פאלט זי מיר ניט פּלוצים אפן האלדז און הייבט ניט אָן צו וויינען? — לאָמיר זיך, זאָגט זי, געזעגענען. זײַ געזונט, טאטע, גאָט ווייסט, זאָגט זי, ווען מיר וועלן זיך זען!?..

אן עק! אָט דאָ האָב איך מיך שוין ניט געקאָנט אײַנהאלטן... עס איז מיר געקומען אפן געדאנק, פארשטייט איר, טאקע די אייגענע האָדל, בעשאס זי איז נאָך געווען אַ ברעקל... א קינד, הייסט דאָס... זי געהאלטן אף די הענט... אף די הענט געהאלטן... האָט קיין פאריבל ניט, פּאני, וואָס איך האָב מיך... מײַסע יִדענע... איר זאָלט וויסן, הערט איר, וואָס דאָס איז פאר א האָדל, דאָס איז!.. איר זאָלט זען די בריוולעך, וואָס זי שרײַבט... ס'איז א האָדל פון גאָט!.. זי איז בא מיר אָט־א־דאָ־אָ, איז זי בא מיר... טיף, טיף... איך קאָן עס אײַך אזויפיל ניִט ארויסגעבן... — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

ווייסט איר וואָס, פּאני שאָלעם־אלייכעם? לאָמיר בעסערריידן פון עפּעס פריילעכערס: וואָס הערט זיך עפּעס מיקויעך דער כאָלערע אין אדעס?..

,1904

כאווע

— הודו לה׳ כי טוב [1]) — ווי אזוי גאָט פירט, אזוי איז גוט. דאָס הייסט עס באדארף זייַן גוט, וואָרום פרווּוט זייַט א כאָכעם און מאכט בעסער! אָט האָב איך געוואָלט זייַן א קלוגער, געדרייט דעם פּאָסעק אהער, געדרייט דעם פּאָסעק אהין, געזעען, עס העלפּט ניט, האָב איך צוגענומען די האנט פונעם הארצן און האָב געזאָגט צו זיך אליין: טעוויע, ביסט א נאר! דו וועסט די וועלט ניט איבערמאכן. דער אייבערשטער האָט אונדז געגעבן צער גידול בנים [2]), איז דער טייַטש: פון קינדער האָט מען צאָרעס און מע מוז דאָס אָנעמען פאר ליב.

אָט, לעמאָשל, האָט זיך מייַן עלטערע טאָכטער, צייטל, הייסט עס, פארקאָכט אינעם כייַעט מאָטל קאמזויל, — האָב איך עפּעס צו אים? עמעס, ער איז טאקע א פּראָסטער נעפעש, פארשטייט ניט אזוי שטארק דריבנעטשקע, די קליינע אויסיעס, הייסט עס, נאָר וואָס קאָן מען טון? די גאנצע וועלט, ווי זאָגט איר, קאָן דאָך ניט זייַן געבילדעט! דערפאר איז ער אן ערלעך מענטשל און האָרעוועט, נעבעך, מיטן בלוטיקן שווייס. זי האָט שוין מיט אים, איר זאָלט אָנקוקן, קענענאָרע, א פולע שטוב מיט פּופּקעס, אוןביידע ווערן זיי פארשוואַרצט אין אוישער און אין קאָוועד, — און רעדט מיט איר, זאָגט זי, אז ס׳איז איר, קענענאָרע, גוט, ווי די וועלט, עס קאָן גאָר, זאָגט זי, ניט זייַן בעסער. איין שטיקל כיסאָרן נאָר, וואָס ס׳איז קיין ברויט ניטאָ...

עד כאן הקפה א׳ [3]) — דאָס האָט איר אייַך נומער איינס. נו, און פון דער צווייטער טאָכטער, פון האָדלען, הייסט דאָס, באַדארף איך אייַך ניט דערציילן, איר ווייסט שוין. זי האָב איך

פארשפּילט, פארלאָרן אַף אייביק; גאָט ווייסט, אויב מײַנע אויגן וועלן זי אמאָל זען, סײַדן אַף יענער וועלט שוין, איבער הונ־דערט און צוואנציק יאָר...

רייד איך פון איר, פון האָדלען, הייסט עס, קאָן איך נאָך אד־האיאָם ניט קומען צו זיך, ס'איז אן עק פון מײַן לעבן! פאר־געסן, זאָגט איר? ווי קאָן מען פארגעסן א לעבעדיקן מענטשן? און ביפראט אזא קינד, ווי האָדל? איר זאָלט זען די בריוולעך, וואָס זי שרײַבט צו מיר, קאָן מען צעגיין. עס גייט זיי, שרײַבט זי מיר, דאָרט זייער גוט. ער זיצט, און זי פארדינט. זי וואשט גרעט און לייענט ביכלעך און זעט זיך מיט אים אלע וואָך, און האָט, זאָגט זי, א האָפענונג, אז עס וועט זיך דאָ, בא אונדז, איבערקאָכן, עס וועט אופגיין די זון און עס וועט ווערן ליכטיק, וועט מען אים אומקערן צוריק מיט נאָך אסאך אזעלכע, ווי ער, און דעמאָלט וועלן זיי זיך ערשט, זאָגט זי, נעמען צו דער רעכ־טער ארבעט און איבערקערן די וועלט מיטן קאָפּ אראָפּ, מיט די פיס ארוף. נו? ווי געפעלט דאָס אײַך? גוט? הא?...

וואָס־זשע טוט אָבער דער ריבוינעשעלוילעם? ער איז דאָך, ווי זאָגט איר, אן אל רחום וחנון, זאָגט ער צו מיר: „וואַרט אויס, טעוויע, אָט מאך איך אזוי, אז דו וועסט פארגעסן אָן אלע דײַנע צאָרעס!"... און קאכאווע, איר מעגט דאָס האָרכן. קיין אנדערן וואָלט איך עס ניט דערציילט. וואָרום דער ווייטעק איז גרויס און דער ביזאָיען איז נאָך גרעסער! נאָר פאר אײַך איז דען פאראן בא מיר א סאָד? וואָס איך האָב — דערצייל איך אײַך, נאָר וואָס דען? איין זאך וועל איך אײַך בעטן: צווישן אונדז זאָל דאָס בלײַבן, איך זאָג אײַך נאָכאמאָל: דער ווייטעק איז גרויס, נאָר דער ביזאָיען איז נאָך גרעסער!

בעקיצער, ווי אזוי שטייט דאָרט אין פּערעק: רצה הקדוש ברוך הוא לזכות [4] — גאָט האָט געוואָלט א טויווע טאָן טעוויען, גייט ער און בענטשט אים מיט זיבן קינדער נעקייוועס, טעכטער, הייסט עס, אלע אויסגעשפּילטע, גערעטענע, קלוגע און שיינע, פרישע, געזונטע, איך זאָג אײַך—סאָסנעס! אוי, האלעווײַ וואָלטן זיי בעסער געווען מיִעסע, פאסקודניצעס, וואָלט עפשער געווען בעסער פאר זיי און געזונטער פאר מיר. וואָרום וואָס קומט ארויס,

איך בעט אײַך, פון א גוט פערדל, אז סע שטייט אין שטאל? וואָס קומט ארויס פון שיינע טעכטער, אז מע ליגט פארשטעקט מיט זיי אין א העק און מע קוקט ניט אָן קיין לעבעדיקן מענטשן, אכוץ אנטאָן פּאָפּערילע, דעם גוייִשן ראָש־האקאָהאָל פון דאָרף, און דעם שרײַבער כוועדקע גאלאגאן, א הויכער גויעץ מיט א פאטלע און מיט לאנגע שטיוול, און דעם גאלעך, יִמאך שמוי ווזיכרוי.

איך קאָן ניט הערן דעם נאָמען זײַנעם, ניט מאכמעס דעם, וואָס איך בין א ייִד און ער איז א גאלעך; אדעראבע, מיר זע־נען זייער גוט באקאנט צווישן זיך שוין א שאָק מיט יאָרן, דאָס הייסט, אף קיין סימכעס איינס צום אנדערן גייט מען ניט, או גוט־יאָנטעוו בעטן אוואדע ניט; גאָרניט, מאכטייסע, מע באגעגנט זיך: גוט־מאָרגן, גוט־יאָר, וואָס הערט זיך עפּעס אין דער וועלט? ארײַנלאָזן זיך מיט אים אין ווײַטע דיבורים האָב איך פּײַנט, וואָ־רום באלד עפּעס, הייבט זיך אָן א סעדרע: אײַער גאָט, אונדזער גאָט. לאָז איך מיך ניט און שלאָג אים איבער מיט א גלײַכ־ווערטל און זאָג אים, אז ס'איז פאראן בא אונדז א פּאָסעק; שלאָגט ער מיך איבער מיסטאמע און זאָגט, אז א פּאָסעק ווייסט ער גלײַך מיט מיר, און עפּשער נאָך בעסער און הייבט אָן צו זעצן אף אויסווייניק אונדזער כומעש, ווי געווײנטלעך א גוי: „בעריישיט בארא אלאקים" — אלע מאָל, אלע מאָל דאָס אייגענע. שלאָג איך אים איבער מיסטאָמע און זאָג אים, אז ס'איז פאראן בא אונדז א מעדרעש: „א מעדרעש, זאָגט ער, ווערט שוין אָנגע־רופן טאל־מוד און טאלמוד, האָט ער פּײַנט, ווײַל טאל־מוד איז, זאָגט ער, לויטער שווינדל"... ווער איך דאָך מיסטאָמע רעכט אין קאס און הייב אים אָן אויסצולוימערן, וואָס עס קומט מיר אף דער צונג. מיינט איר, אז עס ארט אים עפּעס? גאָרניט; קוקט אף מיר און לאכט, און קעמט זיך בעשאס־מײַסע די באָרד. ניטאָ, הערט איר, קיין ערגערס אף דער וועלט, ווי אז איר זידלט א מענטשן, מאכט אים מיט דער בלאָטע גלײַך, און ער שווײַגט. אין אײַך ווערט די גאל צעפּיקעט, און יענער זיצט און שמייכלט! דעמאָלט האָב איך דאָס ניט פארשטאנען, נאָר אצינד ווייס איך, וואָס דאָס שמייכל האָט באדײַט...

בעקיצער, איך קום צו פאָרן איינמאָל אהיים, ארום פארנאכטלעך

שוין. באגעגן איך דעם שרײַבער כוועדקע שטייט אין דרויסן מיט מײַן כאווע, די דריטע טאָכטער מײַנע, די צווייטע פון האָד־לען, הייסט עס. מיך דערזעען, האָט זיך מײַן באָכער געגעבן א דריי אויס, אראָפּגענומען פאר מיר דאָס היטל און אוועק. רוף איך מיך אָן צו מײַן כאווען: „וואָס האָט דאָ געטאָן כוועדקע?” זאָגט זי: — גאָרניט... זאָג איך: „וואָס הייסט גאָרניט?”... זאָגט זי: — מיר האָבן געשמועסט... זאָג איך: „וואָס פאר א מעכוטן ביסטו מיט כוועדקען?”... זאָגט זי: — מיר זענען באקאנט שוין פון לאנג... זאָג איך: „מאזלטאָוו דיר מיט דײַן באקאנטשאפט! א שיינער כאווער כוועדקע!”... זאָגט זי צו מיר: — דו קענסט אים דען? דו ווייסט דען, ווער ער איז?... זאָג איך צו איר: „ווער ער איז, ווייס איך ניט. כ׳האָב זײַן ייִכעס־בריוו ניט געזעען; נאָר פארשטיין פארשטיי איך, אז ער דארף שטאמען פון סאמע גדוילים; דער טאטע זײַנער, זאָג איך, האָט געמוזט זײַן אָדער א פאסטעך, אָדער א סטרוזש, אָדער אזוי א שיקער”... רופט זי זיך אָן צו מיר, כאווע, הייסט עס: — וואָס זײַן טאטע איז געוועןווייס איך ניט און וויל ניט וויסן, בא מיר זענען אלע מענטשן גלײַך; נאָר אז ער איז אליין א מענטש ניט קײַן געוויינלעכער—דאָס ווייס איך פאר געוויס... „דעהײַנע, זאָג איך, וואָס פאר א מין מענטש איז ער? לאָמיך הערן”... — איך וואָלט דיר, זאָגט זי, געזאָגט, וועסטו ניט פארשטיין. כוועדקע, זאָגט זי, דאָס איז דער צווייטער גאָרקי... „דער צווייטער גאָרקי?—זאָג איך. — ווער־זשעאיז געווען דער ערשטער גאָרקי?”... — גאָרקי, זאָגט זי, דאָס איז הײַנט קימאט דער ערשטער מענטש אף דער וועלט... „ווּ זיצט ער, זאָג איך, דער טאנע דײַנער, וואָס איז זײַן געשעפט און וואָס פאר א דראָשע האָט ער געדארשנט?” מאכט זי צו מיר: — דער גאָרקי — דאָס איז א בארימטער שרײַבער, א שריפטשטעלער, אַ מענטש, הייסט דאָס, וואָס מאכט ביכער, און א טײַערער, א זעלטענער, אן ערלעכער מענטש, שטאמט אויך פון פראָסטן שטאנד, ניט געלערנט אינערגעץ, נאָר פון זיך אליין... אָט דאָס איז זײַן בילד... אזוי מאכט זי צו מיר, כאווע, הייסט עס, און נעמט ארויס פון קעשענע א פּאָרטרעטל און ווײַזט דאָס מיר. „אָט דאָס איז ער, זאָג איך, דער צאדיק דײַנער, רעב גאָרקי?

איך וואָלט געמעגט שווערן, אז איך האָב אים ערגעץ געזעען, זאָג איך, אָדער בא דער באן טראָגן זעק, אָדער אין וואלד שלעפּן קלעצער"... — איז דאָס בא דיר, זאָגט זי, א כיסאָרן, זאָגט זי, אז א מענטש האָרעוועט מיט זײַנע אייגענע הענט? דו אליין האָרע־וועסט דען ניט? „יאָ, יאָ, זאָג איך, ביסט גערעכט, זאָג איך, ס'איז א בעפּיירעשער פּאָסעק בא אונדז; יגיע כפיך כי תאכל [5]— אז דו וועסט ניט האָרעווען, וועסטו ניט עסן... נאָר פונדעסט־וועגן פארשטיי איך ניט, וואָס האָט דאָ צו טאָן כוועדקע? איך וואָלט בעסער, זאָג איך, געוועזן צופרידן, ווען דו זאָלסט זײַן באַ־קאַנט מיט אים פונדערווײַטן; דו באדארפסט ניט פארגעסן, זאָג איך, מאין באת ולאן אתה הולך [6] — ווער ביסטו און ווער איז ער"... מאכט זי צו מיר: — גאָט האָט באשאפן אלע מענטשן גלײַך... „יאָ, יאָ, זאָג איך, גאָט האָט באשאפן אָדאָם האָרישוינען נאָך זײַן געשטאלט, מע טאָר אָבער ניט פארגעסן, אַז איטלעכער דארף זוכן זײַן גלײַכן, ווי אין פּאָסעק שטייט בא אונדז געש־ריבן: איש כמתנת ידו" [7]... — אן אנטיק! — זאָגט זי צו מיר. — אף אלצדינג האָסטו א פּאָסעק! עפּשער געפינט זיך, זאָגט זי, בא דיר א פּאָסעק וועגן דעם, וואָס מענטשן, זאָגט זי, האָבן גענו־מען און האָבן זיך אליין, זאָגט זי, אײַנגעטיילט אף יִידן און גוייִם, אף באלעבאטים און קנעכט, אף פּריצים און בעטלערס?... „טע־טע־טע! — זאָג איך. — ביסט מיר שוין, דאכט מיר, פארפאָרן, טאָכטער, אין עלעף האשישי ארײַן!" און איך גיב איר צו פאר־שטיין, אז אזוי פירט זיך שוין אף דער וועלט מישיישעס יעמיי בריישיס. פרעגט זי מיך: — לעמײַ זאָל זיך אזוי פירן אף דער וועלט?.. זאָג איך: „דערפאר, וואָס אזוי האָט גאָט באשאפן זײַן וועלט"... זאָגט זי: — לעמײַ האָט גאָט באשאפן אזוי זײַן וועלט?... זאָג איך: „ע! אז מיר וועלן אָנהייבן פרעגן קאשעס — לעמײַ אזוי און לעמײַ אזוי, איז אין לדבר סוף — א מײַסע אָן אן עק!"... זאָגט זי מיר: דערוף האָט דאָך גאָט אונדז געגעבן א פארשטאנד, אז מיר זאָלן פרעגן קאשעס... זאָג איך: „בא אונדז איז פאראן א מינעג אזעלכער, אז א הון, זאָג איך, הייבט אָן צו קרייען ווי א האָן, זאָל מען זי באלד אוועקטראָגן צום שויכעט, ווי מיר זאָגן אין די בראָכעס: הנותן לשכוי בינה" [8].

— טאָמער וואָלט עפּשער גאָר געווען גענוג זיך צו גאָרגלען דאָרטן?—רופט זיך אָן מײַן גאָלדע פון שטוב ארויס.—דער באָרשטש, זאָגט זי, שטייט אפן טיש שוין פון א שאָ, און ער זינגט גאָר זמירעס!... „אָט האָסטו דיר, זאָג איך, די אנדערע טעג יאָנטעוו! ניט אומזיסט, זאָג איך, האָבן אונדזערע כאכאָמים געזאָגט: שבעה דברים בגולם[9] — א ייִדענע האָט אין זיך נײַן מאָס רייד. מע רעדט טאָך־זאכן איז זי דאָ מיט איר מילכיקן באָרשטש!״... רופט זיך אָן צו מיר גאָלדע: — דער מילכיקער באָרשטש, זאָגט זי, איז עפּשער א טאָך־זאך, ווי אלע דײַנע טאָך־זאכן... „מאזלטאָוו! האָט איר אײַך, זאָג איך, א נײַעם פילאָזאָף, גלײַך פון אונטערן אויוון ארויס! קארג, זאָג איך, וואָס די טעכטער זענען געוואָרן אופּ־געקלערטע קעפּ, האָט שוין טעוויעס ווײַב אויך אָנגעהויבן פליִען דורכן קוימען אין הימל ארײַן!... — אז ס'איז יאָ, זאָגט זי, גע־קומען צו רייד הימל, טאָ ליג שוין אין דער ערד!... ווי געפעלט, אײַך אשטייגער, אזא מין באָרוכהאבאָ אפן ניכטערן הארצן?...

בעקיצער, לאָמיר, ווי זאָגט איר, איבערלאָזן ייִעם בענמעלעך און זיך נעמען צו דער באסמאלקע, איך מיין דעם גאלעך, ייִמאך שמוי וועזיכרוי!

איינמאָל פארנאכט פאָר איך מיר אהיים מיט די לײדיקע קריג־לעך און האלט שוין באם ארײַנפאָרן אין דאָרף ארײַן, באגעגן איך אים פאָרן מיט זײַן אײַזערנער געקאָוועטער בריטשקע, טרײַבט אָן אליין מיט זײַן קאָוועד די פערדלעך, און די צעקעמטע באָרד זײַנע איז צעשמיסן פון ווינט. „צו דײַן קאָפּ, טראכט איך מיר, א שיין באגעגעניש!״... — א גוטן אָוונט! — מאכט ער צו מיר.— האָסט מיך ניט דערקענט, זאָגט ער, צי וואָס? „וועסט גיך רײַך ווערן״,—זאָג איך צו אים און נעם אראָפּ דאָס היטל און וויל פאָרן ווײַטער. מאכט ער צו מיר: — שטיי א ווײַלע, טעוועל, וואָס האָסטו קיין צײַט ניט? איך דארף דיר זאָגן א פּאָר ווערטער. „אָך, זאָג איך, אבי נאָר עפּעס גוטס, איז מאכטייסע, און אויב ניט, מעג דאָס, זאָג איך, בלײַבן אף אן אנדערש מאָל״... — וואָס הייסט, זאָגט ער, בא דיר אן אנדערש מאָל? „אן אנדערש מאָל, — זאָג איך, — הייסט בא מיר, ביז מאָשיִעך וועט קומען״...

—מאָשיִען, מאכט ער צו מיר איז דאָך שוין געקומען... „דאָס האָב איך שוין געהערט, זאָג איך, פון דיר ניט איין מאָל; דו זאָג מיר נאָר, פּאָטערל, עפּעס נײַעס"... „אָט דאָס, זאָגט ער, מיין איך טאקע דיר זאָגן; איך וויל מיט דיר שמועסן, זאָגט ער, פון דיר אליין, דאָס הייסט, פון דײַן טאָכטער"...

דאָ האָט מיר באלד א טיאָכקע געטאָן דאָס הארץ: וואָס פאר א מעכוטן איז ער מיט מײַן טאָכטער? און איך רוף מיך אָן צו אים: „מײַנע טעכטער, זאָג איך, זענען כאָלילע ניט אזעלכע, וואָס מע זאָל דארפן פאר זיי ריידן; זיי קאָנען שוין, זאָג איך, אליין באשטיין זייער שטעטל"... — דאָס איז אָבער, מאכט ער, אזא מין איניען, וואָס זי אליין קאָן ניט ריידן, עס מוז ריידן אן אנדערער, מאכמעס דאָ האנדלט זיך וועגן א טאָך־זאך, זאָגט ער, טאקע וועגן איר טאכלעס... „ווען גייט עס אָן, זאָג איך, דער טאכ־לעס פון מײַן קינד? מיר דאכט, זאָג איך, אז ווי באלד מע שמו־עסט פון טאכלעס, בין איך מײַן קינד א פאָטער ביז הונדערט צוואנציק יאָר, צי ניין?" — עמעס, זאָגט ער, דו ביסט דײַן קינד א פאָטער; דו ביסט אָבער, זאָגט ער, אף דײַן קינד א בלינדער, דײַן קינד, זאָגט ער, רײַסט זיך אין אן אנדער וועלט ארײַן, און דו פארשטייסט זי ניט, אָדער דו ווילסט זי ניט פארשטיין... „אויב איך פארשטיי זי ניט, זאָג איך, אָדער איך וויל זי ניט פארשטיין— דאָס איז אן אנדער זאך; וועגן דעם, זאָג איך, קאָנען מיר א ביסל שמועסן; נאָר וואָס קער זיך דאָס אָן, פּאָטערל, מיט דיר?...

—עס קער זיך, זאָגט ער, מיט מיר אָן זייער שטארק, זאָגט ער, ווײַל זי איז איצטער אין מײַן רעשוס..

„וואָס הייסט, זאָג איך, זי איז אין דײַן רעשוס?"...

—דאָס הייסט, זי איז איצטער אונטער מײַן האשגאָכע, מאכט ער און קוקט מיר גלײַך אין די אויגן ארײַן און צעקעמט זיך די שיינע צעלאָזטע זיקנע. טו איך מיסטאָמע א שפרונג אונטער: „ווער? מײַן קינד איז אונטער דײַן האשגאָכע? מיט וואָס פאר א רעכט?"—זאָג איך און פיל, אז איך הייב אָן ארײַן אין קאס. מאכט ער צו מיר גאנץ קאלטבלוטיק מיט א שמייכעלע: — נאָר ניט געהיצט זיך, טעוועל! פּאוואָליע וועלן מיר, זאָגט ער, די זאך זיך איבערלייגן. דו ווייסט, איך בין דיר, זאָגט ער, כאָלילע, קיין

סוינע ניט, כאָטש דו ביסט א ייִד; דו ווייסט, זאָגט ער, אז איך האלט פון ייִדן, און עס טוט מיר ווי דאָס הארץ אף זיי פאר זייער אקשאָנעס, וואָס זיי האָבן זיך איינגעשפארט און ווילן ניט פארשטיין, אז מע מיינט דאָס פון זייער טויווע ווערגן... „פון טוי־וועס, זאָג איך, זאָלסטו מיט מיר, פאָטערל, איצטער ניט ריידן, מאכמעס איטלעכס וואָרט, וואָס איך הער פון דיר אצינד, איז פאר מיר א טראָפּן סאם־האמאָוועס, זאָג איך, א פּיסטויל אין הארצן אריין. אויב דו ביסט מיר אזא גוטער פריינט, ווי דו זאָגסט, וועל איך פון דיר בעטן נאָר איין טויווע: מיין טאָכטער זאָלסטו לאָזן צורוו”... — ביסט א נארישער מענטש, —מאכט ער צו מיר, —עס וועט דיין טאָכטער, כאָלילע, קיין שלעכטס ניט געשען; עס שטייט איר איצטער פאָר א גליק, זאָגט ער; זי נעמט, זאָגט ער א כאָסן — אף מיר אזא יאָר... „אָמיין!—זאָג איך קלוימערשט מיט א געלעכטערל, און אין הארצן ברענט א געגעם!—ווער איז ער, לעמאָשל, דער כאָסן דיינער, זאָג איך, אויב איך בין זוכע, זאָג איך, צו וויסן?... — דו דארפסט אים קענען, זאָגט ער, ער איז זייער א בראווער, אן אָרנטלעך מענטשל און גאנץ פיין געבילדעט, אפילע פון זיך אליין, און איז פארקאָכט אין דיין טאָכטער און וויל מיט איר כאסענע האָבן און קאָן ניט, ווייל ער איז ניט קיין ייִד...

„כוועדקע!”...—טראכט איך מיר, און עס טוט מיר א זעץ אין קאָפּ אריין א מאָדנע היץ, און עס באשלאָגט מיך א קאלטער שווייס, קאם וואָס איך זיץ איין אפן וועגעלע. נאָר ארויסבאוויזן דאָס פאר אים — ניט דערלעבן וועט ער דאָס! און איך נעם דאָס פערדל פאר די לייצעס, טו דאָס א שמיצל פון אונטן ארוף, און האָ־לאך מוישע־מאָרדכע — פאשאָל אָן א זיי־געזונט אהיים.

איך קום צו פאָרן אהיים, איי־איי־איי. אן איבערקערעניש! די קינדער ליגן מיט די פּענימער אין די קישנס און וויינען, מיין גאָלדע איז מער אף יענער וועלט, איידער אף דער וועלט... איך זוך כאַוועז, ווו איז כאַווע? — ניטאָ כאַווע!... פרעגן, ווו איז כאַווע, וויל איך ניט. איך פארשפּאָר שוין פרעגן, אז אָך און ווי איז מיר! און איך פיל דעם טאַם פון כיבעט האקייווער, און עס ברענט אין מיר א פייער, איך ווייס ניט אף וועמען... איך

וואָלט עפּעס נאָר גענומען און זיך אליין אויסגעפּאטשט... און איך צעשרייַ מיך אף די קינדער און לאָז אויס מייַן ביטער הארץ צום ווייַב. איך קאָן מיר קייַן אָרט ניט געפינען. גיי איך ארויס אין שטאל צום פערד, דעם געבן עסן, און טרעף דאָס שטיין אריבערגעפּוציעוועט מיט איין פוס אף יענער זייַט קלאָץ. כאַפּ איך א שטעקן און הייב דעם אָן אייַנטיילן, שיילן די פעל, ברעכן ד ביינער: „פארברענט זאָלסטו ווערן, שלימאזל מייַנער! זאָלסטו אזוי לעבן, ווי איך האָב פון דייַנעטוועגן א האָבערל אפילע! צאָ־רעס, אויב דוווילסט, קאָן איך דיר געבן, שלעק מיט אנגסטן, מיט מאקעס, מיט בכוירעס!"...

אזוי רעד איך צום פערדל און באטראכט מיך אָבער באלד, אז ס'איז א צערבאלעכאים, גאָט די נעשאָמע שולדיק, וואָס האָב איך צו דעם? און איך שיט דעם אונטער א ביסל געהאקטע שטרוי און זאָג דעם צו, אימירצעשעם, שאבעס ווייַזן א היי איז סידער, און קום אריין צוריק אין שטוב אריין, באגראָב זיך און ליג אין געהאקטע ווונדן, און דער קאָפּ — דער קאָפּ ווערט מיר שיר צעשפּאָלטן, טראכטנדיק און קלערנדיק און לערנענדיק דעם פשאט: וואָס זאָל דאָס באדייַטן? „מה פשעי ומה חטאתי — מיט וואָס האָב איך, טעוויע, פארזינדיקט מער פון דער גאנצער וועלט וואָס מע באשטראָפט מיך מער פון אלע ייִדן? אוי, ריבוינע־שעלוילעם, ריבוינעשעלוילעם! מה אנו ומה חיינו 10) — ווער בין איך אזוינס, וואָס דו טראָגסט מיך אפן קאָפּ קעסיידער, האָסט מיך אין זינען און לאָזט ניט אויס ווו ערגעץ א שלאק, א צאָרע, אן אָנשיקעניש?!"...

און אזוי ווי איך טראכט מיר אזוי, ליגנדיק אף הייסע קוילן הער איך, ווי מייַן ווייַב, נעבעך, קרעכצט, רייַסט אויס א שטיק הארץ. „גאָלדע, זאָג איך, דו שלאָפסט?"... — ניין, זאָגט זי, וואָס איז דען?... „גאָרניט, זאָג איך, מיר זענען גוט אין דער ערד; עפּשער ווייסטו, זאָג איך, אן אייצע, וואָס טוט מען?"... — פרעגסט בא מיר זאָגט זי, אייצעס, אז אָך און וויי איז מיר? א קינד שטייט אוף, זאָגט זי, אינדערפרי, א געזונטע, א שטארקע, טוט זיך אָן, זאָגט זי, פאלט מיך ארום קושן און האלדזן און וויינען און זאָגט ניט וואָס; איך האָב געמיינט, זי איז כאָלילע פונעם

זינען! פרעג איך זי: „וואָס איז דיר, טאָכטער?" זאָגט זי גאָרנישט און כאפּט זיך ארויס אף א ווײַלע צו די בעהיימעס און ווערט פארשווונדן. איך ווארט א שאָ, איך ווארט צוויי, איך ווארט דרײַ — ווו איז כאווע? רוף איך מיך אָן צו די קינדער: „אנו, טוט נאָר א שפּרונג אף א מינוטקעלע צום גאלעך"... „פונוואַ־נען, זאָג איך, האָסטו געוווּסט, גאָלדע, אז זי איז באַם גאלעך?"...— פונוואַנען האָב איך געוווּסט?—זאָגט זי.—אז אָך און וויי איז מיר! וואָס איז, זאָגט זי, איך האָב קיין אויגן ניט? צי איך בין איר קײַן מאמע ניט?... „אז דו האָסט אויגן, זאָג איך, און דו ביסט איר א מאמע, וואָס־זשע האָסטו געשוויגן און האָסט ניט געזאָגט מיר?"... — דיר זאָל איך זאָגן? ווען ביסטו אינדערהיים?—זאָגט זי.—און אז איך זאָג דיר, הערסטו מיך דען? דיר אז מע זאָגט, זאָגט זי, ענטפערסטו באלד מיט א פּאָסעק; פארהאקסט דעם קאָפּ מיט פסוקים און דערמיט קומסטו אָפּ.

אזוי מאכט זי צו מיר, גאָלדע, הייסט עס, און איך הער, ווי זי וויינט אין דער פינצטער... אביסל איז זי גערעכט, טראכט איך מיר, וואָרום וואָס פארשטייט א ייִדענע? און עס טוט מיר וויי אף איר דאָס הארץ, איך קאָן ניט הערן, ווי זי קרעכצט און ווי זי וויינט. רוף איך מיך אָן צו איר: „זעסטו, גאָלדע, ביסט בּרוי־געז, זאָג איך, לעמײַ איך האָב אף אלצדינג א פּאָסעק, איך מוז דיר דערוף אויך ענטפערן מיט א פּאָסעק; עס שטייט בּא אונדז געשריבן, זאָג איך, כרחם אב על בנים — א טאטע האָט ליב א קינד. פארוואָס שטייט ניט, זאָג איך, כרחם אם על בנים — אז א מאמע האָט ליב איר קינד? ווײַל א מאמע איז ניט קײַן טאטע! א טאטע, זאָג איך, קאָן אנדערש ריידן מיט א קינד. אָט וועסטו זען, זאָג איך, אימירצעשעם, מאָרגן זע איך זיך מיט איר"...— האלעווײַ, זאָגט זי, זאָלסטו זיך קאָנען זען מיט איר, און מיט אים אויך. ער איז א מענטש, זאָגט זי, ניט קיין שלעכטער, כאָטש א גאלעך, נאָר אף א מענטשן האָט ער, זאָגט זי, ראכמאָנעס. דו וועסט אים בעטן, פאלן צו די פיס, עפּשער וועט ער ראכמאָנעס האָבן... „ווער, זאָג איך, דער קוימער [11]) ייִמאך שמוי?... איך זאָל מיך בוקן, זאָג איך, צום גאלעך? ביסט מעשוגע, זאָג איך, צי כאָסערדייע? אל תפתח פה לשטן [12]), זאָג איך, — ניט דערהארן

וועלן דאָס מײַנע סאָנים!"... — אָ! זעסטו? עס הייבט זיך אָן
זאָגט זי, מיט דיר!... „וואָס דען, זאָג איך, האָסטו געמיינט? איך
וועל מיך לאָזן פירן פון א ייִדענע? איך וועל, זאָג איך, לעבן
מיט דײַן ווײַבערשן סייכל?"...

אָט אין אזעלכע שמועסן גייט אוועק בא אונדז די נאכט. קאָם
דערלעבט דעם ערשטן קריי פונעם האָן, הייב איך מיך אוף, דאוון
אָפּ, נעם מיט זיך די בײַטש און לאָז מיך אוועק מיסטאמע גלײַך
צום גאלעך אין הויף ארײַן. ווי זאָגט איר, א ייִדענע איז טאקע
א ייִדענע, נאָר ווּהין דען האָב איך געזאָלט גיין? אין דער ערד ארײַן?..

בעקיצער, געקומען צו אים אין הויף ארײַן, באגעגענען מיך
די קלאָווים זײַנע מיט א שיינעם גוט-מאָרגן און ווילן מיר צורעכט-
מאכן די קאפאָטע און פארזוכן די ליטקע פון מײַנע ייִדישע פיס,
צי זיי זענען עפעס גוט פאר זייערע הינטישע ציין?... א גליק,
וואָס כ'האָב מיטגענומען די בײַטש, האָב איך זיי געגעבן צו פאר-
שטיין דעם פאָסעק לא יחרץ כלב לשונו [12] — דאָס הייסט לאָז א
הונט ניט בילן אומזיסט... אף זייער געשריי מיט מײַן געפילדער איז
ארויסגעלאָפן דער גאלעך מיט דער גאלעכטע, קאָם צעטריבן די פריי-
לעכע כאליאסטרע און ארײַנגערופן מיך אין שטוב ארײַן, מיך אופ-
גענומען פאר זייער א שיינעם גאסט, געוואָלט שטעלן פון מײַנעטוועגן
דעם סאמאָוואר. זאָג איך, אז דער סאמאָוואר איז לאוו דאפקע, איך
האָב מיט אים עפעס צו ריידן, זאָג איך, אונטער פיר אויגן. האָט
זיך דער קוימער אָנגעשטויסן, וואָס איך מיין, האָט א ווונק געטאָן
צו זײַן פלוינעסטע, זי זאָל מויכל זײַן צומאכן די טיר פון יענער
זײַט — און איך בין צוגעטראָטן צום איניען גלײַך, אָן שום האק-
דאָמעס, ער זאָל מיר זאָגן קודעם, צי גלייבט ער אין גאָט?...
און נאָכדעם זאָל ער מיר זאָגן, אויב ער פילט דעם טאַם, וואָס
הייסט צעשיידן א טאטן מיט א קינד, וואָס מע האָט דאָס ליב?..
און ווידער זאָל ער מיר זאָגן, וועלעכס הייסט נאָך זײַן סייכל א
מיצווע און וועלעכס הייסט אן אוויירע?... און נאָך א זאך וואָלט
איך וועלן, ער זאָל מיר קלאָר מאכן: וואָס פאר א פאָנעם האָט
בא אים א מענטש, וואָס כאפט זיך ארײַן צו יענעם אין שטוב ארײַן און
וויל מאכן אן איבערקערעניש, איבערשטעלן די בענקלעך, מיט די
טישלעך, מיט די בעטן?...

אוואדע בלײַבט ער זיצן געפּלעפּט און מאכט צו מיר:
— טעוועל, זאָגט ער, ביסט א קלוגער מענטש, זאָגט ער, און נעמסט און שטעלסט אוועק, זאָגט ער, מיטאמאָל אזוי פיל שײַלעס און ווילסט, זאָגט ער, איך זאָל דיר ענטפערן אין איין קלאפּ? האָב צײַט, זאָגט ער, איך וועל דיר ענטפערן על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון [14]... „ניין, זאָג איך צו אים, דו וועסט מיר, פּאַטערל געטרײַער, ניט ענטפערן דערויף קיינמאָל ניט. ווייסטו פארוואָס? ווײַל אלע דײַנע מאכשאָוועס ווייס איך פון פריִער. דו ענטפער מיר, זאָג איך, בעסער דערויף: איך האָב נאָך א האָפענונג צו זען מײַן קינד צוריק, אָדער ניין?"... כאפּט ער זיך אויף: — וואָס הייסט — צוריק? דײַן טאָכטער וועט, כאָלילע, גאָרניט געשען, אדעראבּע! „איך ווייס, זאָג איך, איך ווייס, איר ווילט זי מאכן גליקלעך! איך רייד ניט פון דעם, זאָג איך; איך וויל וויסן, ווּו איז ערגעץ מײַן קינד, און צי קאָן איך זיך מיט איר זען?"...
— אלצדינג יאָ, מאכט ער צו מיר, נאָר דאָס ניט... „אָט אזוי־זשע רייד, זאָג איך. דוואָרים ברורים, קורצע דיבורים! זײַ געזונט, זאָג איך, און לאָז דיר גאָט באצאָלן, זאָג איך, בעקייפל קיפלאַיִם!"...

און איך קום צו גיין אהיים און טרעף מײַן גאָלדע ליגט צונויפגעקוטשעבורעט, ווי א שווארצער קנויל, אין בעט און האָט שוין מער קײַן טרערן ניט אין די אויגן. רוף איך מיך אָן צו איר: „שטיי אויף, מײַן ווײַב, טו אויס, זאָג איך, די שיך, און לאָמיר זיך אוועקזעצן שיווע, אזוי ווי גאָט האָט געבאָטן, ד' נתן ד' לקח — מיר זענען ניט די ערשטע, מיר זענען ניט די לעצטע. עלעהיי, לאָז זיך אונדז אויסדאכטן, זאָג איך, אז מיר האָבן קיינמאָל ניט געהאט קײַן כאווע, אָדער לאָז זיך אונדז דאכטן, זאָג איך, עלעהיי האָדל, וואָס איז אוועק פון אונדז הינטער די האָריי כוישעך, גאָט ווייס, אויב מיר וועלן זי אמאָל זען... גאָט, זאָג איך, איז אן אל רחום וחנון, ער ווייסט, וואָס ער טוט!"...

אזוי רייד איך מיר אויס דאָס הארץ און פיל, אז די טרערן שטיקן מיך, שטייען מיר, ווי א ביין אין האלדז. נאָר טעוויע איז ניט קײַן ייִדענע, טעוויע האלט זיך אײַן! מאָלט אײַך, עס רעדט זיך נאָר אזוי, וואָרום ערשטנס, דער ביזאָיִען!... וועהאשיינים, ווי

קאָן איך זיך איַינהאלטן, אז מע פארלירט לעבעדיקערהייט אזא
קינד, אזא בארליאנט, וואָס איז אזוי איַינגעבאקן אין הארץ אי
בא מיר, אי בא דער מוטער, קימאט מער ווי אלע קינדער, איך
ווייס ניט פארוואָס? עפשער דערפאר, וואָס זי האָט קינדוויַיז
זייער אסאך געקרענקט, איבערגעטראָגן אף זיך קאָל האצאָרעס
שעבעוילעם; מיר זענען אמאָל אויסגעזעסן איבער איר גאנצע
נעכט, עטלעכע מאָל אָפּגעשריגן, פּאָשעט אָפּגעשריגן פון טויט,
אָפּגעכאיעטשעט, ווי מע כאיעטשעט אָפּ א קליין צעטראָטן
הינדעלע, ווארום אז גאָט וויל, מאכט ער פון טויט לעבעדיק, ווי
מיר זאָגן אין הלל: לא אמות כי אחיה [15] — אז ס׳איז ניט באַ־
שערט שטארבן, שטארבט מען ניט... און עפשער איז דאָס דער־
פאר, וואָס זי איז א גוט קינד, א געטריַיס, האָט אונדז פון טאָ־
מיד אָן ליב געהאט ביידן דאָס כיַיעס מיט דער נעשאָמע. איַי,
די קאשע: ווי קומט דאָס, זי זאָל אונדז אזעלכעס טאָן? איז,
ערשטנס, אונדזער מאזל אזוי. איך ווייס ניט, ווי אזוי איר —
איך גלייב אין האשגאָכע. וועהאשיינים, איז דאָס א קליפּע, אן
אָפּגעטאָנענע זאך, הערט איר, א מין קישעף! איר מעגט איַיך
לאכן פון מיר, און איך זאָג איַיך, אז איך בין גאָרניט אזא גראָ־
בער נאר, איך זאָל גלייבן אין שרעטעלעך, לייצים, דאָמעוויקעס
אוכדוימע אזעלכע שטוסעריַיען; נאָר אין קישעף, זעט איר, גלייב
איך, ווארום גוואָס דען איז דאָס, אז ניט קיַין קישעף? אָט
וועט איר האָרכן וויַיטער, וועט איר אליין אויך זאָגן דאָס
אייגענע...

בעקיצער, אז די הייליקע ספאָרים זאָגן: בעל כרחך אתה
חי [16] — א מענטש נעמט זיך ניט אליין דאָס לעבן, איז דאָס ניט
אומזיסט. ס׳איז גאָר ניטאָ די מאקע אף דער וועלט, וואָס זאָל
זיך ניט פארהיילן, און אזא צאָרע, וואָס מע זאָל ניט פארגעסן.
דאָס הייסט, פארגעסן פארגעסט זיך ניט, נאָר וואָס זאָל מען טאָן?
אדם כבהמה נדמה [17] — א מענטש באדארף ארבעטן, האָרעווען,
פארשווארצט און אויסגעריסן ווערן צוליב דעם שטיקל ברויט.
מיר האָבן זיך גענומען, וואָס טויג איַיך, אלע צו דער ארבעט,
מיַין וויַיב און קינדער צו די קריגלעך, איך צום פערד־און־ווע־
געלע, און עולם כמנהגו [18] — די וועלט בליַיבט ניט שטיין.

אָנגעזאָגט האָב איך אין שטוב, אַז כאווע לוי יי׳זאָכער וועלוי׳ ייִפּאָקעד — ניטאָ כאווע! אויסגעמעקט — און שוין! און כ׳האָב מיר צונויפגעשלאָגן אביסל מילכיקס, פרישע סכוירע, און האָב מיך געלאָזט קיין בויבעריק צו מײַנע קוינים.

געקומען קיין בויבעריק — א סימכע, א גדולע: וואָס מאכט א ייִד רעב טעוויע? פארוואָס זעט מען אײַך ניט? „וואָס זאָל איך מאכן, זאָג איך, דער אייגענער שלימאזל, וואָס פריִער, א בעהיימעלע, זאָג איך, איז בא מיר געפאלן״... — וואָס איז די מײַסע, זאָגן זיי, וואָס מיט אײַך טרעפן זיך אלע ניסים? און דער אוילעם פרעגט מיך אויס, איטלעכער באזונדער, וואָס פאר א בעהיימעלע איז בא מיר געפאלן? וויפל האָט דאָס מיך געקאָסט? און וויפל בעהיימעלעך איז מיר נאָך געבליבן? און מע לאכט, מע איז פריילעך, ווי געוויינטלעך, נעגידים מאכן זיך לוסטיק איבער אן אָרעמאן, א שלימאזל, נאָכן עסן, אז ס׳איז גוט אפן הארצן און און אינדרויסן איז שיין און הייס און גרין, און עס גלוסט זיך דרעמלען... טעוויע איז אָבער א מענטש, וואָס לאָזט זיך טרײַבן קאטאָוועס. א קרענק וועט יענער בא מיר ויסן, וואָס בא מיר אין הארצן טוט זיך!

און אָפּגעפּארטיקט זיך מיט אלע קוינים, לאָז איך מיך צוריק מיט די ליידיקע קריגלעך אהיים, איבערן וואלד, לאָז אָפּ דאָס פערדל, ס׳זאָל זיך גיין פּאוואָליע און כאפּן ביגנייווע א שטשיפּל גראָז, און. אליין פּארטיף איך מיך אין מײַנע מאכשאָוועס און געדאנקען, טראַכט איבער, פון וואָס איר ווילט: פונעם לעבן און פונעם טויט, פון דער וועלט און פון יענער וועלט, און וואָס איז אזעלכס וועלט, און וואָס לעבט א מענטש, אוכדוימע אזעלכע זאכן, ביכ־דיי איך זאָל מיר צעשלאָגן די ראַיוינעס, דאָס הייסט, איך זאָל ניט קלערן פון איר, פון כאוועןּ, הייסט עס.

און ווי אף צעלאָכעס, קריכט מיר אין קאָפּ ארײַן דאפקע זי, כאווע, הייסט עס. זי קומט מיר אקעגן מיט איר געשטאלט, הויך און שיין און פריש, ווי א סאָסנע, אָדער ווי זי איז נאָך געווען א קליינינטשקע, א קראנקעטשקע, א פּעגירעלע, ווי אן אייפעלע בא מיר אין די הענט, דאָס קעפל ארופגעוואָרפן אף מײַנע פּליי־צעס: „וואָס ווילסטו, כאוועלע? געבן דיר א שטיקעלע פּאפּע?

אביסעלע מאָני?"... און איך פארגעס אף א ווײַלע, וואָס זי האָט אָפגעטאָן, און עס ציט מיר צו איר דאָס הארץ, און די נעשאָמע נאָגט, בענקט נאָך איר... נאָר דערמאָן איך מיך, און עס גייט מיר איבער דער קויעך האדאם, און א פײַער צינדט זיך אָן בא מיר אין הארצן אף איר און אף דער וועלט און אף זיך אליין, פארוואָס איך קאָן זיך ניט פארגעסן אף קיין מינוט. פארוואָס זאָל איך זי ניט קאָנען אויסמעקן, ארויסרײַסן פונעם הארצן? זי האָט דאָס דען בא מיר ניט פארדינט? דערוף טאקע דארף טעוויע זײַן א ייִד שעבעיִד, קאָל-יאָמאָוו פארשווארצט ווערן, אקערן מיט דער נאָז די ערד, מעגאדל זײַן קינדער, ביכדיי זיי זאָלן נאָכדעם נעמען מיט איין מאָל און אָפרײַסן זיך מיט גוואלד, אָפפאלן ווי א שישקע פונעם בוים, און פארטראָגן ווערן מיטן ווינט און מיטן רויך?... אָט, לעמאָשל, אזוי קלער איך מיר, וואקסט א בוים, א דעמב אין וואלד, קומט צו גיין א נעפעש מיט א האק, נעמט אָפ א צווײַג און נאָך א צווײַג און נאָך א צווײַג — וואָס איז דער בוים אָן די צווײַגן, משטיינס געזאָגט? נעם שוין בעסער, דו בענאָדאָם, און האק אונטער דעם בוים אינגאנצן — און אן עק לאָז דאָס האָבן. צו וואָס זאָל סטאָרטשען א נאקעטער דעמב אין וואלד?!...

און אזוי ווי איך טראכט מיר אזוי דידאָזיקע מאכשאָוועס, דערפיל איך פּלוצים, אז מײַן פערדל האָט זיך אָפּגעשטעלט — סטאָפּ! וואָס איז דאָס? איך הייב אוף די אויגן, איך טו א קוק — כאווע!... די אייגענע כאווע, וואָס פריִער, ניט געמינערט א האָר, אפילע די מאלבושים ניט איבערגעביטן!... דאָס ערשטע, וואָס קומט מיר אף די געדאנקען — איז ארָאפּשפּרינגען פון וואָגן און ארומכאפּן זי קושן... נאָר באלד טוט מיך צוריק א צי א געדאנק: טעוויע? וואָס ביסטו, א ייִדענע?" און איך טו א צי דאָס פערדל: „וויאָ, שלימאזל!" און נעם מיך רעכטס. איך טו א קוק — מײַנע אויך רעכטס, מאכט עפּעס צו מיר מיט דער האנט, ווי איינער רעדט: „שטיי א ווײַלע, איך דארף דיר עפּעס זאָגן"... און עס טוט זיך מיר א ריס אָפּ אינעווייניק און א צופּ באם הארצן, אוּן איך לאָז אָפּ הענט און פיס; אָט־אָט טו איך א שפּרונג אראָפּ פונעם וואָגן! נאָר איך האלט מיך אײַן, טו א צי דאָס פערדל און נעם מיך לינקס — מײַנע אויך לינקס. קוקט אף מיר מעשונע ווילד,

דאָס פּאָנעם טויט... וואָס טוט מען ?—טראַכט איך מיר.—זאָל איך בלייבּן שטיין, צי איך זאָל פאָרן ווייַטער ? און איידער איך קוק מיך נאָך ארום — אהא, זי האלט שוין דאָס פערדל בּאם צוים און מאכט צו מיר : — טאטע ! זאָל איך שטארבּן, אויבּ דו וועסט זיך רירן פונעם אָרט ! איך בּעט דיך, הער מיך אויס פריִער, טאטע־פּאָטער !.. „ע !—טראַכט איך מיר,—ווילסט מיך נעמען מיט גוואלד ? ניין, נעשאָמע מייַנע ! וויבאלד אזוי, איז א סימען, אז דו קענסט ניט דעם טאטן דייַנעם“... און דאוויַ שמייַסן דאָס פערדל, אף וואָס די וועלט שטייט. און מייַן פערדל פאָלגט. שפּרינגט, נאָר עס דרייט צוריק דעם קאָפּ, מאכט בּעשאס־מייַסע מיט די אויערן. „וויאָ, זאָג איך צו דעם, אל תּסתּכּל בּקנקן [19]) — קוק ניט, כאָכעם מייַנער, אהין, ווו מע דארף ניט“... און אליין, מיינט איר, ווילט זיך מיר ניט אויסדרייען דעם קאָפּ צוריק און א קוק טון, כאָטש איין קוק טון אהין, אף יענעם אָרט, ווו זי איז שטיין געבּליבּן ?.. נאָר ניין, טעוויע איז ניט קיין יידענע. טעוויע ווייסט, ווי אזוי מען איז זיך נויעג מיטן סאָטן מעקאטרעג...

בּעקיצער, איך וויל אייַך נישט מער, ווי זאָגט ער, מאריך יאָמים זייַן, אן אווייַרע אייַער צייַט. אויבּ ס׳איז מיר בּאשערט געוועןן כיבּעט האקייוועד, בּין איך שוין געוויס דערמיט אָפּגעקומען, און דעם טאם פון גענעם מיט קאפאקעלע, מיט די אלע איבּעריקע געבּרענטע ליידן; וואָס ווערן בּאשריבּן בּא אונדז אין די הייליקע ספאָרים, פרעגט מיך, וועל איך אייַך זאָגן ! דעם גאנצן וועג, וואָס איך פאָר, ווייַזט מיר אויס, אז זי לויפט מיר נאָך נאָכן וואָגן און שרייַט : „הער מיך אויס, טאטע־פּאָטער !“.. און עס פליט מיר דורך א געדאנק : „טעוויע ! דו שטעלסט אף זיך צו פיל ! וואָס וועט דיך ארן, אז דו וועסט זיך אָפּשטעלן אף א ווייַלע, אויסהערן, וואָס וויל זי ? עפּשער האָט זי דיר צו זאָגן אזעלכעס, וואָס דו דארפסט דאָס וויסן ? עפּשער, א קאשע אף א מייַסע, האָט זי כאראָטע און וויל זיך אומקערן צוריק ? עפּשער ליגט זי בּא אים אין דער ערד און בּעט בּא דיר, דו זאָלסט איר העלפן ארויס פון גענעם ?“... „עפּשער“ און „עפּשער“ און נאָך אסאך אזעלכע עפּשערס פליִען מיר דורך אין קאָפּ, און זי שטעלט זיך מיר פאָר אלס א קינד, און איך דערמאן מיך אָנעם פּאָסעק

„כּרחם אב על בּנים״ — ניטאָ קיין שלעכט קינד בּאַ א טאטן. און איך פּײַניק מיך, און איך זאָג אף זיך אליין, אז איך בּין אָסור לרחם [20]) — ניט ווערט, וואָס די ערד טראָגט מיך! וואָס? וואָס קאָכסטו, דו מעשוגענער אקשן? וואָס טאראבּאנעסטו? נעם, דו אכזער איינער, פארקערעווע דאָס וועגעלע צוריק און בּעט זיך מיט איר איבּער. זי איז דײַן קינד, ניט קיינעמס!..

און עס קריכן מיר אין קאָפּ ארײַן מעשוגנע מאָדנע מאכשאָ־ וועס און געדאנקען: וואָס איז דאָס אזעלכעס ייִד, און וואָס איז ניט־ייִד?.. און פארוואָס האָט גאָט בּאשאפן ייִדן און ניט־ייִדן?.. און אז גאָט האָט שוין יאָ בּאשאפן ייִדן און ניט־ייִדן, פארוואָס־ זשע זאָלן זיי זײַן אזוי אָפּגעטיילט איינס פון דאָס אנדערע. ניט קאָנען אָנקוקן איינס דאָס אנדערע, גלײַך ווי דער ייִד איז פון גאָט און יענער איז ניט פון גאָט?.. און עס פארדריסט מיך, לעמײַ איך בּין ניט אזוי קלאָר, ווי אנדערע, אין ספאָרים און אין בּיכער, איך זאָל קאָנען געפינען דערויף עפּעס א רעכטן טערעץ... און בּיכדיי זיך צעשלאָגן די ראַיוינעס, הייבּ איך אָן אף א ניגון: אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה.

איך דאוון, הייסט דאָס, מינכע אף א קאָל און מיט א ניגון, אזוי ווי גאָט האָט געבּאָטן. נאָר וואָס קומט ארויס פונעם דאוו־ נען און פונעם זאָגן, אז אינעווייניק אינעם הארצן זינגט זיך אן אנדער ניגון: „כאַ־ווע! כאַ־ווע! כאַ־ווע!״... און וואָס איך זינג העכער דעם „אשרי״, זינגט זיך מיר „כאווע״ נאָך העכער און וואָס מער איך וויל זי פארגעסן, אזוי מער און שארפער שטייט זי מיר פאר די אויגן, און עס דאכט זיך מיר, אז איך הער איר קאָל, ווי זי רופט צו מיר: „הער מיך אויס, טאטע־פּאָטער!״.. און איך פארשטעל מיר די אויערן, איך זאָל זי ניט הערן, און איך מאך צו די אויגן, איך זאָל זי ניט זען, און איך זאָג די שמוינע־עסרע און הער ניט, וואָס איך זאָג, און שלאָג זיך „אָשמנו״ און ווייס ניט פארוואָס, און מײַן לעבּן איז צערודערט, און אליין בּין איך צערודערט, און זאָגן זאָג איך ניט קיינעם פון מײַן בּאגעגעניש, און רייד ניט מיט קיינעם פון איר. און פרעג זיך ניט נאָך אף איר בּאַ קיינעם, כאָטש איך ווייס, און ווייס גאנץ גוט, ווו זי איז און ווו ער איז און וואָס זיי טוען, — נאָר א

מאקע וועט עמעצער בא מיר וויסן. ניט דערלעבן זאָלן דאָס מײַנע סאָנים, אז איך זאָל מיך פאר עמעצן באקלאָגן. אָט אזא מענטש איז טעוויע !..

איך וואָלט א באלן געוועון וויסן, צי אלע מאנצבלען זענען אזוי, צי נאָר איך בין אזא מעשוגענער ? אשטייגער, קעדוימע לעמאָשל, אמאָל טרעפט זיך... איר וועט ניט לאכן פון מיר ? איך האָב מוירע, איר וועט לאכן פון מיר... אמאָל טרעפט זיך, איך טו מיך אָן אין דער שאבעסדיקער קאפּאָטע, און לאָז מיך צום באן. און בין שוין גרייט זיך אופזעצן פאָרן אהין, צו זיי, איך וויס, ווו זיי זיצן... איך גיי צו צום קאסיר און הייס מיר געבן א בילעט. פרעגט ער מיך: וווהין ? זאָג איך: קיין יעהופּעץ... זאָגט ער: אזא שטאָט איז בא מיר ניט פאראן... זאָג איך: בין איך ניט שולדיק... און איך קער מיך אום צוריק אהיים, טו אויס די שאבעסדיקע קאפּאָטע און נעם מיך צוריק צו דער ארבעט, צום ביסל מילכיקס און צום פערד־און־וועגעלע, ווי שטייט דאָרטן: דער שנײַדער צו דער שער, און דער שוסטער צום ווארשטעט...

איאָ, איר לאכט פון מיר ? וואָס האָב איך אײַך געזאָגט ? איך וויס אפילע, וואָס איר טראכט ; איר טראכט זיך: „אָט דער טעוויע איז טאקע עפּעס נאָר א כושים !..“ דערפאר רעכן איך, אז עד כאן אומרים בשבת הגדול [21]) — ס׳זאָל זײַן הײַנטיקס מאָל גענוג, הייסט עס... זײַט מיר געזונט און שטארק און שרײַבט בריוולעך. נאָר לעמאנהאשעם, ניט פארגעסן, וואָס כ׳האָב אײַך געבעטן: אז ס׳זאָל זײַן פאסעך שין שא. איך מיין, איר זאָלט ניט מאכן דערפון קיין ביכל. און אויב עס וועט אײַך אויסקומען שרײַבן, זאָלט איר שוין שרײַבן פון אן אנדערן, ניט פון מיר! אָן מיר פארגעסט, ווי אין פּאָסעק שטייט: „וישכחהו“ [22]) — אויס טעוויע דער מילכיקער !..

.1906

טעוויע פאָרט קיין ערעץ-ייִסראָעל.

— סקאָצל קומט! וואָס מאכט א ייִד, רעב שאָלעם־אלייכעם? אָט א גאסט! אפילע ניט געכאָלעמט זיך! נאט־זשע אײַך אָפּ שאָלעם־אלייכעם. איך האָב מיר אָבער אלץ געטראכט און געטראכט: וואָס איז די מײַסע, וואָס מע זעט אים ניט אזא צײַט, ניט אין בויבעריק, ניט אין יעהופּעץ? א קאשע, וואָס ס'מאכט זיך: עפּשער האָט ער אָפּגעזאָגט די עטלעכע גילדן און איבערגעפּעקלט זיך אהין, ווו מע עסט ניט קיין רעטעך מיט שמאלץ? און צוריק טראכט איך מיר: געשיקט זיך עס, זיי זאָלן טון אזא נארישקײַט? זיי זענען דאָך עפּעס א מענטש א בארדאאס, כלעבן! נו, דאנקען האשעם־ייִסבאָרעך, מע זעט זיך געזונט, ווי שטייט דאָרט אין פּאָסעק: טוראָ בטוראָ [1]) — א מענטש מיט א מענטשן...

איר קוקט מיך אָן, פּאני, גלײַך, ווי איר וואָלט מיך ניט געדענקט? דאָס בין איך, אײַער אלטער גוטער פרײַנט טעוויע. אל תסתכל בקנקן — קוקט ניט, וואָס א ייִד גייט אין א נײַער קאפּאָטע, דאָס איז דער אייגענער שלימאזל טעוויע, וואָס אמאָל, ניט געמינערט א האָר; ניט מער, מע טוט זיך אָן שאַבעסדיק, זעט מען אויס אביסל דאָסיקער, מײַסע נאָגיד, וואָרום, אז מע פאָרט ארויס צווישן מענטשן, קאָן מען אנדערש ניט, אוביפּראט, אז מע פאָרט אזא ווײַטע נעסיִע קיין ערעץ־ייִסראָעל, א קלייניקײַט?

איר קוקט מיך אָן און טראכט זיך, ווי קומט דאָס, אזא קליין מענטשעלע, ווי טעוויע, וואָס האָט קאָל־יאָמאָוו געהאנדלט מיט מילכיקס, זאָל גאָר האָבן אזא האסאָגע, וואָס סע קאָן זיך פארגינען אףּ דער עלטער סײַדן א מין בראָצקי? גלייבט מיר, פּאני שאָלעם־

אלייכעם, ס׳איז רעכט ארום און ארום. רוקט נאָר אוועק, זײַט מויכל, אײַער טשעמאָדאנטשיקל אביסל אהין, וועל איך מיך אוועקזעצן אקעגן אײַך און וועל אײַך דערציילן א מײַסע, וועט איר האָרכן, וואָס גאָט קאָן.

בעקיצער, איך מוז אײַך זאָגן קודעם קאָל האקוידעמס, אז איך בין געבליבן אן אלמען, געשטאָרבן גאָלדע מײַנע, אָלאָוו־האשאָלעם. געווען א יידענע א פראָסטע, אָן כאָכמעס, אָן אוי־בערקעפלעך, נאָר א גרויסע צאדייקעס. לאָז זי זיך מיען דאָרט פאר אירע קינדער. זי איז געוואָרן אויסגעשטאנען צוליב זיי, און טאקע עפשער איבער זיי געגאנגען פון דער וועלט, נישט געקאָנט איבערטראָגן, וואָס זיי זענען זיך צעקראָכן איינער קיין ליסי, דער צווייטער קיין סטריסי: — משטיינס געזאָגט, זאָגט זי, וואָס איז מײַן וועלט, זאָגט זי, אז וויבאלד, זאָגט זי, ניט קיין קינד, ניט קיין רינד? לעמאָשל, א בעהיימע, זאָגט זי, בענקט אויך, זאָגט זי, אז מע אנטווײנט פון איר, זאָגט זי, דאָס קעלבל... אזוי זאָגט זי צו מיר, גאָלדע, הייסט עס, און וויינט בעשאס־מײַסע מיט ביטערע טרערן.

און איך זע, אז די יידענע גייט אײַן פון טאָג צו טאָג, ווי א ליכט, רייד איך איר אויס מיסטאמע דאָס הארץ פאר ראכמאָנעס, און איך זאָג צו איר אזוי, זאָג איך: „עט, זאָג איך צו איר, גאָלדע־סערצע, פאראן א פאָסעק, זאָג איך, אם כבנים אם כעבדים ²) — ווי מיט קינדער, אזוי איז אָן קינדער, זאָג איך. מיר האָבן, זאָג איך, א גרויסן גאָט, זאָג איך, און א גוטן גאָט, און א שטארקן גאָט, זאָג איך, נאָר פונדעסטוועגן, זאָג איך, לאָמיך האָבן די בראָכעס, וויפל מאָל דער ריבוינעשעלוילעם, זאָג איך, טוט אָפּ א שטיקל ארבעט, מעגן שוין, זאָג איך, די סאָנים האָבן אזא יאָר“... איז זי דאָך אָבער, זאָל מיר מויכל זײַן, א נעקייווע, מאכט זי צו מיר: — דו זינדיקסט, טעוויע. מע טאָר ניט, זאָגט זי, זינדיקן.—„אָט האָסטו דיר זאָג איך. איך זאָג דען עפּעס, זאָג איך, שלעכטס? איך גיי דען, כאָלילע, זאָג איך, קעגן דעם איי־בערשטנס געגנג, זאָג איך? וואָרום, ווי באלד, זאָג איך, אז ער האָט, זאָג איך, באשאפן אזוי שיין זײַן וועלטל, זאָג איך, אז קינדער זענען ניט קיין קינדער זאָג איך, און טאטע־מאמע זענען בלאָטע, זאָג אין, ווייסט ער דאָך מיסטאמע, וואָס ער האָט צו טון“...

פארשטייט זי ניט, וואָס איך רייד, און ענטפערט מיר בוי־דעם: — איך שטארב, זאָגט זי, אוועק, טעוויע, ווער וועט דיר קאָכן וועטשערע ?..

אזוי מאכט זי צו מיר שטיל און קוקט אף מיר מיט אזעלכע אויגן, אז אפילע א שטיין קאָן עס רירן. טעוויע איז אָבער ניט קיין ייִדענע, ענטפער איך איר אָפּ מיט א ווערטל, און מיט א פּאָסעק, און מיט א מעדרעש: „גאָלדע, זאָג איך, ביסט מיר געוועז, זאָג איך, געטרײַ אזויפיל יאָרן; וועסטו מיך אף דער עלטער, זאָג איך, ניט מאכן צום נאר“,—זאָג איך, און טו א קוק אף מײַן גאָלדען — פּיזעם!—„וואָס איז דיר, זאָג איך, גאָלדע“? — גאָרניט, זאָגט זי צו מיר, קאַם־קאַם וואָס זי רעדט! איך זע, די שפּיל איז פארן טײַוול, נעם איך און שפּאַן אײַן דאָס פערדל און פאָר אוועק אין שטאָט ארײַן און ברענג אראָפּ דעם דאָקטער.

איך קום צו פאָרן אהיים — טע-טע־טע! מײַן גאָלדע ליגט שוין אף דער ערד מיט א ליכטל צוקאָפּנס. און זעט אויס ווי א בערגל ערד, וואָס מע האָט צונויפגעשארט און איבערגעדעקט מיט שווארצן, און איך שטיי און טראכט מיר: „כּי זה כּל האָדם — אָט דאָס איז דער סאָף פונעם מענטשן? אך טי, ריבוינעשעלוילעם, וואָס דו טוסט אָפּ מיט דײַן טעוויען! וואָס וועל איך איצטער טון אף דער עלטער, פארפינצטערט בין איך געוואָרן?“ און אזוי האָב איך געגעבן א פאל צו צו דער ערד... נאָר גיי שרײַ כּיי־וועקײַעם! הערט איר, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? אז מע זעט פאר זיך דעם טויט, מוז מען ווערן אן אפּיקוירעס און מע הייבט אָן נאָכצו־קלערן, מה אָנו ומה חיינו! — וואָס איז אינגאנצן אָט די וועלט מיט די גאלגאלים, וואָס זיי דרייען זיך, מיט די באנען, וואָס לויפן מעשוגענערווײַז, מיט דעם גאנצן טאראראם ארום און ארום, און אפילע בראָצקי מיט זײַנע מיליאָנען — הכּל הבל, גאָרנישט שעבעגאָרנישט!

בעקיצער, איך האָב איר געדונגען א קאדיש, גאָלדען אָלעוו־אשאָלעם, באצאָלט פאר א גאנץ יאָר פריִער. א ברייירע האָב איך געהאט, אז גאָט האָט מיך געשטראָפט, ניט געגעבן מיר קיין זכאָרים, נאָר נעקייוועס. נאָר טעכטער און טעכטער, קיין גוטער ייִד זאָל זיי ניט קענען! איך ווייס ניט, צי אלע ייִדן ווערן אזוי

פארשווארצט מיט זייערע טעכטער, צי נאָר איך בין אזא פינצ־טערער שלימאזל, וואָס איך האָב צו זיי קיין גליק ניט? דאָס הייסט, צו די טעכטער אליין האָב איך גאָרניט, און גליק איז בא גאָט. וואָס זיי ווינטשעווען מיר — מעג עס מיר אָנקומען כאָטש האלב. אדעראבע, זיי זענען שוין צו געטריַי, און וואָס „צו” איז איבעריק.

אָט נעמט, לעמאָשל, די מיזינקע מיַינע, ביילקע רופט מען זי. וואָס ווייסט איר, וואָס דאָס איז פאר א קינד? איר קענט דאָך מיך, באָרעכאשעם, ווי זאָגט איר, פון א יאָר מיט א מיטוואָך און ווייסט, אז איך בין ניט דער טאטע, וואָס קאָטאָרע זאָל זיך אוועקזעצן אָפלויבן זיַינע קינדער, גלאט אזוי אין טאָג אריַין. נאָר אז ס׳איז געקומען צו רייד פון מיַין ביילקען, מוז איך איַיך זאָגן, ניט מער ווי שלשה דברים[3] צוויי ווערטער: זינט גאָט האנדלט מיט ביילקעס, האָט ער נאָך אזא ביילקע ניט באשאפן. מיילע, פון שיינקיַיט שמועסט מען ניט — טעוויעס טעכטער, ווייסט איר אליין, האָבן א שעם אף דער וועלט פאר די שענסטע קראַ־סאוויצעס. נאָר זי, ביילקע, הייסט עס, וועט זיי אלע פארשטעקן אין גארטל. אז מע שמועסט יעפייפיעס — איז דאָך ניט שיַיעך: אקעגן מיַין ביילקען מוז מען טאקע זאָגן מיט די ווערטער פון אשת חיל[4]: שקר החן — איך רייד ניט פון שיינקיַיט, איך רייד פון כאראקטער רייד איך. גאָלד גינגאָלד, זאָג איך איַיך! פון טאָמיד אָן בין איך בא איר געווען דאָס אייבערשטע פון דער מילך, נאָר פון זינט מיַין גאָלדע אָלאָוואשאָלעם איז, איר צו לאנגע יאָר, ניפטער געוואָרן, איז דער טאטע בא איר געוואָרן — דאָס שווארצאפל פונעם אויג! קיין שטויב ניט דערלאָזן זאָל אף מיר פאלן. איך האָב שוין געזאָגט צו זיך אליין: דער ריבוינעשעלוי־לעם שיקט צו די רעפּוּע פאר דער מאקע. ניט מער, ס׳איז שווער צו וויסן, וועלכס איז ערגער, די רעפּוּע, אָדער די מאקע? גיי, זיַי א נאָווי און טרעף, אז ביילקע וועט צוליב מיר נעמען און פארקויפן זיך פאר געלט און אָפשיקן דעם טאטן אף די עלטערע יאָרן קיין ערעץ־ייִסראָעל! מאָלט איַיך, עס רעדט זיך נאָר אזוי. זי איז אין דעם אזוי שולדיק, פונקט אזוי ווי איר. אינגאנצן איז דאָ שולדיק ער, איר אויסדערוויילטער, איך וויל אים ניט

שעלטן, א קאזארמע זאָל אף אים איַנפאלן! און עפשער, אז מיר זאָלן גוט באטראכטן, גריבלען זיך אביסל טיפער, קאָן זיַין, אז איך אליין בין דאָ מער כּיַיעוו פון אלעמען, וואָרום ס׳איז דאָ א בּעפיירעשע געמאָרע: כּיַיעוו אָדאָם... נאָר ס׳איז שיין, כלעבן, אז איך דארף איַיך דערציילן, וואָס די געמאָרע זאָגט!

בעקיצער, איך וויל איַיך ניט לאנג האלטן. ס׳איז אוועקגעגאנגען א יאָר און א יאָר, מיַין ביילקע איז אויסגעוואקסן געוואָרן. קענענאָרע א מיידל צו לייַטן, און טעוויע טוט זיך זיַין געשעפט, ווי טאָמיד, מיטן פערד־און־וועגעלע פירט ער אָפּ אביסל מילכיקס זומער קיין בויבעריק, ווינטער קיין יעהופּעץ — א מאבל זאָל אף דעם קומען, ווי אף סדאָם! אָנקוקן קאָן איך ניט דידאָזיקע שטאָט, און ניט אזוי די שטאָט אליין, ווי די מענטשן, און ניט אלע מענטשן, נאָר איין מענטש — עפראיִם דעם שאדכן, א רועך אין זיַין טאטנס טאטן אריַין! אָט וועט איר אומיסטנע הערן, וואָס א ייִד א שאדכן טוט אָפּ.

וויַיהי האיוים, קום איך צו פאָרן איינמאָל ארום כאָצי עלעל קיין יעהופּעץ מיט מיַין ביסל סכוירע. איך טו א קוק — ויבא המן [5] עפראיִם דער שאדכן גייט! איך האָב איַיך אמאָל דערציילט פון אים. עפראיִם איז אפילע א ייִד אן איַינגעגעסענער, נאָר אז מע דערזעט אים, מוז מען זיך אָפּשטעלן, — אָט אזא מין קויעך האָט אין זיך דער ייִד... „הער, נאָר, כאָכעם מיַינער, זאָג איך צו מיַין פערדל, שטיי א וויַילע, וועל איך דיר געבן עפּעס קיַיען". און איך שטעל אָפּ עפראיִם דעם שאדכן און גיב אים אָפּ שאָלעם און מאך מיט אים א שמועס מינאצאד:

„וואָס הערט זיך עפּעס מיקויעך פארנאָסע?" — טוט ער א געשמאקן זיפץ און מאכט צו מיר: — ס׳איז ביטער!.. זאָג איך: „דעהיַינע"? זאָגט ער: — ניטאָ וואָס צו טון... זאָג איך: „לאכלוטן?" זאָגט ער: — לאכלוטן... זאָג איך: „וואָס איז די מיַיסע"?.. זאָגט ער: — די מיַיסע איז, וואָס שידוכים ווערן שוין היַינט ניט געשלאָסן מער אינדערהיים... זאָג איך: „ווו דען ווערן זיי היַינט געשלאָסן"? זאָגט ער: — דאָרטן ערגעץ, אין אויסלאנד... זאָג איך: „וואָס־זשע זאָל טון אזא ייִד ווי איך, לעמאָשל, וואָס מיַין זיידנס באָבע איז דאָרט קיינמאָל ניט געוועזן?".. זאָגט ער צו מיר און

דערלאנגט מיר א שמעק טאבעקע: — פאר איַיך האָב איך, רעב טעוויע, א שטיקל סכוירע דאָ אפן אָרט... זאָג איך: „דעהיַינע?״... זאָגט ער: — א ייִדענע אן אלמאָנע אָן קינדער מיט קאן קערבלעך, געווען א קעכן אין אלע גרעסטע היַיזער... קוק איך אים אָן און זאָג צו אים: „רעב עפראִים, פאר וועמען מיינט איר דאָס א שידעך?״ זאָגט ער: — פאר וועמען זאָל איך מיינען? פאר איַיך... זאָג איך: „אלע בייזע וויסטע כאלוימעס זאָלן אויסגיין צו מיַינע סאָנימס קעפּ!״ און נעם און דערלאנג מיַין פערד א שמיצל און וויל פאָרן וויַיטער, מאכט צו מיר עפראִים: — האָט קיין פאריבל ניט, רעב טעוויע, עפשער האָב איך איַיך נעגייע בעקאָוועד געווען, זאָגט־זשע מיר, וועמען דען האָט איר געמיינט? זאָג איך: „וועמען דען זאָל איך מיינען, אז ניט מיַין מיזינקע?״.. טוט ער א שפרונג אָפּ, דערלאנגט זיך א פאטש אין שטערן: — שאַ! גוט, וואָס איר האָט מיך דערמאנט, לאנג לעבן זאָלט איר, רעב טעוויע! זאָג איך: „אָמיין גאמאטעם, דערלעבט איר אויך ביז מאָשיִעך וועט קומען. נאָר וואָס איז מיט איַיך, זאָג איך, די געדולע?״.. זאָגט ער: — ס׳איז גוט, רעב טעוויע, ס׳איז אויסגעצייכנט גוט, עס קאָן שוין בעסער ניט זיַין אין דער גאנצער וועלט!.. זאָג איך: „דעהיַינע, וואָס איז די גוטסקיַיט?״.. זאָגט ער: — איך האָב פאר איַיער מיזינקע א גליַיכס, א גליק, א הויפּט־טרעפער, א גוויר, אן אדיר, א מיליִאָנשטשיק, א בראָצקי, א פאָדראטשיק איז ער און הייסן הייסט ער פּדאָצער!.. זאָג איך: „פּדאָצער? א קענ־טלעכער נאָמען פון כומעש״... זאָגט ער: — וואָס מיר כומעש? ער איז א פאָדראטשיק, אָט דער פדאָצער, ער בויט היַיזער, מויערן, בריקן, געווען אין יאפּאָניע בא דער מילכאָמע, געבראכט א מאטמען מיט גאָלד, פאָרט ארויס מיט ברענענדיקע סוסים, מיט קארעטעס, לאקייען בא דער טיר, מיט א בעדל בא זיך אינע־וויייניק אין שטוב, מיט מעבל פון פאריזש, מיט א בריליאנטענעם רינג אף דער האנט, נאָך גאָרניט קיין אלטער מאן, א באָכער, אן עמעסער, א „כאָלאָסטאָי״, פּרימא! און זוכן זוכט ער א שיין מיידל. מעג זיַין ווער זי איז, א נאקעטע, א באָרוועסע, אבי א יעפּאס־טויאר!.. „טפּררו!—זאָג איך צו אים,—אז איר וועט אזוי פליִען, זאָג איך, אָן א פּאָפּאס, וועלן מיר פארפאָרן מיט איַיך, רעב

עפראַיִם, קיין האָצעקלאָץ. אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, זאָג איך, האָט איר מיר אמאָל גערעדט דעם אייגענעם שידעך, זאָג איך, פאר מײַן עלטערע טאָכטער, פאר האָדלען, זאָג איך״...

דערהערט פון מיר דידאָזיקע ווערטער, אז ער כאפּט זיך ניט, עפראַיִם, הייסט עס, בא די זײַטן און הייבט אָן צו לאכן. איך האָב געמיינט, דער ייִד וועט באקומען די פּאָפּלעקציע. — אָהאָ, זאָגט ער, איר האָט זיך דערמאָנט, זאָגט ער, א מײַסע, אז מײַן באָבע איז געלעגן געוואָרן מיטן ערשטן קינד! יענער האָט אָנגעזעצט נאָך פאר דער מילכאָמע און אנטלאָפן קיין אמעריקע!..

„זייכער צאדיק ליוורעָכע, זאָג איך, עפשער וועט דער אויך, זאָג איך, אוועק אהין?״ ווערט ער אויסער זיך, דער שאדכן, הייסט עס: — וואָס רעדט איר דאָס, רעב טעוויע? יענער איז געווען, זאָגט ער, א פּײַפער, א שארלאטאן, אן אויסברענגער, און דער איז א פּאָדראטשיק, זאָגט ער, פון דער מילכאָמע, מיט געשעפטן, מיט א קאנטאָר, מיט מענטשן, מיט... מיט... מיט״... וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, דער שאדכן האָט זיך אזוי צעהיצט, אז ער האָט מיך אראָפּגענומען פונעם וואָגן און ער האָט מיך אָנגענומען בא די לאצן און האָט מיך אזוי לאנג געטרייסלט, ביז ס׳איז צוגעגאנגען א גאָראָדאָוואָי און האָט אונדז ביידן געוואָלט אָפּפירן אין א קאָטשומענט אריַין. א שטיקל גליק, וואָס איך האָב מיך דערמאָנט אינעם פּאָסעק: לנכרי תשיך[6] — מיט פּאָליציע דארף מען וויסן, ווי אזוי צו האנדלען...

בעקיצער, לעמײַ זאָל איך אײַך לאנג האלטן? אָט דער פּדאָצער איז געוואָרן א כאָסן פאר מײַן מיזינקע, ביילקע, הייסט דאָס, און ס׳האָט אביסל געדויערט, ביז מיר האָבן געשטעלט א כופּע. פארוואָס זאָג איך, ס׳האָט אביסל געדויערט? ווײַל זי, ביילקע, הייסט עס, האָט ניט געוואָלט דעם שידעך, אזוי ווי מע וויל ניט שטארבן. וואָס מער אָט דער פּדאָצער איז צו איר צוגעשטאנען מיט מאטאָנעס און מיט גילדענע זייגערלעך און מיט ברילִיאנטענע פינגערלעך, איז ער איר אלץ מער נימעס געוואָרן. מיר דארף מען קיין פינגער אין מויל ניט אריַינלייגן. איך האָב עס גאנץ גוט ארויסגעזעען נאָך איר פּאָנעם און נאָך אירע אויגן און נאָך איר וויינען, וואָס זי האָט געוויינט שטילערהייט.

בין איך מיך מעיאשעוו איינמאָל און רוף מיך אָן צו איר אזוי, פארבײַגייענדיק: „הערסטו, ביילקע, זאָג איך, איך האָב מוירע, זאָג איך, אז דײַן פדאָצער איז דיר אזוי ליב, זאָג איך, און אזוי זיס, אזוי ווי מיר?"... ווערט זי רויט, ווי פײַער און מאכט צו מיר: — ווער האָט דיר געזאָגט? זאָג איך: „וואָס־זשע דען איז דער געוויין גאנצע נעכט?" זאָגט זי: — איך וויין דען? זאָג איך: „ניין, דו וויינסט ניט, נאָר דו כליפּעסט. דו מיינסט, זאָג איך, אז דו באהאלטסט דעם קאָפּ אין קישן, ווערסטו פון מיר פארדעקן דײַנע טרערן? דו מיינסט, זאָג איך, אז דײַן טאטע איז א יִנגעלע, זאָג איך, אָדער דער מויעך איז אים אויסגעטריקנט געוואָרן, און ער פארשטייט ניט, זאָג איך, אז דו טוסט דאָס צוליב דײַן אלטן טאטן? דו ווילסט אים, זאָג איך, באזאָרגן מיט א גוט עלטער, ער זאָל האָבן, ווו דעם קאָפּ אָנשפארן, ער זאָל, כאָלילע, ניט דארפן גיין, זאָג איך, איבער די הײַזער? אויב דו מיינסט אזוי, ביסטו, זאָג איך, א גרויסער נאר, זאָג איך, מיר האָבן א גרויסן גאָט, זאָג איך, און טעוויע איז ניט פון די ערשטע באט־לאָנים, זאָג איך, וואָס וועט זיך אוועקזעצן, זאָג איך, אף לאס־קאווע ברויט, און געלט, זאָג איך, איז בלאָטע, זאָג איך, ווי אין פּאָסעק שטייט. א סימען האָסטו, זאָג איך, אָט איז דײַן שוועס־טער האָדל א גוטע עוויענטע, פונדעסטוועגן, זאָג איך, זע, וואָס זי שרײַבט פון אלדע שווארצע יאָר, זאָג איך, פון עק וועלט, און ווי זי שעצט זיך גליקלעך, זאָג איך, מיט איר שלימאזל פעפערל!"...

אנו, זײַט א כאָכעם און טרעפט, וואָס ענטפערט זי מיר דערוף, ביילקע, הייסט עס! — צו האָדלען, זאָגט זי, זאָלסטו מיך, זאָגט זי, ניט גלײַכן. האָדל איז געווען, זאָגט זי, אין אזא צײַט, ווען די גאנצע וועלט, זאָגט זי, האָט זיך געוויגט, זאָגט זי, געהאלטן אָט־אָט בא איבערקערן זיך, האָט מען זיך געזאָרגט, זאָגט זי, פאר דער וועלט, און זיך האָט מען פארגעסן; און איצט, זאָגט זי, אז די וועלט איז א וועלט, זאָגט זי, זאָרגט זיך יעדערער פאר זיך, און די וועלט האָט מען פארגעסן... אָט אזוי ענטפערט זי מיר דערוף, ביילקע, הייסט עס, און גייט פארשטייט, וואָס זי מיינט!

נו: איר זענט עפּעס א מיִיון אף טעוויעס טעכטער? איר האָט זי באדארפט זען צו דער כופּע — א פּרינצעסן! איך בין נאָר געשטאנען און געשפּיגלט זיך אין איר און געטראכט צו זיך אליין: „אָט דאָס איז ביילקע, טעוויעס טאָכטער? ווו האָט זי זיך אויסגעלערנט אזוי שטיין און אזוי גיין, און אזוי האלטן דעם קאָפּ, און אזוי אָנטון זיך, ס׳זאָל אף איר זײַן, ווי אויסגעגאָסן?”... נאָר לאנג שפּיגלען זיך אין איר האָט מען מיך ניט געלאָזט, וואָרום דעמזעלבן טאָג פון דער כופּע, ארום האלב זעקס פארנאכט האָט זיך דאָס פּאָרל אופגעהויבן, און האָלאך מוישע־מאָרדכע — מע איז אוועק מיטן קוריער צו אלדע גוטע יאָרן, קיין „נאטאליע”, ווי די מאָדע איז בא די גרויסע, און צוריק איז מען געקומען ערשט העט ארום כאנעקע, און מע האָט געשיקט נאָך מיר, איך זאָל לעמאנאשעם טייקעף אומיִיאד קומען צו פאָרן קיין יעהופּעץ. איז דאָס מיר באלד ארײַן אין קאָפּ ארײַן: מימאָנעפּשעך, זיי זאָלן װעלן, איך זאָל גלאט אזוי קומען, וואָלטן זיי אָנגעזאָגט, איך זאָל קומען — און א סאָף. צו וואָס טויג נאָך דער „לעמאנאשעם מיטן טייקעף אומיִיאד”? מיסטאָמע מוז דאָך דאָ זײַן עפּעס א זאך! פרעגט זיך א קאשע: וואָס פאר א זאך? און אלערליי מאכשאָוועס און געדאנקען, גוטע און שלעכטע, קריכן מיר אין קאָפּ ארײַן: עפּשער האָט זיך דאָס פּאָרפּאָלק דאָרטן צעאַמפּערט, ווי די קעץ, און עס האלט בא געטן זיך? און באלד טאקע שלאָג איך מיר אָפּ: ביסט א נאר, טעוויע, לעמײַ זאָלסטו װעלן אויסלייגן אף שלעכטן? פונוואנען ווייסטו, וואָס מע רופט דיך? עפּשער האָבן זיי זיך פארבענקט נאָך דיר און ווילן דיך זען? אָדער עפּשער וויל ביילקע, אז איר טאטע זאָל זײַן נאָענט נעבן איר? אָדער עפּשער וויל גאָר פראָצער דיר געבן א שטעלע, דיך צונעמען צו זײַנע געשעפטן און מאכן דיך פאר א מאשגיִעך אף זײַנע פּאָדריאדן? סײַ־ווי־סײַ, פאָרן דארף מען. און איך זעץ מיך אוף און װילך חרנה [7] — איך פאָר קיין יעהופּעץ.

פאָרנדיק אזוי, גייט מיר איבער דער קויעך האדאם, און עס שטעלט זיך מיר פאָר, אז איך האָב אוועקגעוואָרפן דאָס דאָרף, פארקויפט די בעהיימעלעך, מיטן פערד־און־וועגעלע, מיט האקל

באקל און בין אריבערגעפאָרן אין שטאָט און בין געוואָרן בא מיין פּדאָצער פריִער מאשגיַעך, דערנאָך קאסיר, דערנאָך קאָל וועלאָך איבער אלע זיינע פּאַדראַדן, און דערנאָך א שוטעף צו אלע זיינע געשעפטן גלייך מיט אים, האלב אף האלב, און פאָר ארויס גלייך מיט אים אף א פּאָר ברענענדיקע סוסים, איינער א בולאנער, דער אנדערער א קאשטאנעוואטער, און איך וואונדער מיך אף זיך אליין: ווי קום איך, אזא שטיל מענטשל, ווי טעוויע, צו אזעלכע גרויסע געשעפטן? וואָס טויג מיר דער טארעראם מיטן יאריד, מיטן הו-הא, טאָג ווי נאכט, ווי זאָגט איר: „להושיבי עם נדיבים 8) — זיך טויטשען מיט די מיליאָנטשיקעס? לאָזט מיך אָפּ, איך וויל האָבן א רויִק עלטער, אריינקוקן אמאָל אין א מישנייעס, זאָגן א קאפיטל טילים, מע דארף דאָך אמאָל אינזינען האָבן יענע וועלט אויך, צי ניין?

אָט מיט אזעלכע געדאנקען און מאכשאָוועס בין איך געקומען צו פאָרן לעמאזול קיין יעהופּעץ גלייך צו מיין פּדאָצערן. מיילע, איך זאָל מיך גיין בארימען, אייך דערציילן רוב גדלו ורוב עשרו 9) — זיין דירע מיט זיין זיצעכץ איז ניט שייעך צו זאָגן. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהאט די זכיִע צו זיין בא בראָצקין אין שטוב, נאָר איך בין מיר מעשייער אלפּי סייכל, אז שענער ווי בא דעם פּדאָצער קאָן שוין גאָרניט זיין! איר קאָנט פאר־שטיין שוין פון דעם אליין, וואָס פאר א דירע־מעלוכע דאָס איז, אז דער שוימער, וואָס בא דער טיר, א ווערגעלעך מיט זילבערנע קנעפּ, האָט מיך בעשומויפן ניט געוואָלט אריינלאָזן אינעווייניק, כאָטש גיב אים א קרענק. וואָס טוט זיך דאָ? די טיר איז א גלעזערנע טיר, זע איך, ווי ער שטייט, אָט דער ווערגעלעך, ייִמאַך שמוי וועזיכרוי זאָל ער ווערן, און רייניקט מאלבושים, ווינק איך צו אים, רעד מיט אים אף שטום-לאָשן און באווייז אים מיט די הענט, אז ער זאָל מיך אריינלאָזן אינעווייניק, מאכמעס דעם בא־לעבאָס ווייב קער מיר אָן א לייבלעכע טאָכטער... פארשטייט ער אָבער ניט אפן וואונק, א גויִשער קאָפּ, ווייזט ער מיר אויך מיט די הענט, אויך אף שטום־לאָשן, אז איך זאָל גיין לאזאָזל — נעמען דעם וועג, הייסט עס. נאט אייך אזא שלימאזל! צו אן אייגענער טאָכטער זאָל מען דארפן האָבן זכוס־אָוועס! „אז אָך

און ווי איז צו דײַן גרויען קאָפּ, טעוויע, צו וואָס דו האָסט זיך דערלעבט!" — אזוי טראכט איך מיר און קוק דורך דער גלעזערנער טיר און דערזע עפּעס אַ מיידל דרייט זיך ארום: „אפּאַנעם, א פּאָקאָיאָווע זייערע", טראכט איך מיר, מאכמעס די אויגן אירע זענען, ווי בא א גאנעווטע. אלע פּאָקאָיאָוועס האָבן גנייווישע אויגן. איך בין אן איינגעייער אין אלע נעגידישע הײַזער און בין באקאנט מיט אלע פּאָקאָיאָוועס... טו איך צו איר א ווונק: „עפן אוף, קעצעלע!" פּאָלגט זי מיך און עפנט די טיר און מאכט צו מיר דאפקע אף יידיש: — ווּעמען דארפט איר? זאָג איך: „דאָ זיצט פדאָצער?" זאָגט זי צו מיר העכער: — ווּעמען דארפט איר? זאָג איך צו איר נאָך העכער: אז מע פרעגט דיך, זאָלסטו ענטפערן אל רישן רישן; דאָ זיצט פדאָצער?" זאָגט זי: — דאָ... „ווי באלד אזוי, זאָג איך, ביסטו פון מײַנע מענטשן, זאָג איך; גיי, זאָג איך, זאָג דײַן מאדאם פדאָצער, זאָג איך, אז זי האָט א גאסט, זאָג איך, דער טאטע אירער, טעוויע, איז געקומען, זאָג איך, צו גאסט און שטייט שוין, זאָג איך, א היפּשע ווײַלע אין דרויסן, זאָג איך, כּעני בפּתח [10], ווארום ער האָט ניט זויכע געוועז, זאָג איך, צו געפינען כיין און לײַטזעליקײַט אין די אויגן פון אָט דעמדאָזיקן אייסעוו מיט די זילבערנע קנעפּ. די קאפּאָרע, זאָג איך, זאָל ער זײַן פאר דײַן מינדסטן נאָגל!"

אויסגעהערט מײַנע דיבורים, האָט דאָס מיידל מיט א געלעכטער פון א מעשומעדעס פארהאקט די טיר גלײַך מיר אונטער דער נאָז. אוועקגעלאָפן ארוף, אראָפּגעלאָפן אראָפּ, ארײַנגעלאָזט און ארײַנגעפירט מיך אינעווייניק אין א מין פּאלאץ, וואָס מײַנע אָוועס אוויסיינו האָבן עס ניט געזעען אין כאָלעם אפילע. זײַד און סאמעט און גאָלד און קרישטאָל, און אז איר גייט, פילט איר ניט די טריט, מאכמעס איר שפּאנט מיט די זינדיקע פיס אף די טײַערסטע דיוואנען, ווייך ווי שניי. הײַנט זייגערס, זייגערס! אף די ווענט זייגערס, אף די טישן זייגערס, אָן א שיר זייגערס! ריבוינע־יוינע! האָסט אסאך אזוינע? צו וואָס דארף עס א מענטש אזויפיל זייגערס? אזוי טראכט איך מיר און גיי מיר, די הענט פארלייגט ארונטער, אביסל ווײַטער: איך טו א קוק — עטלעכע טעוויעס מיטאמאָל שנײַדן זיך אקעגן מיר פון אלע זײַטן, איין

טעוויע גייט אהער, דער אנדערער טעוויע אהין, איינער צו מיר, דער אנדערער פון מיר — טפו זאָלסטו ווערן! פון אלע פיר זײַטן שפיגלען! נאָר אזא מין פויגל, ווי אָט דער פּאָדראטשיק, קאָן זיך פארגינען אזויפיל זייגערס מיט אזויפיל שפּיגלען!..

און עס קומט מיר אף די געדאנקען פדאָצער, א גראָבּס און א קײַלעכיקס, מיט א ליסינע איבערן גאנצן קאָפּ, און סע רעדט הויך. און סע לאכט דריבנעטשקע, און איך דערמאן מיך, ווי אזוי ער איז געקומען צו מיר דאָס ערשטע מאָל אין דאָרף ארײַן מיט די ברענענדיקע סוסים, זיך צעלייגט בא מיר, ווי בא זײַן טאטן אין ווײַנגאָרטן, זיך באקענט מיט מײַן ביילקען, מיך אוועקגערופן אף א זײַט און אײַנגערוימט א סאָד אפן אויער, נאָר אזוי הויך, אז מע האָט געקענט הערן אף יענער זײַט יעהופּעץ. וואָס איז געווען דער סאָד? דער סאָד איז געווען, אז מײַן טאָכטער איז אים געפעלן, און ער וויל, אז ס'זאָל זײַן איינס־צוויי־דרײַ און א כופּע. מיילע, אז מײַן טאָכטער איז אים געפעלן — דאָס פארשטייט מען מיטן סייכל, נאָר אָט דער איינס־צוויי־דרײַ איז מיר ארײַן כחרב פּיפיות [11]) — ווי א טומפּער מעסער אין הארצן ארײַן. וואָס הייסט דאָס איינס־צוויי־דרײַ און א כופּע? און ווו בין איך? און ווו איז ביילקע? אײַ, האָט זיך מיר געוואָלט אים ארײַנהאקן א פּאָר פּסוקים מיט א מעדרעש, ער זאָל מיך האָבן צו געדענקען! נאָר צוריק האָב איך מיך מעיאשעוו געווען: „מה זה אנכי — וואָס דארפסטו זיך מישן, טעוויע, צווישן קינדער? אסאך האָסטו גע־פוילט בא דײַנע עלטערע טעכטער, אז דו האָסט געוואָלט זאָגן דייעס אף זייערע שידוכים? האָסט זיך אָנגערעדט, ווי א פּויק, אויסגעשאָטן די גאנצע טוירע דײַנע, און ווער איז געבליבן א נאר? — טעוויע!"

האקיצער, לאָמיר אוועקוואַרפן, ווי זאָגט איר דאָרטן אין אײַערע ביכלעך, דעם בענמעלעך און זיך נעמען צו דער באס־מאלקע. האָב איך זיי, הייסט דאָס, צוליב געטון און בין צו זיי געקומען קיין יעהופּעץ, און עס האָט זיך אָנגעהויבן א כאסענע: שאָלעם־אלייכעם! אלייכעם־שאָלעם! ווי גייט עס? וואָס מאכט איר גוטס? זיצט! אדאנק, מע קען באשטיין! — מיט די אלע איבעריקע צערעמאָניעס, ווי געווייַנטלעך. איך זאָל זײַן דער

ערשטער אפן ארויספאָר, זיי א פרעג געטון: מה יום מיומים [12])— וואָס איז דאָס רופן, וואָס איר האָט מיך גערופן? — פאסט ניט. טעוויע איז ניט קיין ייִדענע, ער האָט צייַט.

דערווייַל קומט צו א גרויסער פארשוין מיט גרויסע ווייַסע הענטשקעס און זאָגט, אז דער אָנבייַסן שטייט שוין אפן טיש, און מיר הייבן זיך אוף אלע דרייַ, און מיר קומען אריַין אין א כיידער אריַין פון גאָלע דעמב; דער טיש א דעמבענער, די ווענט פון דעמב, די סטעליע דעמב, און אלץ איז געשניצט און געפארבט און געמאָלט און געצאצקעט, אפן טיש — ביגדיי מאלכעס: טיי מיט קאווע און מיט טשאָקאָלאדע, און מיט פוטער־געבעקס, און מיט גוטן קאָניאק, און די בעסטע געזאלצנס, און אזעלכע מינים מייַכאָלים, פיירעס און אויבסטן. ס'איז מיר א כארפע אויס־צוזאָגן, נאָר איך האָב מוירע, אז מייַן ביילקע האָט זיי בא איר טאטנס טיש קיינמאָל ניט געזעען אפילע. און מע גיסט מיר אָן אַ קויסע און נאָך א קויסע, און איך טרינק לעכאיִם, און איך קוק אף איר, אף ביילקען, הייסט עס, און איך טראכט מיר: „האָסט זיך עס דערלעבט, טעוויעס טאָכטער, ווי מיר זאָגן אין הלל: מקימי מעפר דל — אז גאָט העלפט דעם אָרעמאן, מאשפות ירים אביון [13]) — איז אים גאָרניט צו דערקענען. דאכט זיך ביילקע — און פאָרט ניט ביילקע.

און איך דערמאן מיך אָן יענער ביילקע פון אמאָל און איך פארגלייַך זי מיט דער ביילקע, וואָס אצינד, און עס טוט מיר הארצעדיק באנק— גלייַך ווי איך וואָלט עפּעס געמאכט א שלעכט געשעפט, אָפּגעטון א זאך, וואָס איז פארפאלן, אשטייגער, קע־דוימע לעמאָשל, ווי איך וואָלט אויסבייַטן מייַן האָרעפּאשנע פערדל אף א לאָשעקל, וואָס מע ווייסט נאָך ניט, וואָס פון דעם וועט אמאָל זייַן,— אָדער א פערד אָדער א דראָנג. „עך, ביילקע, ביילקע, טראכט איך מיר, וואָס פון דיר איז געוואָרן! אמאָל, געדענקסטו, ווי דו פלעגסט זיצן באנאכט בא א רויכערדיק לעמפל און נייען און זינגען א לידל, אָדער נעמען אין איין קעהערפּאיִן אויסמעלקן צוויי בעהיימעלעך, אָדער גאָר פארקאטשען די ארבל און אָפּקאָכן מיר א פראָסטן מילכיקן באָרשטש אָדער טייגלעך מיט פאסאָליעס, אָדער פאמפּעשקעס מיט קעז, אָדער שקאָצים מיט

מאָן, און א זאָג טון צו מיר: „טאטע, גיי וואש זיך!" — איז דאָך עס געווען, ווי דער בעסטער ניגן! איצטער זיצט זי מיט איר פדאָצערן ווי א באסמאלקע, צוויי מענטשן דערלאנגען צום טיש, קלאפן מיט די טעלער, און ביילקע? זי זאָל אויסרעדן אפילע א וואָרט! זעט איר, ער, פדאָצער, הייסט עס, רעדט שוין פאר זייביידן, דאָס מויל מאכט זיך אים ניט צו! זינט איך לעב, האָב איך ניט געזען, א מענטש זאָל אזוי ליב האָבן פלאפלען און פלוידערן, דער שווארץ יאָר ווייסט וואָס, און בעשאס-מיַיסע לאכן דריבּ־נעטשקע מיט א קליין געלעכטערל. דאָס ווערט אָנגערופן בא אונדז: אליין געזאָגט א כאָכמע, אליין געלאכט...

אכוץ אונדז דריַי זיצט נאָך איין פארשוין באם טיש, א נעפעש מיט רויטע באקן. איך ווייס ניט, ווער ער איז און וואָס ער איז, נאָר אן אכלער, וויַיזט אויס, דארף ער זיַין ניט קיין קליינער, ווארום די גאנצע ציַיט, וואָס דער פדאָצער האָט גערעדט און געלאכט, האָט ער געפאקט אין די באקן, ווי אין פערעק שטייט געשריבן: שלשה שאכלו 14) — ער האָט געגעסן פאר דריַי... דער האָט געגעסן, און יענער האָט גערעדט, און אלץ עפעס אזעלכע פוסטע זאכן, וואָס קריכן מיר ניט אין דער לינקער פייע: פאָד־ראד, גובערנסקע פראווולעניע, אודעלנע וועדאָמאָסט, קאזנא־טשייסטווע, יאפאָניע... פון אלצדינג האָט מיך אינטערעסירט נאָר איין יאפאָניע, וויַיל מיט יאפאָניע האָב איך מיך אָנגעקערט א שטיקל מעכוטן. בעשאס מילכאָמע, ווייסט איר דאָך, זענען פערד געוואָרן ביכשיוועס גאָדל, מע האָט זיי געזוכט מיט ליכט, האָט מען געטראָפן מיסטאמע צו מיר אויך און מע האָט גענומען מיַין פערדל צום סמיק, אויסגעמאָסטן מיט אן ארשין, א טריַיב געטון אהין־אהער און מע האָט דעם געגעבן א וויַיסן בילעט. האָב איך זיי געזאָגט, זאָג איך: „איך האָב געוווסט פריִער, זאָג איך, אז ס'איז אומזיסט איַיער טירכע, ווי אין פאָסעק שטייט יודע צדיק נפש בהמתו 15) — ניט טעוויעס פערד גייט אף מילכאָמע"... נאָר האָט קיין פאריבל ניט, פאני שאָלעם־אלייכעם, איך מיש איַיך איינס מיטן אנדערן, און קאָן אזוי, כאָלילע, אראָפּשלאָגן זיך פונעם שליאך.

לאָמיר בעסער גיין צום איקער האמיַיסע.

בעקיצער, האָבן מיר, הייסט עס, גאנץ פײַן אויסגעטרונקען און פארביסן, אזוי ווי גאָט האָט געבאָטן, און אז מען איז אופ־געשטאנען פונעם טיש נעמט ער מיך, פדאָצער, הייסט עס, אונ-טער דער האנט און פירט מיך ארײַן אין א באזונדער קאבינעט ארײַן, אויסגעפוצט קעיאד האמעלעך — מיט ביקסן און מיט שפיזן אף די ווענט און מיט הארמאטן אפן טיש, און זעצט מיך אוועק אין א מין דיוואן, ווייך ווי פוטער, און נעמט ארויס פון א גאָל־דענער פושקע צוויי גרויסע גראָבע שמעקעדיקע ציגײַערן און פארויכערט, איינע זיך, די אנדערע מיר, און זעצט זיך אוועק אקעגן מיר, ציט אויס די פיס און מאכט צו מיר אזוי: — ווייסט איר, וואָס איך האָב געשיקט נאָך אײַך? „אהא! קלער איך מיר, אָט דאָס וויל ער מיסטאמע א שמועס טון מיקויעך אכצן און דרײַצן". נאָר איך מאך מיך טאמעוואטע און רוף מיך אָן צו אים אזוי: „פונוואנען זאָל איך וויסן?" מאכט ער צו מיר: איך האָב געוואָלט ריידן מיט אײַך טאקע וועגן אײַך אליין. „א סלוזשבע",— טראכט איך מיר און טו א מאך צו אים: „אבי נאָר עפּעס גוטס, מאכטייסע, לאָמיר האָרכן". נעמט ער ארויס דעם ציגײַער פון די ציין, פדאָצער, הייסט עס, און הייבט מיר אָן מיט א גאנצער דראָשע:

— איר זענט, זאָגט ער, א ייִד ניט קיין נאר און וועט קיין פאריבל ניט האָבן, וואָס איך וועל מיט אײַך ריידן אָפּנטלעך. איר דארפט וויסן, זאָגט ער, אז איך פיר גרויסע געשעפטן, און אז מע פירט אזעלכע גרויסע געשעפטן, ווי איך... „יאָ, טראכט איך מיר, דאָס מיינט ער מיך",— און איך האק אים איבער אינמיטן און רוף מיך אָן צו אים: „ווי די געמאָרע זאָגט, זאָג איך, שאבעס אין פערעק: מרבה נכסים מרבה דאגה [16]. ווייסט איר, זאָג איך, דעם פשאט פון דער געמאָרע?" ענטפערט ער מיר אָפּ גאנץ אָפּנט־לעך: — איך וועל אײַך זאָגן, זאָגט ער, דעם ריינעם עמעס, זאָגט ער, איך האָב, זאָגט ער, קיין געמאָרע קיינמאָל ניט געלערנט, זאָגט ער, און איך ווייס אפילע ניט, זאָגט ער, וואָסער א פּאָנעם זי האָט. אזוי זאָגט ער צו מיר, פדאָצער, הייסט עס, און צעלאכט זיך דריבנעטשקע מיט זײַן קליין געלעכטערל. איר פארשטייט אָן אייסעק? דאכט מיר, אז גאָט האָט דיך געשטראָפט, ביסט אָן אמאָרעץ, טאָ לאָז כאָטש זײַן כאטא פּאָקרישקע, וואָס דארפסטו

זיך נאָך באַרימען דערמיט? אַזוי טראַכט איך מיר און זאָג צו אים: „איך האָב אײַך טאַקע אַזוי געשאַצט, זאָג איך, אַז צו די זאַכן זענט איר ניט שײַעך, נאָר לאָמיר, זאָג איך, הערן, וואָס ווײַטער?" מאַכט ער צו מיר: — ווײַטער האָב איך אײַך געוואָלט, זאָגט ער, זאָגן, אַז צו מײַנע געשעפטן מיט מײַן נאָמען, זאָגט ער, מיט מײַן פּאָלאָזשעניע פּאַסט מיר ניט, זאָגט ער אָט דאָס, וואָס מע רופט אײַך, זאָגט ער, טעוויע דער מילכיקער. איר דאַרפט וויסן, זאָגט ער, אַז איך בין באַקאַנט ליטשנע מיטן גובערנאַטער, זאָגט ער, און צו מיר און שטוב אַרײַן, זאָגט ער, קאָן אַמאָל קומען א בראָצקי, א פּאָליאַקאָוו, און עפּשער א רויטשילד אויך, טשעם טשאָרט ניע שוטיט?.. אַזוי מאַכט ער צו מיר, פּדאָצער, הייסט עס, און איך זיץ און קוק אויף זײַן גלאַנצנ־דיקע ליסינע און טראַכט מיר: „עס קאָן זייער זײַן, אַז דו קענסט זיך ליטשנע מיטן גובערנאַטער און אַז רויטשילד זאָל אַמאָל קומען צו דיר אין שטוב אַרײַן, נאָר ריידן רעדסטו, ווי א קעלעוו שעביקלאָווים"... און איך רוף מיך אָן צו אים שוין אַביסל מיט פּאַרדראָס: „וואָס־זשע, זאָג איך, טוט מען דערצו, טאָמער, זאָג איך, קומט טאַקע צו אײַך אַמאָל רויטשילד?" — מיינט איר דאָך, אַז ער פֿאַרשטייט דעם שטאָך? לא דובים ולא יער — עס הייבט זיך גאָרניט אָן!

איך האָב געוואָלט, זאָגט ער, אַז איר זאָלט אַוועקוואַרפֿן, זאָגט ער, אָט דאָס מילכיקס און זאָלט זיך פֿאַרנעמען, זאָגט ער, מיט עפּעס אַנדערש. „דעהײַנע, זאָג איך, מיט וואָס?" — מיט וואָס איר ווילט, זאָגט ער. ווינציק געשעפֿטן, זאָגט ער, פֿאַראַן אויף דער וועלט? איך וועל אײַך, זאָגט ער, אונטערהעלפֿן מיט געלט, וויפֿל מע וועט באַדאַרפֿן, אַבי, זאָגט ער, איר זאָלט ווערן אויס טעוויע דער מילכיקער. אָדער שאַט, זאָגט ער, ווייסט איר וואָס? טאָמער וואָלט איר, זאָגט ער, גאָר איינס־צוויי־דרײַ אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע? האַ? אַזוי מאַכט ער צו מיר, רוקט אַרײַן דעם ציגאַרער אין די ציין אַרײַן און קוקט מיר גלײַך אין די אויגן אַרײַן, און די ליסינע גלאַנצט... נו? וואָס ענטפֿערט מען אַזא גראָבן יונג? טכילעס האָב איך מיר געטראַכט: „וואָס זיצסטו, טעוויע, ווי א ליימענער גולעם? הייב דיך אויף, טו א קוש די

מעזוזע, גיב א קלאפּ מיט דער טיר און הלך לעולמו[17]) — פּאשאָל אָן א זײַ־געזונט!״... אזוי שטאַרק האָט דאָס מיך א נעם געטון באַ דער לעבער!.. „אָן אזעס פון א פּאַדראַטשיק! וואָס הייסט, דו הייסט מיר אוועקוואַרפן אַן ערלעכע בעקאָוועדע פּאַרנאָסע און פאָרן קיין אמעריקע? באַשר טאָמער וועט צו דיר אמאָל קומען רויטשילד, בעכיין דאַרף טעוויע דער מילכיקער לויפן אין דער וועלט אַרײַן?!״... און דאָס האַרץ קאָכט אין מיר, ווי א קעסל, און אביסל אופגעטראָגן בין איך נאָך פון פריִער; מיך האָט געבערענט אף איר, טאַקע אף מײַן ביילקען: „וואָס זיצסטו דאָרטן, ווי א באַסמאַלקע צווישן די הונדערט זייגערס מיט די טויזנטער שפּיגלען, בעשאס מע טרײַבט דאָ דײַן טאַטן, טעוויען, קאָליסטראָי, אף הייסע קוילן? לאָמיך האָבן די בראָכעס, טראַכט איך מיר, וואָס דײַן שוועסטער האָדל האָט בעסער געמאַכט פון דיר! וואָס עמעס איז עמעס, זי האָט ניט אזאַ שטוב מיט אזויפיל שמאָכטעליאַקעס, ווי דו, דערפאַר האָט זי אָבער א מאַן, א פּעפּערל, איז ער דאָך א מענטש, וואָס קאַטאָרגע ער אליין איז באַ זיך הפקר, און דער גאַנצער איקער איז די וועלט... און דערצו האָט ער א קאָפּ אף די פּלייצעס, ניט קיין לאָקשנטעפּל מיט א גלאַנצנדיקער ליסינע, און א פּיסק האָט פּעפּערל — איז דאָך עס גאָלד מיט גאָלד! אים, אז איר זאָגט א פּאָסעק, גיט ער אײַך דרײַ פּסוקים סדאַטשע! וואַרט אויס, פּאַדראַטשיק מײַנער, אָט וועל איך דיר באַלד אַרײַנהאַקן א פּאָסעק, וועט דיר ווערן פינצטער אין די אויגן״...

אזוי טראַכט איך מיר און רוף מיך אָן צו אים בעזע האַלאָשן: „מיילע, זאָג איך, וואָס די געמאָרע איז פאַר אײַך א סאָד, בין איך, זאָג איך, אײַך מויכל; אז א ייִד זיצט אין יעהופּעץ און הייסט פּדאָצער און איז א פּאַדראַטשיק, מעג, זאָג איך, די געמאָרע ליגן אפן בוידעם. אָבער א פּראָסטן פּאָסעק, זאָג איך, דאָס וועט דאָך שוין פאַרשטיין, זאָג איך, א גוי אין פּאָסטעלעס אויך. איר ווייסט דאָך, וואָס דער טאַרגום אונקולוס זאָגט אף לבן הארמי: מזנבטא דחזירתא לא מאכאנת שטרײַמילתא?״...[18]) קוקט ער אף מיר, ווי א האָן אין בניי־אָדאָם, און מאַכט צו מיר: — וואָס־זשע הייסט עס? — „דאָס הייסט, זאָג איך, אז פון א כאַזערשן עק קאָן מען קיין שטרײַמל ניט מאַכן״. — אקעגן וואָס, זאָגט ער, זאָגט איר

דאָס? — „אקעגן דעם, זאָג איך, וואָס איר הייסט מיר פאָרן קיין אמעריקע״. צעלאכט ער זיך דריבנעטשקע און מאכט צו מיר: — אמעריקע ניט, איז עפשער קיין ערעץ־ייִסראָעל! אלע אלטע ייִדן פאָרן קיין ערץ־ייִסראָעל...

אזוי ווי ער האָט דאָס מיר אויסגערעדט, אזוי איז דאָס מיר אריַין, ווי אן איַיזערנער צוויאָק אין מויעך אריַין: „שא! עפשער איז דאָס גאָרניט אזוי קרום, טעוויע, ווי דו מיינסט? עפשער איז דאָס טאקע א פּלאן? וואָרום איידער האָבן אזא נאכעס פון קינדער, ווי דו האָסט, איז שוין עפשער גליַיכער ערעץ־ייִסראָעל? בעהיימע! וואָס שטעלסטו דאָ איַין און ועמען האָסטו דאָ? דיַין גאָלדע אָלעוואשאָ־לעם ליגט דאָך שוין בעמיילע אין דער ערד, און דו אליין, ניט אויסגערעדט זאָל זיַין, ליגסט דען ניט ניַין איילן אין דער ערד? ביזוואנען איז דער שיר צו טאָפּטשען זיך אף דער וועלט?״... און אגעוו דארפט איר וויסן, פאני שאָלעם־אלייכעם, אז מיך ציט שוין לאנג אהין, קיין ערעץ־ייִסראָעל; איך וואָלט א באלן געוועו זיַין בא דער קויסל מאראָווי, מעאָראס האמאכפּיילע, דער מוטער ראָכלס קייווער, אָנקוקן מיט מיַינע אויגן דעם יארדן, דעם בארג סיניַי, דעם יאם־סוף, פּיסעם מיט ראמסעס, ווי זיי זעען אויס, אוכעדוימע אזעלכע זאכן. און מיַינע מאכשאָוועס טראָגן מיך אוועק אהין אינעם געבענטשטן לאנד קנאאן, ווי זאָגט איר, ארץ זבת חלב ודבש[19]). שלאָגט ער מיר איבער, פּדאָצער, הייסט עס, מיַינע ראיוינעס סאמע אינמיטן און רופט זיך אָן צו מיר: — נו? וואָס דארף מען דאָ, זאָגט ער, אזוי לאנג טראכטן? איינס-צוויי־דריַי... „בא איַיך, זאָג איך, איז, באָרעכ־אשעם, אלצדינג איינס־צוויי־דריַי,—ווי די געמאָרע זאָגט, זאָג איך, הא גברא והא טרסקא... און בא מיר, זאָג איך, איז דאָס א הארבּ שטיקל מישנייעס, וואָרום אופּהייבן זיך, זאָג איך, און פאָרן קיין ערעץ־ייִסראָעל, דארף מען, זאָג איך, האָבן מיט וואָס״... צעלאכט ער זיך דריבנעטשקע מיט זיַין קליין געלעכ־ערל, שטייט אוף, גייט צו צום טיש, עפנט אוף א טישקעסטל און נעמט ארויס פון דאָרטן א טיַיסטער און ציילט מיר אכאס ועאכאס, לאָז זיך איַיך דאכטן, א שיינע מאטבייע, און איך בין דאפקע ניט פויל אף דער פען און נעם צונויף דאָס ביסל פּאפּיר — דער קויעך פון

געלט — און לאָז עס אראָפּ העט ווײַט אין קעשענע, און וויל אים זאָגן כאָטש א פּאָר פּסוקים מיט א מעדרעש, וואָס זאָל פאַר־ענטפערן ארום און ארום, הערט ער מיך ווי דעם קאָטער און מאכט צו מיר: — אָט דאָס וועט אײַך זײַן, זאָגט ער, גענוג ביז אהין איבערן קאָפּ, און אז איר וועט קומען, זאָגט ער, אפן אָרט און וועט דארפן געלט, זאָלט איר שרײַבן, זאָגט ער, א בריוו, וועט מען אײַך איינס־צוויי־דרײַ באלד ארויסשיקן געלט. און דערמאָנען אײַך נאָכאמאָל וועגן פּאָרן, זאָגט ער, פארשפּאָרט מען דאָך, וואָרום איר זענט דאָך, זאָגט ער, עפּעס א ייִד מיט יוישער און מיט סאָוועסט...

אָט אזוי מאכט ער צו מיר, פּדאָצער, הייסט עס, און צעלאכט זיך דריבנעטשקע מיט זײַן קליין געלעכטערל, וואָס קריכט גלײַך אין די קישקעס ארײַן און עס פּליט מיר דורך א מאכשאָווע אין קאָפּ: „טאָמער וואָלסטו אים א שמיץ געטון דאָס געלט צוריק אין פּאָנעם ארײַן און אים דערציילט דעם פּאָסעק, אז טעוויען קויפט מען ניט פאר געלט און מיט טעוויען שמועסט מען ניט פון יוישער און פון סאָוועסט?“... נאָר איידער איך עפן א מויל אף צו ריידן, טוט ער א קלונג און רופט ארײַן ביילקען און מאכט צו איר: — דושענקע, דו ווייסט? דײַן פּאָטער ווארפט דאָך אונדז אוועק, ער פארקויפט אויס אלץ, וואָס ער האָט, און פאָרט ארויס איינס־צוויי־דרײַ קיין ערעץ־ייִסראָעל... „וואָס ס'האָט זיך מיר גע־כאָלעמט יענע נאכט און הײַנטיקע נאכט!“... אזוי טראכט איך מיר און קוק אף מײַן ביילקען — איר זאָלט זאָגן, זי זאָל זיך עס אפילע פארקרימען. שטייט ווי א בוים, קיין טראָפּן בלוט אין פּאָנעם, קוקט פון אים אף מיר, פון מיר אף אים, און קיין איינ־ציק וואָרט! איך, אף איר קוקנדיק, שווײַג אויך, שווײַגן מיר, הייסט עס, אלע ביידע, ווי אין טילים שטייט: תּדבק לשוני[20] — עס האָט אונדז אָפּגענומען דאָס לאָשן. דער קאָפּ דרייט זיך מיר, די שלייפן קלאפּן מיר, ווי פון א טשאד. פון וואָס זאָל עס זײַן? — טראכט איך מיר. אפּאָנעם, דאָס איז פון דעם שיינעם ציגײַער, וואָס ער האָט מיר געגעבן רויכערן? אָט רויכערט דאָך אָבער ער אויך, פּדאָצער, הייסט עס! ער רויכערט און רעדט, דאָס מויל מאכט זיך אים גאָרניט צו, כאָטש די אייגלעך קלעפּן זיך אים,

עס גלוסט זיך אים, ווייזט אויס, כאפן א דרימל. — פאָרן דארפט איר, זאָגט ער צו מיר, פונדאנעט קיין אָדעס, זאָגט ער, מיטן קוריער, און פון אַדעס מיטן יאם אזש ביז יאפע, און פאָרן מיטן יאם, זאָגט ער, איז די בעסטע צײַט נאָר איצט, וואָרום, זאָגט ער, שפּעטער הייבן זיך אָן די ווינטן מיט די שנייען, מיט די בערעס, מיט, מיט, מיט... אזוי זאָגט ער און די צונג פלאָנטעט זיך אים שוין, אזוי ווי איינער, וואָס וויל שלאָפן, נאָר ער הערט ניט אוף צו קלאפּן ווײַטער: — און אז איר וועט זײַן, זאָגט ער, פּארטיק צו דער נעסיִע, זאָלט איר אונדז, זאָגט ער, גיבן צו וויסן, וועלן מיר ארויספאָרן, זאָגט ער, ביידע צום וואָקזאל מיט אײַך זיך אָפּגעזעגענען, וואָרום ווען קאָנען מיר זיך שוין זען? אזוי לאָזט ער אויס, איך בעט איבער אײַער קאָוועד, מיט א גרויסן געגעץ, שטייט אוף און רופט זיך אָן צו איר, צו ביילקען, הייסט עס: דושענקע, וועסט, זאָגט ער, זיצן דאָ אביסל, און איך וועל, זאָגט ער, גיין זיך צולייגן א ווײַלע. „האָסט נאָך קיינמאָל אזא גלײַכס ניט געזאָגט, ווי איך בין א ייִד! אצינד וועל איך כאָטש האָבן, צו וועמען מײַן ביטער הארץ אויסצולאָזן", — אזוי טראכט איך מיר און וויל מיך געבן א נעם צו מײַן ביילקען, איר אויסליימערן אלצדינג, וואָס האָט זיך צונויפגעזאמלט בא מיר פאר דעם גאנצן פרימאָרגן, — ערשט אז זי טוט א פאל צו מיר אפן האלדז, ביילקע, הייסט עס, און הייבט אָן צו וויינען, אָבער ווי אזוי, מיינט איר, וויינען? מײַנע טעכטער, ניט געדאכט זאָלן זיי ווערן, האָבן אלע אזא טעווע: פריִער מענטשלען זיי זיך און בעריען זיך, און קומט צו עפּעס — ווײַנט מען, ווי א בערעזונע. אָט נעמט, לעמאָשל, מײַן עלטערע טאָכטער, האָדל, הייסט עס: קארג האָט זי אײַנגעלייגט די וועלט אין דער לעצטער מינוט, בעשאס זי האָט באַדארפט אוועקפאָרן אָפּריכטן גאָלעס מיט איר פּעפּערל אין די קאלטע מעדינעס? נאָר ווייס איך, ס׳א דימיען! יענע דארף בא איר הייצן די הרובע!

איך וועל אײַך זאָגן דעם רעכטן עמעס: איך אליין, ווי איר קענט מיר שוין אביסל, בין ניט קיין מענטש פון טרערן. גוט וויינען האָב איך געוויינט נאָר איין מאָל, בעשאס מײַן גאָלדע אָלעוואשאָלעם איז געלעגן אף דער ערד, און נאָך איין מאָל האָב

איך מיך גאנץ געשמאק אויסגעוויינט, בעשאס האָדל איז אוועק־געפאָרן צו איר פעפערל, און איך בין געבליבן אפן וואָקזאל, ווי א גרויסער נאר, איינער אליין מיט מײַן פערדל און נאָך עפעס א פּאָר מאָל האָט זיך געטראָפן, וואָס איך האָב מיך אביסל, ווי זאָגט איר, צעיאַכמערט, און ווײַטער געדענק איך עפעס ניט, איך זאָל האָבן א טעווע פון וויינען. נאָר ביילקע מיט אירע טרערן האָבן מיך אזוי פארקלעמט בא דער נעשאָמע, אז איך האָב מיך ניט געקאָנט אײַנהאלטן, און איך האָב שוין ניט געהאט דאָס הארץ אפילע, איך זאָל איר זאָגן א קרום וואָרט. מיט מיר באַדארף מען קיין סאך ניט ריידן. איך הייס טעוויע. איך האָב באלד פארשטאנען אירע טרערן. דאָס איז ניט געווען גלאט אזוי זיך טרערן. דאָס זענען געווען, פארשטייט איר מיך, טרערן פון אלכעט שעכאָטאָנו לעפאָנעכאָ בעניט פּאָלגן א טאטן... און אנשטאָט דעם, וואָס איך זאָל זי מעכאבעד זײַן, ווי זי איז ווערט, און אויסגיסן כל חמתי[21] אף איר פדאָצערן, האָב איך גאָר גענומען אויסריידן איר דאָס הארץ מיט אזא מאָשל און מיט אזא מאָשל, ווי טעוויע קאָן. הערט זי מיך אויס, ביילקע, הייסט עס, און מאכט צו מיר: — ניין, טאטע, ניט דאָס, זאָגט זי, ווײַן איך. איך האָב צו קיינעם, זאָגט זי, קיין טײַנעס ניט, נאָר אָט דאָס, זאָגט זי, וואָס דו פּאָרסט אוועק, זאָגט זי, איבער מיר און איך קאָן, זאָגט זי, דערצו גאָרניט העלפן, אָט דאָס, זאָגט זי, בראָט מיך.—„גיי שוין, גיי", זאָג איך, דו רעדסט, זאָג איך, ווי א קינד, האָסט פארגעסן, זאָג איך, אז מיר האָבן נאָך א גרויסן גאָט און אז דײַן טאטע איז נאָך, זאָג איך, בא אלע כושים. בא דײַן טאטן, זאָג איך, שפּילט א ראָליע זיך דורכפאָרן קיין ערעץ־יִסראָעל און קומען צוריק, ווי אין פּאָסעק, זאָג איך, שטייט געשריבן: ויסעו ויחנו[22] — טודא אי נאזאד"...

אזוי רעד איך איר אויס דאָס האַרץ, און אינעווייניק בא זיך טראכט איך מיר: „טעוויע, דו לײַגסט! פּאָרסט אוועק קיין ערעץ־יִסראָעל, איז אָלעוואשאָלעם — אויס טעוויע!" און פונקט ווי זי וואָלט טרעפן מײַנע געדאנקען, מאכט זי צו מיר אזוי:

— ניין, זאָגט זי, טאטע, אָט אזוי טרייסט מען א קליין קינד; מע גיט דעם, זאָגט זי, א ליאלקע, א שפּילעכל אין די הענט ארײַן

און מע דערציילט דעם, זאָגט זי, א שיינע מייַסע פון א ציגעלע א ווייַסע... אויב, זאָגט זי, שוין יאָ דערציילן א מייַסע, וועל איך, זאָגט זי, דיר דערציילן, ניט דו מיר. נאָר די מייַסע, וואָס איך וועל דיר דערציילן, טאטע, איז מער טרויעריק ווי שיין.

אָטאָ אזוי מאכט זי צו מיר, ביילקע, הייסט עס; טעוויעס טעכטער ריידן ניט גלאט. און זי נעמט און לייגט מיר אוועק א מייַנע־לאָשן, א גאנצע מעגילע אָדער א מייַסע פון טויזנט און איין נאכט, ווי אזוי אָט דער פדאָצער אירער איז פון קליין גרויס געוואָרן, אויסגעוואקסן פון סאמע נידעריקסטן גראד, זיך אליין מיט זייַן אייגענעם סייכל ארופגעשלאָגן אף דער העכסטער מאד־רייגע און איצט וויל ער דערגרייכן דערצו, אז צו אים אין שטוב ארייַן זאָל קומען בראָצקי, שיט ער מיט נעדאָוועס, ווארפט מיט טויזנטער, נאָר אזוי ווי געלט אליין איז נאָך ווינציק, מע דארף האָבן ייִכעס אויך, לייגט ער אייַן די וועלט, פדאָצער, הייסט עס, צו באווייַזן, אז ער איז ניט קיין אבי־ווער, בארימט זיך, אז ער שטאמט פון די גרויסע פדאָצערס, אז זייַן טאטע איז אויך געווען א בארימטער פאָדראטשיק. כאָטש, זאָגט זי, ער ווייסט גאנץ גוט, אז איך ווייס, אז ער איז געווען א קלעזמער. הייַנט, זאָגט זי, דערציילט ער אלעמען, אז זיין ווייַבס טאטע איז געווען א מי־ליאָנטשיק...—„ועמען, זאָג איך, מיינט ער דאָס? מיך? עפשער איז מיר, זאָג איך, באשערט געווען צו האָבן אמאָל מיליאָנען, זאָג איך, זאָל איך דערמיט אָפקומען".— וואָס ווייסטו, טאטע, זאָגט זי צו מיר, ווי עס פלאמט מיר מייַן פּאָנעם, אז ער שטעלט מיך פּאָר, זאָגט זי, פאר זייַנע באקאנטע און הייבט זיי אָן דערציילן די גרויסקייַט פון מייַן טאטן און פון מייַנע פעטערס און פון מייַן גאנצער מישפּאָכע, — אזעלכע זאכן, וואָס ניט געשטויגן, ניט גע־פלויגן, און מע מוז דאָס, זאָגט זי, אלצדינג אויסהערן און מאכן א שווייַג, ווארום ער איז, זאָגט זי, אף די זאכן א גרויסער קאפּריזניק.—„בא דיר, זאָג איך, הייסט דאָס א קאפּריזניק, און בא אונדז, זאָג איך, ווערט דאָס אָנגערופן פּאָשעט א ניכפּעניק, זאָג איך, אָדער א מא־יאסעניק".— ניין, זאָגט זי, טאטע, דו קענסט אים ניט, ער איז גאָרניט אזא שלעכטער, ווי דו מיינסט: ער איז נאָר א מענטש, וואָס א מינוט איז ער אזוי, און א מינוט איז ער

אנדערש. ער האָט, זאָגט זי, א גוט הארץ און א ברייטע האנט. אים אז מע מאכט, זאָגט זי, א קרום פּאָנעם, און אבי מע טרעפט די גוטע מינוט, וועט ער אוועקגעבן די נעשאָמע. און ווער שמועסט, זאָגט זי, פון מײַנעטוועגן — איז דאָס טעלערל פונעם הימל! דו מיינסט, זאָגט זי, איך האָב אף אים שוין גאָר קיין שום שליטע ניט? אָט האָב איך בא אים ניט לאנג געפּוילט ארויסראטעווען האָדלען מיט איר מאן פון די ווײַטע גובערניעס. ער האָט מיר, זאָגט זי, געשוואָרן, אז ער וועט זיך לאָזן קאָסטן אסאך טויזנטער, נאָר גוט איין טנײַ, אז זיי זאָלן פון דאָרטן אוועק גלײַך קיין יאפּאָניע.—„וואָס עפּעס קיין יאפּאָניע, זאָג איך, פארוואָס ניט קיין אינדיע, אָדער, לעמאָשל, קיין פאדן־אראם צו דער מאלקע שוואָ?" — ווײַל אין יאפּאָניע, זאָגט זי, האָט ער געשעפטן. אף דער גאנצער וועלט, זאָגט זי, האָט ער געשעפטן; וואָס אים קאָסט אָפּ, זאָגט זי, א טאָג נאָר דעפּעשן אליין, וואָלטן מיר אלע, זאָגט זי, געהאט אף א האלב יאָר לעבן, נאָר וואָס קומט מיר ארויס, זאָגט זי, אז איך בין ניט איך?..—„עס קומט אויס, ווי מיר זאָגן, זאָג איך, אין פּערעק: אם אין אני לי מי לי[23] — איך בין ניט איד, דו ביסט ניט דו"...

אָט אזוי זאָג איך צו איר מיט א ווערטל און מיט א פּאָסוק כאָטש דאָס הארץ ווערט מיר צעריסן אף שטיקער, זעענדיק, ווי מײַן קינד ווערט, נעבעך, פארשווארצט, ווי זאָגט איר, אין אוישער און אין קאָוועד...— „דײַן שוועסטער האָדל, זאָג איך, וואָלט ניט אזוי געטון"... שלאָגט זי מיך איבער, ביילקע, הייסט עס, און מאכט צו מיר אזוי: — איך האָב דאָך דיר געזאָגט, זאָגט זי, אז צו האָדלען זאָלסטו מיך, טאטע, ניט גלײַכן. האָדל האָט געלעבט, זאָגט זי, אין האָדלס צײַטן, און ביילקע, זאָגט זי, לעבט אין ביילקעס צײַטן... פון האָדלס צײַטן, זאָגט זי, ביז ביילקעס צײַטן איז אזוי ווײַט, זאָגט זי, ווי פון דאנען קיין יאפּאָניע... איר פארשטייט דעם פּיירעש־האמילעס פון אזא מין טארגעם־לאָשן?

בעקיצער, איך זע, איר כאפּט זיך, פּאני; נאָך צוויי מינוט און א סאָף צו אלע מײַסעס. אָנגעגעסן זיך זאט מיט צאָרעס און יעסורים פון מײַן גליקלעכער מיזינקע, בין איך ארויסגעגאנגען פון דאָרט א צעבראָכענער, א צעבערעקלטער, און האָב געגעבן א

שלײַדער אין דער ערד אריַין דעם ציגײַער, וואָס האָט מיר פאַר־טשאדעט מײַן קאָפּ, און רוף מיך אָן צו אים, צום ציגײַער, הייסט עס: „גיין זאָלסטו קאפּאקאל, א רועך אין דײַן טאטנס ערד אריַין!" — ווען מען איז, רעב טעוויע? — הער איך א קאָל הינטער מײַנע פּלייצעס. איך דריי אויס דעם קאָפּ, איך טו א קוק — ס'איז ער, עפראיִם דער שאדכן, פארכאפּט זאָל ער ווערן! — „באָרוכהאבאָ, א ייִד, זאָג איך, וואָס טוט איר דאָ?" — וואָס, זאָגט ער, טוט איר דאָ? „געווען, זאָג איך, צו־גאסט בא מײַנע קינדער". — וואָס, זאָגט ער, מאכן זיי? „וואָס, זאָג איך, זאָלן זיי מאכן? כוץ זייער שאָדן אף אונדז ביידן געזאָגט געוואָרן!" — ווי איך זע, זאָגט ער, זײַנט איר רעכט צופרידן מיט מײַן סכוירע? — „נאָך א מין צופרידן, זאָג איך, גאָט זאָל אײַך מעמאלע זײַן, זאָג איך, בעקייפל קיפלאיִם". — אדאנק אײַך, זאָגט ער, פאר דער בראָכע, עפשער וואָלט איר מיר נאָך, זאָגט ער, צו דערדאָזיקער בראָכע צוקויפן א מאטאָנע? — „איר האָט דען ניט גענומען, זאָג איך, קיין שאדכאָנעס?" — ניט מער, זאָגט ער, זאָל ער פארמאָגן, טאקע אײַער פראָצער אליין. „וואָס איז דען, זאָג איך, ווינציקלעך רעכאַש?" — ניט אזוי ווינציק זאָגט ער, ווי מיט א גוט הארץ געגעבן. — „דעהײַנע?" — דעהײַנע, ס'איז שוין ניטאָ, זאָגט ער, א גראָשן. — „ווו איז דאָס, זאָג איך, אהינגעקומען?" — כאסענע געמאכט, זאָגט ער, א טאָכטער. — „מאזלטאָוו אײַך, זאָג איך, לאָז גאָט געבן, ס'זאָל זײַן מיט מאזל, איר זאָלט אין זיי דערלעבן, זאָג איך, גרויס נאכעס"... — א שיינעם נאכעס, זאָגט ער, האָב איך אין זיי דערלעבט. איך האָב, זאָגט ער, דערטאפּט אן איידעם א שארלאטאן, געהארגעט, זאָגט ער, געשלאָגן די טאָכטער, צוגענומען די עטלעכע גילדן און אוועק, זאָגט ער, קיין אמעריקע. — „לעמײַ האָט איר אים, זאָג איך, געלאָזט פאָרן אזוי ווײַט?" — וואָס האָב איך אים, זאָגט ער, געזאָלט טון? „איר האָט געזאָלט, זאָג איך, אים אָנזאלצן אפּן עק"... — ס'איז אײַך, אפּאָנעם, זאָגט ער, גוט אפן הארצן, ר' טעוויע? — „האלעוויַי, זאָג איך, אף אײַך געזאָגט געוואָרן, ריבוינעשעלוילעם, כאָטש האלב!" — אזוי גאָר? און איך האָב אײַך, זאָגט ער, געשאצט, אז איר זענט א ייִד א נאָגיד; וויבאלד אזוי, זאָגט ער, טאָ נאט־זשע אײַך א שמעק טאבעקע...

אָפגעפּאַטערט דעם שאדכן מיט א שמעק טאַבעקע, בין איך געקומען צו פאָרן אהיים און האָב מיך געגומען אויספּאַרקוי־פן מײַן באלעבאַטישקײַט פון אזויפיל יאָרן. מאָלט אײַך, ניט אזוי גיך טוט זיך עס, ווי עס רעדט זיך. איטלעך טעפל מיט איטלעכע נארישקײַט האָט בא מיר צוגענומען א שטיק געזונט. די זאך האָט מיר דערמאנט גאָלדען אָלעוואשאָלעם, יענע זאך האָט מיר דער־מאנט די קינדער, זיי צו לענגערע יאָר. נאָר קיין זאך האָט מיר־ניט דערלאנגט אזוי טיף, ווי דאָס פערדל מײַנס. אקעגן מײַן פערדל האָב איך מיך געפילט עפּעס כּיִיעוו... סטײַטש, אָפּגעהאָ־רעוועט מיט דעם אזויפיל יאָרן, אינײנעם געבּידעוועט, אינײנעם פארשווארצט געוואָרן, און פּלוצים גענומען און פארקויפט! פאר־קויפן האָב איך דאָס פארקויפט א וואסער־פירער, ווײַל פון די באלעגאָלעס קאָן מען נאָר מעוויזע ווערן. איך קום צו זיי פאר־קויפן מײַן פערדל, מאכן זיי צו מיר: גאָט איז מיט אײַך, רעב טעוויע, ס׳איז דען בא אײַך א פערד?—„וואָס דען, זאָג איך, איז דאָס, א הענגלײַכטער?״—ס׳איז בא אײַך, זאָגן זיי, ניט קיין הענגלײַכטער, נאָר אַ לאמעדוואָווניק.—„וואָס הייסט דאָס, זאָג איך, א לאמעדוואָווניק?״—דאָס הייסט, זאָגן זיי, א זאָקן פון זעקס און דרײַסיק יאָר, אָן א סימען פון ציין, מיט א גרויער ליפּ און טרייסלט מיט די זײַטן, ווי אן אלטע ייִדענע ערעוו שאבעס אפן פראָסט... געפעלט אײַך אזא מין באלעגאָלע־שפּראך? איך וועל אײַך גיין שווערן, אז דאָס פערדל, נעבעך, האָט פארשטאנען איטלעכס וואָרט, ווי אין פּאָסעק שטייט: ידע שור קונהו [23]—א סקאָטינע פילט, אז מע האלט דאָס בא פארקויפן. א סימען האָב איך, אז בעשאס איך האָב צוגעקלאפּט דעם וואסער־פירער און געזאָגט צו אים: „מיט מאזל־בּראָכע״, האָט מײַן סוס פּלוצים אויסגעדרייט צו מיר די כיינעוודיקע מאָרדע און קוקט אף מיר מיט שטומע אויגן, ווי איינער רעדט: „אָט אזוי דאנקסטו מיר אָפּ פאר מײַן סלוזשבע?..״ איך כאַפּ א קוק אף מײַן פערדל דאָס לעצטע מאָל, ווי דער וואסער־פירער האָט דאָס גענומען אין די הענט ארײַן לערנען מיט דעם באָלעק, און איך בלײַב נאָכדעם שטיין איינער אליין און טראכט מיר: „ריבּוינעשעלוילעם! ווי סייכלדיק דו פירסט דײַן וועלטל! אָט האָסטו באשאפן א טעוויען און האָסט באשאפן, לעהאוודל, א

פערד, אוןביידע האָבן זיי איין מאזל אף דער וועלט... ניט מער, א מענטש האָט א מויל און קאָן זיך כאָטש אויסטײַנען, אויסריידן דאָס הארץ, און א פערד, לעהאוודל, וואָס? משטיינס געזאָגט, א שטומע צונג״... — — — — — — — — — — — — — — —

— —

איר קוקט אף מיר, פאני שאָלעם־אלייכעם, וואָס סע האָבן זיך מיר געשטעלט טרערן אין די אויגן, און איר טראכט זיך אוואדע: „אָט דער טעוויע האָט זיך פארבענקט, אפאָנעם, נאָך זײַן פערדל?״ וואָס עפעס נאָכן פערדל, מענטש איינער? אלצדינג טוט מיר באנק, און נאָך אלעמען וועל איך בענקען. איך וועל בענקען נאָכן פערדל, איך וועל בענקען נאָכן דאָרף, נאָך די בויבעריקער דאטשניקעס, נאָך די יעהופעצער נעגידים, און אפילו נאָך עפראיִם דעם שאדכן, ס׳זאָל אף אים קומען א מאגייפע. וואָרום סאָפּקאָל־סאָף, אז מע זאָל זיך וועלן ארייַנטון אביסל אין כקירע, איז ער דאָך ניט מער, ווי א ייִד און עוויען, וואָס זוכט נעבעך פארנאָסע. אימירצעשעם, אז גאָט וועט מיך ברענגען בעשאָלעם אהין, ווי איך פאָר, ווייס איך נאָך אליין ניט, וואָס איך וועל דאָרט טון, נאָר דאָס איז קלאָר, ווי דער טאָג, אז ריישיס־כאָכמע וועל איך זײַן בא דער מוטער ראָכל אפן קייווער. איך וועל דאָרטן בעטן פאר מײַנע קינדער, וואָס איך וועל זיי מינאסטאם שוין קיינמאָל ניט זען, וועל איך אים אויך אינזינען האָבן, עפראיִם דעם שאדכן, מיין איך, אים און אײַך און קאָל ייִסראָעל. נאט אײַך דערוף מײַן האנט טקיִאס־אף און זײַט מיר געזונט און פאָרט געזונט און לאָזט גריסן איטלעכן באזונדער גאָר פרײַנטלעך.

.1909

לך־לך [1].

— א שיינער, א גוטער, א ברייטער שאָלעם־אלייכעם אף אייַך, פּאני שאָלעם־אלייכעם! עליכם ועל בניכם [2]! איך קוק שוין אף אייַך לאנג ארויס, ס'האָט זיך אָנגעקליבן בא מיר א היפּש ביסל סכוירע פאר אייַך, איך פרעג מיך אלץ נאָך: איכה [3] — פארוואָס זעט מען אייַך ניט? זאָגט מען מיר, אז איר פּאָרט ארום דאָרט איבער דער וועלט, אין די ווייַטע לענדער ערגעץ, ווי מיר זאָגן אין דער מעגילע: שבע ועשרים ומאה מדינה [4]... נאָר מיר דאכט, אז איר קוקט עפּעס אף מיר מאָדנע? אפּאָנעם, איר קווענקלט זיך און טראכט זיך בעיס־מייַסע: ס'איז ער, צי ניט ער? ס'איז ער, פּאני שאָלעם־אלייכעם, ס'איז ער! אייַער אלטער פרייַנט טעוויע, בכבודו ובעצמו, טעוויע דער מילכיקער, דער אייגענער טעוויע, נאָר אויס מילכיקער, גלאט א ייִד, א ייִד פון א גאנץ יאָר, א ייִד א זאָקן, ווי איר זעט, כאָטש אפילע אין יאָרן גאָר ניט אזוי אלט, ווי מיר זאָגן אין דער האגאָדע: הרי אני כבן שבעים — נאָך גאנץ ווייַט צו זיבעציק! איי, וואָס עפּעס אזוי ווייַס די האָר? גלויבט מיר, ניט פאר טייַנעג, ליבער פרייַנט. אביסל אייגענע צאָרעס, ניט צו פארזינדיקן, און אביסל פון דעם קלאל ייִסראָעל — א שלעכטע צייַט! א ביטער שטיקל צייַט אף ייִדן!..

נאָר איך ווייס, וואָס אייַך קוועטשט. אייַך קוועטשט אן אנ־דער זאך: איר האָט זיך דערמאנט, מיסטאמע, אז מיר האָבן זיך אמאָל געהאט אָפּגעזעגנט, איידער איך האָב באדארפט אוועקפאָרן קיין ערעץ־ייִסראָעל. אלקיין רעכנט איר אוואדע, אז דאָס זעט איר שוין טעוויען צוריקוועגס פון ערעץ־ייִסראָעל, הייסט עס, און איר

גארט שוין מיסטאָמע האָרכן עפּעס נײַס, אָפּנעמען א גרוס פון דער מוטער ראָכלס קייווער און פון דער מעאָראס האמאכפּיילע און נאָך אזעלכע זאכן? באדארף מען אײַך בארוּיִקן, אויב איר האָט צײַט און ווילט האָרכן כידושים, אָבער טאקע האָרכן מיט קאָפּ.

בעקיצער, וואָס פאר א סעדרע גייט בא אײַך איצט? ויקרא? בא מיר גייט אן אנדער סעדרע: די סעדרע לך־לך. לך־לך, — האָט מען מיר געזאָגט, — דו זאָלסט ארויסגיין, טעוויע, מארצך — פון דײַן לאנד, וממולדתך — און פון דײַן דאָרף, ווו דו ביסט געבוירן און אָפּגעלעבט אלע דײַנע יאָרן, אל הארץ אשר אראך — וווהין די אויגן וועלן דיך טראָגן!.. און ווען דערמאנט מען זיך צו זאָגן טעוויען דעמדאָזיקן פּאָסעק? אקוראט דעמאָלט, ווען ער איז שוין אלט און שוואך און עלנט, ווי מיר זאָגן ראָשעשאָנע אין די טפילעס: אל תשליכנו לעת זקנה! [6]... נאָר איר כאפּ אײַך איינס פארן אנדערן, שיר פארגעסן, אז מיר האלטן נאָך גאָר פונפאָרנט און אז איך האָב אײַך נאָך ניט דערציילט, וואָס אין ערעץ־ייִסראָעל הערט זיך. וואָס זאָל זיך דאָרטן הערן, ליבער פרײַנט? א לאנד— אף אונדז ביידן אזא יאָר! ארץ זבת חלב ודבש — שטייט נאָך אין דער טוירע געשריבן! איין כיסאָרן נאָר, וואָס ערעץ־ייִסראָעל איז ערעץ־ייִסראָעל, און איך בין, ווי איר זעט אָט־אָ, נאָך דערווײַל אין חוץ לארץ [7]... אף טעוויען, הערט איר, איז, אפּאָנעם, געזאָגט געוואָרן דער פּאָסעק פון דער מעגילע: כאשר אבדתי אבדתי [8] — געוועזן א שלימאזל און א שלימאזל וועל איך שוין שטארבן. דאכט זיך, אָט־אָט שוין געשטאנען קימאט מיט איין פוס אף יענער זײַט, אינעם הייליקן לאנד, הייסט עס, געבליבן נאָר נעמען א בילעט, זיך אופזעצן אף דער שיף און פאשאָל. וואָס־זשע טוט גאָט? איז זיך מעיאשעוו, וועט איר הערן א שיינס, מײַן עלטערער איידעם, מאָטל קאמזויל, דער כײַעט פון אנאטעווקע, ניט דאָ געדאכט, ניט פאר קיין ייִדן געדאכט, און לייגט זיך אוועק א געזונטער, א שטארקער, און מאכט א שטארב! דאָס הייסט, קיין גרויסער גוואר איז ער ניט געוועזן קיינמאָל. משטיינס געזאָגט, א באל־מעלאָכע, געזעסן יוימאָם וואָלײַלע אל האטוירע וועאל האָאווידע — אף דער נאָדל מיטן פּאָדעם, און געשטשאָבעט, מעכילע, טאכ־

טוינים. אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז ער האָט באקומען דאָס טרוקענע, אָנגעהויבן קאכיקען, געקאכיקעט און געקאכיקעט, ביז ער האָט אויסגעשפיגן דאָס לעצטע ביסל לונג — עס האָט ניט געהאָלפן שוין ניט קיין דאָקטער, ניט קיין טאָטער, ניט קיין ציגן־מילך, ניט קיין טשעקאָלאדע מיט האָניק. א ווילער יונגאטש געווען, אפילע א פראָסטער, ניט קיין בענטוירע, נאָר אן ערלע־כער, אָן כאָכמעס, ליב געהאט מײַן טאָכטער — דאָס כײַעס! און מאפקיר געווען זיך פאר די קינדער, און פאר מיר — געווען גאָר די קאפּאָרע!

בעקיצער, געשטאָרבן מאָטל, האָט ער איבערגעלאָזט מיר א רעכטע באָמבע: ווו האָב איך שוין געקאָנט אינזינען האָבן דע־מאָלט ערעך־יִסראָעל? איך האָב שוין געהאט א גוטן ערעך-יִסראָעל בא זיך אינדערהיים! ווי אזוי לאָזט מען איבער, איך פרעג אײַך אליין, א טאָכטער אן אלמאָנע מיט פּיצלעך קינדער יעסוימים אָן א שטיקל ברויט? כאָטש אפילע אין פלוג, אז מע וויל צוריק, וואָס קאָן איך איר העלפן — א לעכערדיקן זאק? איך וועל דאָך איר דעם מאן אירן צוריק ניט לעבעדיק מאכן, און אירע קינדער דעם טאטן פון יענער וועלט ניט אומקערן, און אליין איז מען דאָך אויך ניט מער ווי א זינדיקער מענטש, אף דער עלטער ווילט זיך אביסל אויסרוען די ביינער, פילן, אז מע איז א מענטש, ניט קיין סקאָט. גענוג געטארעראמט! גענוג געווילעמהאזעוועט! מע באדארף שוין אביסל א טראכט געבן פון יענער וועלט אויך, שוין צײַט! און ביפראט, אז איך האָב שוין געמאכט א טעל פון מײַן ביסל כאדאָבע: דעם סוס, ווי איר ווייסט, לאנג געגעבן דעם וועג, די בעהיימעלעך אויסגעפארקויפט אד לעפאק[9] געבליבן נאָר א פּאָר ביקלעך, וואָס ס'קאָן אמאָל ווערן פון זיי לײַט, אז מע זאָל זיי גוט האָדעווען, — און פלוצים גיי ווער אף די עלטערע יאָרן אן אווי־יעסוימים, א טאטע פון קליינע קינדער! זענט איר שוין פארטיק? האָט צײַט! די רעכטע געדיכטע גייט ערשט ווײַטער, וואָרום בא טעוויען אז עס טרעפט זיך א צאָרע, ווייסט איר דאָך שוין, אז עס שלעפּט זיך נאָך פונ־הינטן נאָך א צאָרע. אשטייגער, אז ס'האָט זיך אמאָל געמאכט אן אומגליק — ס'איז געפאלן בא מיר א בעהיימע, האָט זיך באלד

פֿאָווטירנע, ניט פֿאר אײַך געדאכט, אוועקגעלייגט נאָך א בע־היימע... אזוי האָט שוין גאָט באשאפֿן זײַן וועלטל. און אזוי וועט דאָס שוין בלײַבן — א פֿארפֿאלענע זאך!

בעקיצער האמײַסע, מיט מײַן מיזינקע, מיט מײַןביילקען, הייסט עס, געדענקט איר דאָך די געשיכטע מיטן גרויסן געווינס, וואָס זי האָט געמאכט, געפֿאקט א העכט, א פּדאָצער, א קנאקער, א פֿאָדראטשיק פֿון דער מילכאָמע, וואָס האָט געבראכט צו פֿירן קיין יעהופּעץ פּולע זעק און האָט זיך פֿארקאָכט אין מײַן טאָכ־טער, געוואָלט א שיינע, געשיקט צו מיר, עפֿראיִם דעם שאדכן, ייִמאך שמוי, אויסגעשלאָגן א קניִע ערד, שיר דעם שלאק באקומען, גענומען זי, ווי זי שטייט און גייט, אָפּגעשיִט פּונויבן ביז אראָפּ מיט מאטאָנעס, דימענטן און בארליאנטן — דאכט זיך, אזא גליק, איאָ? נו, האָט זיך פּונעם גאנצן גליק אויסגעלאָזט מיסטאמע א טײַך. און נאָך וואָס פֿאר א טײַך! א טײַך מיט א בלאָטע, דער אייבערשטער זאָל שוימער אומאצל זײַן! וואָרום, אז גאָט הייסט דאָס רעדל זאָל זיך געבן א דריי איבער צוריק, איז מיט דער פּוטער אראָפּ, ווי מיר זאָגן אין הלל: אָט, דאכט זיך, נאָרוואָס איז געווען מקימי מעפר דל, און איידער מ׳קוקט זיך ארום, איז שוין טראך: המשפילי לראות בשמים ובארץ[10] — אין דער ערד מיט די פֿאָסטאָראָנקעס... גאָט האָט ליב שפּילן זיך מיט א מענטשן. איַי, האָט ער ליב שפּילן זיך! אזוי האָט ער זיך געשפּילט מיט טעוויען וויפֿל מאָל: ארוף און אראָפּ! און אזוי איז געווען אויך מיט מײַן פֿאָדראטשיק, מיט פּדאָצערן.

איר געדענקט דאָך מיסטאמע דאָס גרויסקײַט זײַנס מיטן הײַזל, מיט די דרײַצן דינסטן, מיט די שפּיגלען, און מיט די זייגערס, און מיט די צאצקעס אין יעהופּעץ? פּי־פּו־פּא! געדענקט איר, איך האָב אײַך דערציילט, דאכט זיך, ווי אזוי איך האָב דעמאָלט צו־גערעדט מײַן ביילקען, געבעטן זיך בא איר, זי זאָל זען, אז ער זאָל איר אוועקויפֿן דאָס הײַזל, און לעמאנאשעם — אף איר נאָמען? נו, האָט מען דאָך מיך מיסטאָמע געהערט, ווי האָמען דעם גרײַ־גער: וואָס פֿארשטייט א טאטע? א טאטע פֿארשטייט גאָרניט! וואָס־זשע, מיינט איר, איז געווען דער סאָף? דער סאָף איז געווען — ווו איר האָט ערגעץ א סוינע! אכוץ וואָס ער האָט זיך

פונעם גאנצן טראסק געשטעלט, געבליבן דערונטער, אויסגעפאר־
קויפט אלע שפיגלען מיט אלע זייגערס, מיטן ווייַבס דימענטן
און בארליאנטן, האָט ער זיך נאָך פארשמירט מיט סאקאָנעס־נע־
פאָשעס, געמוזט ווערן א בורח, ניט פאר קיין ייִדן געדאכט,
און מאכן אן אָפטריט און אוועקפאָרן אהין, ווו דער ליבער
שאבעס־קוידעש גייט אוועק, קיין אמעריקע, הייסט עס. אהינצו־צו
פאָרן דאָך אלע שווערע הערצער, זענען זיי אויך געפאָרן
אהינצו־צו, די ערשטע צייַט גוט פארשווארצט געוואָרן, דאָס ביסל
מעזומאָנים, וויפל ס'איז געווען, האָט מען אופגעגעסן, און אז
ס'איז ניט געווען מער וואָס צו קייַען, האָט מען, נעבעך, געמוזט
נעמען זיך צו דער ארבעט, געטון קאָל אווידאס־פערעך, ווי די
ייִדן אין מיצראיִם,ביידע, אי ער, אי זי! איצט שרייַבט זי, זיי זענען
שוין באַרעכאשעם נישקאָשעדיק: זיי ארבעטן זאָקן אף א מאשינע
און מאכן א לעבעכץ... אזוי רעדט זיך עס דאָרטן, אין אמעריקע
אף אונדזער לאָשן וועט עס הייסן: דאָס שטיקל ברויט שלעפט
זיך... דאָס גאנץ שטיקל גליק, וואָס זיי זענען ניט מער ווי צוויי
מענטשן, שרייַבט זי, אָן א קינד, אָן א רינד — גאָם זו לעטויווע!

נו, פרעג איך אייַך, זאָל ניט א רועך אין זייַן פעטערס מומע
ארייַן געפלויגן געוואָרן?.. איך מיין טאַקע עפראיִם דעם שאדכן
מיין איך, פארן שיינעם שידעך, וואָס ער האָט מיר נארייַעט, און
פאר דער בלאָטע, וואָס ער האָט מיך ארייַנגעפירט! וואָס וואָלט
איר געווען אזוי ביטער, לעמאָשל, זי זאָל געווען כאסענע האָבן
פאר א באלמעלאָכע, ווי צייטל, אָדער פאר א לערער, ווי האָדל?
אייַ, די האָבן אויך ניט געמאכט אזא גליק? איינע איז א יונגע
אלמאָנע, און די אנדערע איז אין די אלדע גוטע יאָר ערגעץ
פארשיקט אף פאָסעלעניע? איז דאָך עס א גאָט־זאך — וואָס קאָן אַ
מענטש פארזאָרגן?.. נאָר דערווייַל האָבן מיר זיך אראָפּגעשלאָגן
פונעם שליאך — ווו־זשע, הייסט עס, האלטן מיר? בא דער
סעדרע לך־לך. נאָר איידער מיר וועלן צוקומען צו דער סעדרע
לך־לך, וועל איך אייַך בעטן זיך מאטריִעך זייַן מיט מיר אָפּ־
שטעלן זיך אף א ווייַלע בא דער סעדרע באָלעק [11]. דער מינעג
האָוילעם איז אפילע, פון זינט די וועלט שטייט, אז פריִער לערנט
מען לך־לך, דערנאָך באָלעק. מיט מיר האָט מען אָבער, פאר־

קערט, פריִער געלערנט באָלעק, דערנאָך לך־לך, און געלערנט האָט מען מיט מיר באָלעק אזוי שיין, אז איר מעגט עס האָרכן. עס קאָן אייַך אמאָל צונוץ קומען.

בעקיצער, דאָס איז געוועזן שוין לאנג, באלד נאָך דער מיל־כאָמע איז דאָס געווען, אין דער סאמע היץ פון קאָסנעטוציעס, בעייס עס האָבן זיך אָנגעהויבן די יעשועס און נעכאָמעס אף יידן, פריִער אין די גרויסע שטעט, דערנאָך אין די קליינע שטעטלעך, נאָר צו מיר איז דאָס ניט דערגאנגען, און עס האָט ניט געקאָנט דערגיין בעשומויפן. פארוואָס? פאָשעט! מע זיצט אָפּ אזא צייַט צווישן גויִם, מיט סאמע אייסעוון, — איז מען אויסגעבונדן מיט אלע באלעבאטים פון דאָרף. יעדיד נעפעש אָוו האָראכמאָן — „באטיושקא טעוועל״ איז בא זיי דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל! וואָס איז שייַעך? אן אייצע — איז „יאק טעוועל סקאזשע?״ א רעפוע צו קאדאָכעס — איז „דאָ טעוועליא״. א גמילעס־כעסעד — אויך בא טעוויען. נו, האָב איך באדארפט עפּעס אינזינען האָבן אזעלכע זאכן, פּאָגראָמען, נארישקייַטן, אז די גויִם אליין האָבן מיר געזאָגט וויפל מאָל, אז איך זאָל קלאל אוקלאל קיין מוירע ניט האָבן — זיי וועלן ניט דערלאָזן!.. און קאכאווע — וועט איר הערן א שיינס.

בעקיצער, איך קום צו פאָרן אַיינמאָל אהיים פון בוי־בעריק — איך בין נאָך דעמאָלט געווען אין די פעדערן, ווי זאָגט איר, נאָך געהאנדלט מיט מילכיקס, קעז און פוטער און שעאָר יעראָקעס. אויסגעשפאנט דאָס פערדל, אונטערגעוואָרפן דעם היי און האָבער, ניט צייַט געהאט אפילע זיך וואשן צום עסן, איך טו א קוק — א פולער הויף מיט גויִם, די גאנצע הראָמאדע, אלע פּייַנסטע באלעבאטים, פונעם סטאראָסטע איוואן פּאָפּערילע ביז דעם לעצטן גוי, טראָכים דעם טשערעדניק, און אלע זעען זיי מיר אויס עפּעס מאָדנע, יאָנטעוודיק!.. האָט מיר אפילע טכילעס געגעבן א טיאָכקע אין הארצן: וואָס פאר א יאָנטעוו אין מיטן דרינען? צי איז מען ניט געקומען מיט מיר לערנען באָלעק?.. נאָר צוריק טראכט איך מיר: פע, טעוויע! מעגסט זיך שעמען פאר זיך אליין: קאָל־יאָמאָוו זיצסטו איין ייִד, לעהאוודל, צווישן אזויפיל גויִם בעשאָלעם וועשאלווע, און מע האָט דיך ניט אָנ־

געריערט, איר זאָלט זאָגן, אף א האָר!.. און איך נעם און גיי ארויס צו זיי מיט א ברייטן שאָלעם־אלייכעם: „ברוכים האבאָים, זאָג איך צו זיי, וואָס טוט איר דאָ, מײַנע ליבע באלעבאטים? און וואָס וועט איר עפּעס זאָגן גוטס? און וואָס וועט איר דערציילן נײַס?"... טרעט ארויס דער סטאראָסטע, איוואן פּאָפּערילע, הייסט עס, און רופט זיך אָן צו מיר גאנץ אָפּנטלעך און גאָר אָן שום האקדאָמעס: „מיר זענען געקומען, זאָגט ער, צו דיר, טעוועל, מיר ווילן דיך שלאָגן".

וואָס זאָגט איר אף דער שפּראך? דאָס ווערט אָנגערופן בא אונדז „לאָשן סאגי־נאָהער" — גערעדט פארשטעלט, הייסט עס... מיילע, ווי אזוי מיר איז געוואָרן אפן הארצן — קאָנט איר אײַך מעשאער זײַן. נאָר ארויסבאוויַיזן — פע! אדעראבע וועאדעראבע! טעוויע איז ניט קיין יִנגעלע... רוף איך מיך אָן צו זיי גאנץ לעבעדיק: „מאזלטאָוו אײַך, זאָג איך, נאָר וואָס האָט איר זיך, קינדער, אזוי שפּעט דערמאנט? אין אנדערע ערטער, זאָג איך, האָט מען שוין פון דעם קימאט פארגעסן!" רופט זיך אָן צו מיר איוואן פּאָפּערילע, דער סטאראָסטע, הייסט עס, שוין דאפּקע גאנץ ערנסט: „פארשטייסטו מיך, טעוועל, זאָגט ער, מיר האָבן זיך, זאָגט ער, אלץ געיישעוועט, צי מיר זאָלן דיך שלאָגן צי ניט שלאָגן? אומעטום, אין אלע ערטער, שלאָגט מען יידן, פארוואָס, זאָגט ער, זאָל מען דיך דורכלאָזן? איז געבליבן בא דער הראָמאדע, זאָגט ער, אז מיר זאָלן דיך שלאָגן... נאָר וואָס דען, מיר ווייסן נאָך אליין ניט, וואָס מיר זאָלן מיט דיר טון, טעוועל: צי מיר זאָלן דיר נאָר אויסהאקן די שויבן, זאָגט ער, און צעטרענען די פּערינעס מיט די קישעלעך און ארויסלאָזן די פעדערן, צי מיר זאָלן דיר פארברענען, זאָגט ער, די כאטע מיט דער שטאל, מיט דער גאנצער כודאָבע דײַנער?"

דאָ איז מיר שוין געוואָרן גוט קאלעמוטנע אפן הארצן, און איך באטראכט מײַנע לײַט, ווי מע שטייט אָנגעלענט אף די לאנגע שטעקנס און מע שושקעט זיך מיר עפּעס שטילערהייט. מאשמאָעס, הייסט עס, אז ס'איז בא זיי גאָר קיין קאטאָוועס ניט? וויבאלד אזוי, טראכט איך מיר, איז דאָך, ווי מיר זאָגן אין טילים: באָו מאיִם אד נעפעש — ביסט דאָך טאקע, טעוויע, גוט אין דער

ארבעט! וואָרום טאָמער אל טיפטאך פע לעסאָטן — א קאשע אַף כרוקעלע? „ע, טעוויע, קלער איך מיר, מיטן מאלעכאמאָוועס טאָר מען זיך ניט שפּילן — מע באדארף זיי עפּעס זאָגן!"... און וואָס זאָל איך אײַך לאנג מאריך בידרוש זײַן, ליבער פרײַנט, ס'איז באשערט געווען, אפּאָנעם, א נעס, האָט מיר דער אייבער־שטער ארײַנגעגעבן א זין, איך זאָל בא זיך ניט אראָפּפאלן, און איך נעם מיך אָן מיט הארץ און רוף מיך אָן צו זיי, צו די גויִים, הייסט עס, דאפקע אין גוטן מוט: „שמער־נא, ראבויסים, זאָג איך, הערט־זשע אויס, זאָג איך, מײַנע ליבע באלעבאטים, וויבאלד, זאָג איך, אז הראָמאדע האָט אזוי געפאסקנט, איז דאָך ניט שײַעך, זאָג איך, מיסטאָמע ווייסט איר, זאָג איך, בעסער, אז טעוויע האָט בא אײַך פארדינט, איר זאָלט מאכן א טעל, זאָג איך, פון זײַן כודאָבע און פון זײַן גאנץ פארמעגן... נאָר וואָס דען, זאָג איך, דאָס ווייסט איר, זאָג איך, אז ס'איז פאראן נאָך העכערס פאר אײַער הראָמאדע? איר ווייסט, זאָג איך, אז ס'איז דאָ א גאָט אַף דער וועלט? איך זאָג ניט, זאָג איך, מײַן גאָט, אײַער גאָט — איך שמועס פון יענעם גאָט, זאָג איך, פון אונדזער אלעמענס גאָט, וואָס זיצט, זאָג איך, אָט דאָרטן אויבן און זעט צו אלע פּאָד־לאָסטן, זאָג איך, וואָס טוען זיך אָפּ אָט דאָ אונטן... עס קאָן זײַן, זאָג איך, אז ער אליין האָט מיר אָנגעצייכנט, אז איך זאָל גע־שטראָפט ווערן אומזיסט-אומנישט דורך אײַך, דורך מײַנע בעסטע גוטע פרײַנט, און עס קאָן זײַן ווידער, זאָג איך, אקוראט פאר־קערט, אז ער וויל, אדעראבע, בעשומויפן ווערופן ניט, אז מע זאָל טעוויען טון שלעכטס... ווער־זשע, זאָג איך, קאָן דאָס וויסן, וואָס גאָט וויל? אדעראבע, זאָג איך, עפּשער געפינט זיך דאָ צווישן אײַך איינער, וואָס וועט זיך אונטערנעמען, זאָג איך, דערגיין דאָ א טאָלק?"...

בעקיצער, זיי האָבן, אפּאָנעם, געזעען, אז מיט טעוויען וועלן זיי זיך ניט אויסטײַנען, רופט זיך אָן צו מיר דער סטאראָסטע, איוואן פּאָפּערילע, הייסט עס, בעזעז האלאָשן: „די מײַסע, זאָגט ער, דערפון איז אזוי. מיר האָבן צו דיר, טעוועל, אייגנטלעך, גאָרנישט ניט. דו ביסט, זאָגט ער, טאקע א זשיד, נאָר ניט קיין שלעכטער מענטש. נאָר איינס צום אנדערן, זאָגט ער, געהער זיך

ניט אָן — שלאָגן דארף מען דיך; הראָמאדע האָט אזוי גע־פאסקנט — פארפאלן! מיר וועלן דיר, זאָגט ער, כאָטש אויסהאקן די פענצטער. דאָס, זאָגט ער, מוזן מיר, ווײַל טאָמער, זאָגט ער, פאָרט עמעצער דורך, טאָ לאָז מען, זאָגט ער זען, אז מע האָט דיך געשלאָגן, אניט, זאָגט ער, וועט מען אונדז נאָך שטראפירן"... אָט מיט די ווערטער און מיט דעם לאָשן, ווי איך דערצייל אײַך, גאָט זאָל מיר אזוי העלפן בכל אשר אפנה! נו, איצט, פרעג איך אײַך, פאני שאָלעם־אלייכעם, איר זענט דאָך עפּעס א ייִד, וואָס קאטאָרע איר פאָרט אויס די וועלט — איז שוין טעוויע גע־רעכט, וואָס ער זאָגט, אז מיר האָבן א שטארקן גאָט?

האָט איר אײַך, הייסט עס, שוין געפאטערט די סעדרע באָלעק. אצינד וועלן מיר זיך אומקערן צוריק צו דער סעדרע לך־לך. דידאָזיקע סעדרע האָט מען מיט מיר געלערנט אָט דאָ ערשט ניט לאנג, און טאקע אפן רעכטן עמעס. דאָ האָט שוין ניט געהאָלטן, פארשטייט איר מיך, קיינע שום דראָשעס מיט קיין שום מוסער זאָגן. ומעשה שהיה כך היה — מע דארף עס אײַך איבערגעבן אקוראט, מיט אלע פּישטשעווקעס כאשר אהבתי — אזוי ווי איר האָט ליב.

ויהי בימיי מענדל בייליס — דאָס איז געווען אין יענער צײַט, ווען מענדל בייליס איז אָפּגעקומען פאר פרעמדע זינד, און די וועלט איז געגאנגען כאָדעראָם — זיך איך מיר אזוי איינמאָל אף דער פריזבע בא מײַן שטוב פארטיפט אין מאכשאָוועס, זומער־לעבן. די זון באקט און דער קאָפּ טראָגט: סטײַטש, סטײַטש האיִטאָכן? הײַנטיקע צײַטן! אזא קלוגע וועלט, אזעלכע גרויסע מענטשן! און ווו איז גאָט? דער אלטער ייִדישער גאָט? וואָס שווײַגט ער? ווי דערלאָזט ער אזא זאך? סטײַטש, סטײַטש און ווידעראמאָל סטײַטש! און טראכטנדיק אזוי פון גאָט, פארטיפט מען זיך שוין, אגעוו, אין הימל־זאכן און מע פאלט ארײַן אין כקירע: וואָס איז די וועלט, וואָס איז יענע וועלט? און פארוואָס זאָל ניט קומען מאָשיִעך? „אײַ, טראכט איך מיר, וואָלט ער געטון ווי א כאָכעם, מאקע מאָשיִעך, מיין איך, ווען ער כאפּט זיך אראָפּ צו אונדז אצינדערט, רײַטנדיק אף זײַן ווײַס פערדל! דאָס וואָלט געווען א שיינע זאך! ער איז נאָך קיינמאָל,

דאכט מיר, אזוי נייטיק ניט געווען פאר אונדזערע אכיינו בניי יִשׂראָעל, ווי הײַנט! איך ווייס ניט, ווי אזוי די נעגידים, די בראָצקיס, לעמאָשל, אין יעהופּעץ אָדער די רויטשילדס אין פּאריז? ס׳קען זײַן, אז זיי האָבן אים אינזינען אקוראט אין דער לינקער פּייע; נאָר מיר, ייִדן אָרעמע־לײַט, פון קאסרילעווקע און פון מאזעפּעווקע און פון זלאָדיִעווקע, און אפילע פון יעהופּעץ, און אפילע פון אדעס, קוקן ארויס, אײַ, קוקן מיר ארויסעט אף אים! מאמעש די אויגן קריכן אזש פון קאָפּ! אונדזער גאנצע האָפענונג אצינד איז דאָך נאָר, טאָמער וועט גאָט טון א נעס, עס וועט קומען מאָשיִעך!״...

דערווײַל, אזוי ווי איך זיך פארטיפט אין דידאָזיקע ראַיוינעס, איך טו א קוק — א ווײַס פערדל, און עמעצער זיצט אף דעם רײַטנדיק. און גלײַך צום טויער פון מײַן שטוב! — טפּררו! — אָפּגעשטעלט זיך, אראָפּגעקראָכן, צוגעבונדן דאָס פערדל צום טויער, און אליין גלײַך צו מיר: זדראסטי, טעוועל!—„זדראסטי, זדראסטי, וואשע בלאהאָראָדיע!״ — ענטפער איך אָפּעט גאנץ ברייטלעך, און אין הארצן טראכט איך מיר: ויבוא המן — מאכט ראשע: אז מע קוקט ארויס אף מאָשיִעכן, קומט דער אוראטניק... און איך שטיי אוף אקעגן אים. אקעגן דעם אוראטניק, הייסט עס: — „באָרוכהאבאָ, א גאסט, זאָג איך, וואָס הערט זיך עפּעס אף דער גרויסער וועלט און וואָס ועסטו, זאָג איך, עפּעס זאָגן גוטס, אדויני פּאָרעץ?״ און דאָס הארץ פאלט מיר שיר ניט ארויס — איך וויל שוין ויסן, וואָס און ווען? און ער, דער אוראטניק, הייסט עס, האָט זיך אָבער צײַט. ער פארויכערט זיך גאנץ פײַן א פּאפּירעסל, בלאָזט ארויס דעם רויך, שפּײַט אויס און רופט זיך אָן צו מיר: וויפל צײַט, אשטייגער, דארפסטו האָבן, טעוועל, זאָלסט קאָנען פארקויפן, זאָגט ער, דײַן כאטע מיט דײַנע אלע בעבעכעס? קוק איך אים אָן:—„צו וואָס, זאָג איך, זאָל איך פארקויפן, זאָג איך, מײַן כאטע? ווער עמען, לעמאָשל, מאכט זי, זאָג איך, ענג?״ — ענג, זאָגט ער, מאכט זי קיינעם ניט. נאָר איך בין געקומען, זאָגט ער, דיך ארויסשיקן, זאָגט ער, פון דאָרף. — „סאכאקל, זאָג איך, מער ניט? פאר וואָסערע מײַסים־טויווים? מיט וואָס, זאָג איך, האָב איך פארדינט בא דיר אזא קאָוועד?״...

— דאָס איז ניט איך שיק דיר ארויס, זאָגט ער, די גובערניע שיקט דיך ארויס. „די גובערניע?" — זאָג איך. — וואָס האָט זי אזעלכעס דערזעען אף מיר" — ניט נאָר דיך אליין, זאָגט ער, און ניט נאָר פונדאנען, נאָר פון אלע דערפער ארום און ארום, און אפילע, זאָגט ער, אנאטעווקע, וואָס איז ביז אהער געווען א שטעטל, ווערט דאָס שוין איצטער אויך, זאָגט ער, א דאָרף, און מע וועט ארויסטרייַבן פונדאָרט, זאָגט ער, אלע אייַערע...—„אפילע לייזער־וואָלף דעם קאצעוו, זאָג איך, אויך? און נאפטאָלע־גערשן דעם לומער אויך? און דעם דאָרטיקן שויכעט? און דעם ראָוו?"— אלע! אלע!—זאָגט ער און טוט א מאך מיט דער האנט, ווי א שנייַד אָפּ מיט א מעסער...

איז מיר אפילע געוואָרן עפּעס ווי אביסל גרינגער, ווי זאָגט איר: צרת רבים חצי נחמה [12]). נאָר פארדריסן פארדריסט דאָס מיך, און א פייַער ברענט אין מיר, און איך בין מיך מעיאשעוו און רוף זיך אָן צו אים, צום אוראטניק, הייסט עס: „זאָג מיר, זאָג איך, דו ווייסט כאָטש, זאָג איך, וואשע בלאהאָראָדיע, אז איך זיץ דאָ אין דעם דאָרף אסאך פריִער פון דיר? דו ווייסט, זאָג איך, אז אָט דאָ, אין דעם ווינקל, איז נאָך מייַן טאטע אָלעוואשאָלעם, זאָג איך, געזעסן, און מייַן זיידע אָלעוואשאָלעם, און מייַן באָבע אָלעוואשאָלעם?" און איך פויל זיך ניט און רעכן אים אויס די גאנצע מישפּאָכע בא די נעמען, ווו ווער ס'איז געזעסן און ווו ווער ס'איז געשטאָרבן... הערט ער מיך דאפקע אויסעט, דער אוראטניק, הייסט עס, און אז איך האָב געקאָנטשעט, מאכט ער צו מיר: — דו ביסט א ציקאווע ייִד, זאָגט ער, טעוועל, און דו האָסט אין זיך נייַן מאָס רייד, צו וואָס טויגן מיר דייַנע מייַסעס, זאָגט ער, פון דייַן באָבען מיט דייַן זיידן? לאָזן זיי, זאָגט ער, דיר האָבן א ליכטיקן גאניידן! און דו, טעוועל, נעם, זאָגט ער, צונויף דייַנע בעבעכעס און פאָר־פאָר נא באר־דיטשעוו!„.

פארדריסט עס מיך שוין נאָך מער: גענוג דו זאָגסט מיר אָן, אייסעוו, אזא גוטע בסורע טויווע, מאכסטו נאָך כויזעק: פאָר־פאָר נא בארדיטשעוו!.. לאָמיך אים כאָטש אביסל אויסליימערן... און איך רוף מיך אָן צו אים: „וואשע, זאָג איך, בלאהאָראָדיע!

וויפל־צײַט, זאָג איך, ביסטו שוין דאָ פאַרעק, האָסטו עפּעס גע־הערט, זאָג איך, אסאך מאָל, עמעצער פון די שכיינים זאָל זיך אף מיר באקלאָגן, אז טעוויע האָט אים באגאנוועט, אָדער בא־גאזלט, אָדער אויסגענארט, אָדער אזוי צוגענומען? אנו, צעפרעג זיך אָקאָרשט בא די באלעבאטים, זאָג איך, צי האָב איך ניט געלעבט מיט זיי אסאך בעסער, זאָג איך, ווי דער בעסטער באלעבאָס? צי בין איך ניט געווען, זאָג איך, אדוני פאַרעק, בא דיר אליין, זאָג איך, וויפל מאָל בעטן דיך פאר די גוייִם, זאָלסט זיי אזוי נים אָביזשײַען?״... האָט דאָס אים שוין, אפּאָנעם, נים געשמעקט! שטייט ער אוף, דער אוראטניק, צעקוועטשט דעם פּאפּיראָס מיט די פינגער, טוט אים א וואָרף אָפּ און מאכט צו מיר: איך האָב, זאָגט ער קיין צײַט ניט מיט דיר צו באלאקען פוסטע רייד. ס׳איז מיר אָנגעקומען, זאָגט ער, א פּאפּיר — און ווײַטער גייט מיך ניט אָן! קום, זאָגט ער, וועסטו מיר, זאָגט ער, כאסמענען דאָס פּאפּיר, און צײַט אף ארויספאָרן גיט מען דיר, זאָגט ער, דרײַ טעג, זאָלסט קאָנען, זאָגט ער, אויספארקויפן אלצדינג און צוגרייטן זיך אין וועג ארײַן.

דערזעען, ס׳איז ביטער, רוף איך מיך אָן צו אים: „דו גיסט מיר, זאָג איך, דרײַ טעג גיסטו מיר — דרײַ יאָר זאָלסטו לעבן, זאָג איך, דערפאר אין אוישער און אין קאָוועד. גאָט זאָל דיר, זאָג איך, צאָלן בע־קייפל קיפלאיִם, זאָג איך, פאר דער גוטער בסורע, וואָס דו האָסט מיר געבראכט אין שטוב ארײַן״... גוט־גוט ארײַנגעזאָגט אים, ווי טעוויע קאָן! איך האָב מיך מעיאשעוו געווען: מימאָנעפשעך, סײַוויסײַ מאָטי פארך — וואָס האָב איך דאָ אָנצוווערן? וואָלט איך געווען ייִנגער כאָטש מיט א יאָר צוואנציק, און וואָלט מיר געלעבט מײַן גאָלדע אָלעוואשאָלעם, און וואָלט איך געווען דער אייגענער טעוויע דער מילכיקער, וואָס אמאָל, אין די שנים קדמוניות [13] — עהע־הע! וואָלט איך זיך אזוי גיך ניט אונטערגעגעבן! איך וואָלט זיך געבאָרעט, געשלאָגן זיך ביזן בלוט ארײַן! נאָר אזוי — וואָס? מה אנו מה חיינו — וואָס בין איך הײַנט און ווער בין איך? א פלג־גוף [14], א שיוורײ־קיילע, א צעבראָכענער שארבן! „אך טי, ריבוינעשעלוילעם, גאָטעניו!—טראכט איך מיר. — וואָס האָסטו זיך עפּעס צוגעטשעפּעט צו טעוויען גראָד? פארוואָס זאָלסטו בעסער

ניט א שפּיל טון זיך אמאָל אף א טשיקאווס, לעמאָשל, מיט א בראָצקין אָדער מיט א רויטשילדן? פאַרוואָס לערנט מען זיי ניט די סעדרע לך־לך? זיי וואָלט, דאכט מיר, בעסער אָנגעשטאַנען? ערשטנס, וואָלטן זיי דערפילט דעם עמעסן טאַם, וואָס הייסט א ייִד, וועהאַשיינים, לאָזן זיי אויך זען, אז מיר האָבן א שטאַרקן גאָט"...

בעקיצער, דאָס איז אָבער אלץ פּוסטע דיבורים, מיט גאָט טײַנעט מען זיך ניט אויס, און אים קיין אייצעס, ווי אזוי צו פירן די וועלט, גיט מען ניט... גיי איך אַרײַן אין שטוב אַרײַן און טו מיר א זאָג צו מײַן טאָכטער דער אלמאָנע: „צייטל, זאָג איך, מיר קלײַבן זיך ארויס, זאָג איך, פונדאַנען ערגעץ אין א שטאָט אַרײַן. גענוג שוין געזעסן אין דאָרף, זאָג איך. מעשאַנע מאָקעם, מעשאַנע מאַזל... דו נעם, אָקאָרשט, זאָג איך, און הייב אָן באַצײַטנס זיך צו גרייטן מיטן בעטגעוואַנט, מיטן סאַמאָוואַר און מיט די שעאָר יעראָקעס, און איך וועל, זאָג איך, גיין פאַרקויפן די כאַטע. ס'איז אָנגעקומען, זאָג איך, א פּאַפּיר, אז מיר זאָלן אָפּריייניקן, זאָג איך, דאָס אָרט, און אין דרײַ טעג ארום זאָל דאָ אונדזער דעך ניט בלײַבן!"...

דערהערט פון מיר אזא בסורע, אז זי מאכט ניט קיין געוויין, די אלמאָנע מײַנע, און די קינדערלעך אירע, אַף איר קוקנדיק, האָבן זיך גלאַט צעוויינט, און ס'איז געוואָרן, וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, טישעבאָוו אין שטוב! ווער איך שוין אין קאַס און לאָז אויס מײַן גאַנץ ביטער האַרץ אף מײַן טאָכטער, נעבעך: „וואָס האָט איר זיך גענומען אף מײַן לעבן? וואָס האָט איר זיך, זאָג איך, צעיאַכמערט פלוצים אינמיטן דערינען, ווי אן אלטער כאַזן צו די ערשטע סליכעס?.. וואָס בין איך עפּעס א בעניאָכיד, זאָג איך, בא גאָט? א ציטעריקער? קאַרג ייִדן, זאָג איך, ווערן איצטער ארויסגעטריבן פון די דערפער? גיי, האָרך, זאָג איך, וואָס דער אוראַטניק דערציילט זיך אָן! א סוואָרע, זאָג איך, אז דײַן אַנאַטעווקע, וואָס איז ביז אהער געווען א שטעטל, ווערט דאָס שוין אויך, זאָג איך, מיט גאָטס הילף, א דאָרף, צוליב די אַנאַטעווקער ייִדן, זאָג איך, מע זאָל זיי קאָנען ארויסטרײַבן אלעמען. וויבאַלד אזוי, זאָג איך, מיט וואָס־זשע, זאָג איך, בין איך

ערגער פון אלע ייִדן?"... אָט אזוי רייד איך איר אויס דאָס האַרץ, דער טאָכטער מײַנער. איז דאָך עס אָבער א ייִדענע. זאָגט זי צו מיר: ווּהין וועלן מיר זיך, זאָגט זי, קלײַבן פּלוצים אינמיטן דערינען? ווּ וועלן מיר, זאָגט זי, גיין זוכן שטעט?... "שאַטיע!— זאָג איך. — מיר וועלן גיין, זאָג איך, ווּהין די אויגן טראָגן, ווּהין אלע ייִדן גייען! וואָס סע וועט זײַן, זאָג איך, מיט קאָל ייִסראָעל, דאָס וועט זײַן מיט רעב ייִסראָעל. און מיט וואָס, זאָג איך, ביסטו מער מעיוכעסטע פון דײַן שוועסטער ביילקע, די נעגידעסטע? איר שטייט אָן צו זײַן מיט איר פּדאָצערן אצינד אין אמעריקע און מאכן א לעבעכץ, מעג דיר אויך, זאָג איך, אָנשטיין... דאנקען האשעם־ייִסבאָרעך, זאָג איך, וואָס מיר האָבן כאָטש מיט וואָס צו רירן זיך. אביסל, זאָג איך, איז נאָך דאָ פון פריִער, און אביסל פון דער כודאָבע, וואָס מיר האָבן פארקויפט, און אביסל וועט ארײַנפאלן פון דער כאטע. פון אביסל און אביסל, זאָג איך, ווערט א פולע שיסל — און גאם זו לעטויווע!"...

בעקיצער, איך האָב בא איר יאקאָש געפּוילט, זי זאָל זיך ניט פאראקשענען. איך האָב איר געגעבן צו פארשטיין מיט א סייכל, אז דער אוראטניק קומט און ברענגט א פאפיר, אז מע הייסט גיין, קאָן מען קיין כאזער ניט זײַן און מע דארף גיין. און אליין בין איך אוועק אין דאָרף מאכן א טאָלק מיט דער כאטע, און גלײַך צו איוואן פאָפּערילע, צום סטאראָסטע, הייסט עס. ער איז א גוי א באלעגוף און פייגערט נאָך מײַן דירע!

געקומען צו איוואנען, דערצייל איך אים ניט פון קיין פויסער און פון קיין כאָלעם — א ייִד איז קלוגער פון א גוי — און איך זאָג אים, זאָג איך: "היניי זײַ וויסן, איוואנו סערדצע, אז איך ווארף אײַך אוועקעט"... זאָגט ער: וואָס עפּעס? זאָג איך: "איך פאָר אריבער, זאָג איך, אין שטאָט ארײַן. איך וויל זײַן, זאָג איך, צווישן ייִדן. איך בין שוין ניט קיין יונגערמאן, זאָג איך, טאָמער, כאָלילע, טוט מען א שטארב"... מאכט צו מיר איוואן: פארוואָס־זשע זאָלסטו ניט שטארבן דאָ? ווער לאָזט דיך ניט? דאנק איך אים זייער און זאָג אים: "שטארבן דאָ שטארב שוין דו בעסער, זאָג איך, דו ביסט בילכער, און איך וועל בעסער גיין שטארבן, זאָג איך, צווישן מײַניקע... קויף אָפּ

איוואנו, בא מיר, זאָג איך צו אים, מײַן כאטע מיטן גאָרטן. און אנדערן וועל איך, זאָג איך, ניט פארקויפן, דיר — יאָ". — וויפל, זאָגט ער, ווילסטו פאר דײַן כאטע? —„וויפל, זאָג איך, גיסטו?" אהין־אהער, ער מיר: „וויפל ווילסטו? איך אים: „וויפל גיסטו?"— מע האָט זיך גענומען דינגען זיך, פאטשן אין די הענט ארײַן, אזוי לאנג געדונגען זיך און געפאטשט זיך, א רענדל ארויף, א רענדל אראָפּ, ביז מע האָט זיך אויסגעדונגען פארן מעקעך, און טאקע פּאָווטירנע גענומען בא אים אף דער יאד א פּײַנעם אדערוף, ער זאָל זיך כאָלילע ניט אופּטרענען — א ייִד איז קליגער פון א גוי — און אָט אזוי האָב איך אויסגעפאר־קויפט אין איין טאָג, בעכאָצי כינאָם, געוויינטלעך, דאָס גאנצע דאָברע־מאזל, געמאכט פון אלצדינג גאָלד, און בין אוועק דינגען א פור, פארנעמען דאָס איבערגעבליבענע ביסל אָרעמקײַט — וועט איר הערן נאָך א שיינס, וואָס בא טעוויען קאָן זיך פארלויפן! איר לייגט נאָר צו קאָפּ, איך וועל אײַך שוין לאנג ניט האלטן, איבער־געבן עס אײַך, ווי זאָגט איר, בשלשה דברים — אין צוויי ווערטער.

בעקיצער, פארן אוועקפאָרן קום איך אהיים, טרעף איך שוין ניט קיין שטוב, נאָר א כורווע. די ווענט נאקעט, זיי וויינען מאמעש מיט טרערן! אף דער ערד — פּעקלעך מיט פּעקלעך מיט פּעקלעך! אָפן פּריפּעטשיק זיצט די קאץ, ווי א יעסוימע, נעבעך, טרויעריק — עס האָט מיך אזש א נעם געגעבן באם הארצן און טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן... איך זאָל מיך ניט שעמען פאר מײַן טאָכטער, וואָלט איך מיך גוט־גוט אויס־געוויינט, ווי זאָגט איר, פּאָרט באטקאָווטשטשינע!.. דאָ אויסגע־וואקסן, דאָ פארשווארצט געוואָרן קאָליאָמאָוו, און פּלוצים, אינ־מיטן דערינען — לך־לך! זאָגט אײַך, וואָס איר ווילט, ס'א פאר־דראָסיקע זאך!.. טעוויע איז דאָך אָבער ניט קיין ייִדענע, האלט איך מיך אײַן און מאך מיך פריילעך און רוף מיך אָן צו מײַן טאָכטער דער אלמאָנע: „קום נאָר אהער, זאָג איך, צייטל, ווו ביסטו ערגעץ?" גייט זי ארויס פון צווייטן אלקער, צייטל, הייסט עס, מיט רויטע אויגן און מיט א געשוואָלענער נאָז. אהא, טראכט איך מיר, מײַן טאָכטער האָט זיך דאָ שוין ווידער צעוויינט, ווי א ייִדענע צו נעסאנע־טויקעף! אָט די ווײַבער, הערט איר,

זענען אײַך קיין קאטאָוועס ניט — באַלד עפּעס איז געוויינט! וואָלוועלע טרערן בא זיי! „שאטיע, — זאָג איך איר. — וואָס וויינסטו שוין ווידער? ביסטו ניט קיין נאר? — זאָג איך. — באַרעכן זיך נאָר, זאָג איך, דעם כילעק פון דיר ביז מענדל בייליס״... וויל זי ניט הערן און מאכט צו מיר: טאטע, זאָגט זי, דו ווייסט ניט, וואָס איך וויין... זאָג איך: „איך ווייס גאנץ גוט. פאַרוואָס זאָל איך ניט וויסן? דו וויינסט, זאָג איך, ס'טוט דיר באַנק די היים... ביסט אָט דאָ, זאָג איך, געבוירן געוואָרן און אויסגעוואקסן — פאַרדריסט עס דיך!.. גלייב מיר, זאָג איך, איך זאָל ניט זײַן טעוויע, איך זאָל זײַן אן אנדערער, וואָלט איך אליין אויך, זאָג איך, געקושט אָט די נאקעטע ווענט מיט אָט די לײדיקע פּאָליצעס... איך וואָלט אליין אויך, זאָג איך, צופאלן צו אָט דערדאָזיקער ערד!.. עס טוט מיר באַנק, זאָג איך, איטלעכס בּרעקל גלײַך מיט דיר. נארעלע! אפילע אָט די קאץ, זאָג איך, זעסטו, אָן זיצט זי דאָרט, א פאַריאָסעמטע אפן פּריפּעטשיק? א שטומע צונג, א כײַע, זאָג איך, פונדעסטוועגן א ראכמאָנעס. זי בלײַבּט אליין אָן א באַלעבּאָס — צארבּאַלעכאִים״... — ס'איז דאָ, מאָל דיר, זאָגט זי, א גרעסערער ראכמאָנעס... — „דעהײַנע?״ — דעהײַנע, אָט פאָרן מיר אוועק, זאָגט זי, און לאָזן איבּער דאָ איין מענטשן אליין, עלנט, ווי א שטיין. — פאַרשטיי איך ניט, וואָס זי מיינט, און רוף מיך אָן צו איר: „וואָס בּעלעבּעטשעסטו? — זאָג איך. — וואָסערע פלאָמען? וואָס מענטש? וואָסער שטיין?״ מאכט זי צו מיר: טאטע, איך רייד ניט פונעם וועג, איך רייד, זאָגט זי, פון אונדזער כאַוועך...

און ווי זי האָט מיר אויסגערעדט דעמדאָזיקן נאָמען, איז שווער איך אײַך, ווי מיט א הייסן אָקרעפּ אָדער מיט א שײַטהאָלץ איבּערן קאָפּ! און איך פאל אָן אף מײַן טאָכטער און גיבּ איר אוועק א וויסטן סאָף: — „וואָס עפּעס פלוצים אינמיטן דערינען כאַווע, זאָג איך? איך האָבּ דאָך אָגעזאָגט, זאָג איך, וויפל מאָל, אז כאַווע לא יזכר ולא יפּקד!״...[19]

מיינט איר, אז זי שרעקט זיך איבּער? אָבּער גאָר לוי! טעוויעס טעכטער האָבּן אין זיך א קויעך! — טאטע, מאכט זי צו מיר, דו בּייזער זיך נאָר ניט אזוי שטארק און דערמאָן זיך

בעסער, וואָס דו אליין, זאָגט זי, האָסט געזאָגט וויפל מאָל, אז ס׳שטייט געשריבן, אז א מענטש דארף האָבן ראכמאָנעס אף א מענטשן, ווי א טאטע אף א קינד... איר הערט ווערטער? ווער איך מיסטאמע נאָך מער אופגעקאָכט און גיב איר אוועקעט א גאָב, ווי איר קומט: „פון ראכמאָנעס, זאָג איך, רעדסטו מיט מיר? ווו איז געווען, זאָג איך, איר ראכמאָנעס, אז איך בין גע־לעגן ווי א הונט פארן גאלעך, ייִמאך שמוי, אים געקושט די פיס, און זי איז עפשער געווען, זאָג איך, אין צווייטן כיידער און עפשער געהערט איטלעכס וואָרט?.. אָדער ווו איז געווען, זאָג איך, איר ראכמאָנעס, אז די מאמע אָלעוואשאָלעם איז גע־לעגן, זאָג איך, ניט פאר דיר געדאכט, אָט דאָ אף דער ערד מיט שווארצן איבערגעדעקט? ווו איז זי דעמאָלט געווען?... און די נעכט, וואָס איך בין, זאָג איך, ניט געשלאָפן? און דאָס קרענקען, וואָס האָט מיך, זאָג איך, געקרענקט די גאנצע צייַט ביז הײַנטיקן טאָג נאָך אז איך דערמאָן מיך, זאָג איך, וואָס זי האָט מיר אָפּגעטון, אף וועמען זי האָט אונדז אויסגעביטן — ווו איז, זאָג איך, דער ראכמאָנעס אף מיר?״.. און עס פארבאקט מיך באם הארצן, און איך קאָן ניט ריידן מער... מיינט איר דאָך אוודע, אז טעוויעס טאָכטער האָט ניט געפונען, וואָס מיר דערוף אָפּצוענטפערן? — דו אליין, זאָגט זי, זאָגסט דאָך, טאטע, אז דער מענטש, וואָס האָט כאראָטע, איז אים אפילע גאָט אליין אויך מויכל...— „כאראָטע? — זאָג איך. — צו שפעט! דאָס צווייַ־געלע, זאָג איך, וואָס האָט זיך איין מאָל אָפּגעריסן פון בוים, מוז, זאָג איך, פארטריקנט ווערן! דאָס בלעטל, זאָג איך, וואָס איז אָפּגעפאלן, מוז פארפוילט ווערן, און מער, זאָג איך, זאָלסטו מיט מיר ניט ריידן דערפון — עד כאן אומרים בשבת הגדול!״.. [16]

בעקיצער, דערזעען, אז מיט ווערטער קאָן זי מיט מיר גאָרניט מאכן, טעוויע איז ניט דער מענטש, וואָס מע רעדט אים איבער, פאלט זי צו מיר שוין גאָר צו און הייבט מיך גאָר אָן צו קושן אין די הענט אריין און מאכט צו מיר: טאטע, זאָגט זי, זאָל איך שלעכטס האָבן, זאָל איך שטארבן אָט־אָ־דאָ אפן אָרט, אויב דו וועסט זי איצטיקס מאָל, זאָגט זי, אָפּשטויסן, ווי דו האָסט זי אָפּגעשטויסן דעמאָלט אין וואלד, אז זי איז, זאָגט זי, צוגעפאלן

צו דיר, און דו האָסט פארקערעוועט, זאָגט זי, דאָס פערדל און ביסט אנטלאָפן!..—„וואָס פאר א פריטשעפּע, זאָג איך, אף מײַן קאָפּ? וואָס פאר אן אָנשיקעניש?! וואָס האָסטו זיך גענומען, זאָג איך, אף מײַן לעבן?!״... לאָזט זי מיך ניט אָפּעט, האלט מיך צו בא די הענט און טײַנעט זיך אויס: זאָל איך שלעכטס האָבן, זאָגט זי, זאָל איך שטארבן, אויב דו וועסט איר ניט מויכל זײַן, זאָגט זי, ווארום זי איז דיר א טאָכטער, זאָגט זי, גלײַך ווי איך!..—„וואָס ווילסטו, זאָג איך, פון מײַן לעבן? זי איז ניט מײַן טאָכטער מער! זי איז שוין, זאָג איך, לאנג געשטאָרבן!״... ניין, זאָגט זי, זי איז ניט געשטאָרבן, און זי איז שוין צוריק דײַן טאָכטער, זאָגט זי, ווי געווען! ווארום פון דער ערשטער מינוט, זאָגט זי, אז זי איז געווירע געוואָרן, אז מע שיקט אונדז ארויס, האָט זי געזאָגט צו זיך אליין, אז דאָס שיקט מען ארויס אונדז אלעמען, זי אויך, הייסט עס. דאָרט, ווו מיר — אזוי האָט מיר כאווע אליין געזאָגט — דאָרט איז זי, אונדזער גאָלעס — דאָס איז איר גאָלעס... א סימען, זאָגט זי, האָסטו, טאטע, אָט איז אפילע דאָס פעקל אירס.

אזוי מאכט צו מיר מײַן טאָכטער, צייטל, הייסט עס, אין איין אָטעם, ווי די עשרת בני המן אין דער מעגילע [17], און לאָזט מיך אפילע ניט א וואָרט ארויסריידן און טוט מיר א ווײַז אָן אף עפּעס א פעקל אין א רויטער פאטשיילע אײַנגעוויקלט, און טאקע פּאָווטירנע טוט זי אן עפן אוף די טיר פון צווייטן אלקער און א רוף אויס: „כאווע!״ — ווי איר זעט מיך א ייִדן...

און וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, ליבער פרײַנט? טאקע פונקט אזוי ווי בא אײַך אין די ביכלעך ווערט געשריבן, באווײַזט זי זיך, כאווע, הייסט עס, פון אלקער ארויס — א געזונטע, א גלאטע, א שיינע, ווי געווען, ניט געמינערט א האָר, נאָר דאָס פּאָנעם אביסל פארזאָרגט, די אויגן אביסל פארצויגן, און דעם קאָפּ האלט זי הויך, מיט גאדלעס, בלײַבט שטיין א ווײַלע, קוקט אף מיר, איך — אף איר. דערנאָך ציט זי אויס צו מירביידע הענט, און נאָר איין וואָרט קאָן זי ארויסריידן, איין־און־איינציק וואָרט, און שטיל:

— טא־טע — — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

— —

— —

האָט קיין פאריבל ניט, אַז איך דערמאָן מיך, שטעלט זיך מיר נאָך איצט אויך טרערן אין די אויגן. נאָר מיינט ניט פונדעסטוועגן, אז טעוויע האָט, כאָלילע, געלאָזט א טרער, אָדער ארויסבאוויזן, ווי זאָגט איר, א ראך־לייוו!.. דאָס הייסט, וואָס איך האָב געפילט בעיס־מײַסע אינעווייניק אין הארצן — דאָס איז עפּעס אַנדערש. איר זענט דאָך אליין עפּעס א טאטע פון קינדער און איר ווייסט גלײַך מיט מיר דעם פשאט פונעם פּאָסעק: „כרחם אָב על בנים" און דעם טאם פון דעם, בעיס א קינד, עס מעג זיך ווי פארזינדיקן, נאָר אז ס'קוקט אײַך גלײַך אין דער נעשאָמע ארײַן און זאָגט אײַך: „טאטע" — אנו, זײַט דעמאָלט א בעריע, אדעראבע, און טרײַבט עס אָפּ... און צוריק אָבער, דער קויעך־האדאם ארבעט, און עס קומט מיר אקעגן באלד דאָס שיינע שפּיצל, וואָס זי האָט מיר אָפּגעטון... כוועדקע גאלאגאן, אײַנגעזונקען זאָל ער ווערן... און דער גאלעך יִמאך שמוי... און מײַנע טרערן... און גאָלדע אָלעוואשאָלעמס טויט... ניין! זאָגט שוין איר אליין, ווי קאָן מען דאָס פארגעסן?.. און ווידער צוריק, — סטײַטש! פּאָרט א קינד... כרחם אָב על בנים... ווי טאָר א מענטש זײַן אן אכזער, אז גאָט אליין זאָגט אף זיך, אז ער איז אן אל ארך אפּים [18]) אוביפראט, זי האָט כאראָטע און וויל זיך אומקערן צוריק צו איר טאטן און צו איר גאָט!...

וואָס זאָגט איר, פּאני שאָלעם־אלייכעם? איר זענט דאָך עפּעס א ייִד, וואָס קאטאָרגע איר מאכט ביכלעך, און איר גיט דער וועלט אייצעס, זאָגט שוין איר אליין, וואָס האָט טעוויע באדארפט טון? ארומנעמען זי ווי אן אייגענע, קושן זי און האלדזן זי און זאָגן איר, ווי מיר זאָגן יאָמקיפּער צו קאָלנידרע: סלחתי כדבריך [19]) — קום צו מיר, דו ביסט מײַן קינד? צי עפּשער פארקערעווען דעם דישעל, אזוי ווי דעמאָלט, און זאָגן איר: לעך־לעכאָ — גיי דיר געזונטערהייט, פונוואנען דו ביסט געקומען?.. ניין, לאָז זיך אײַך דאכטן, לעמאָשל, עלעהיי איר זענט אף טעוויעס

אָרט, און זאָגט מיר בעהען שעלי, נאָר אָפנטלעך, ווי פאר אן עמעסן גוטן פרײַנט: ווי אזוי וואָלט איר זיך נויעג געווען?.. און אויב איר קאָנט עס מיר ניט זאָגן באלד, גיב איך אײַך צײַט אף צו באטראכטן זיך...

און דערווײַל דארף מען גיין, — די אייניקלעך ווארטן שוין אף מיר, קוקן ארויס אפן זיידן. איר דארפט וויסן, אז אייניקלעך זענען נאָך טויזנט מאָל טײַערער און אײַנגעבאקענער פון קינדער. בנים ובני בנים[20]) — א קלייניקײַט? זײַט מיר געזונט און האָט קיין פאריבל ניט. איך האָב אײַך אָנגעקלאפט א קאָפּ — איר וועט שוין דערפאר האָבן וואָס צו שרײַבן... אז גאָט וועט הייסן, וועלן מיר זיך נאָך זען מיסטאָמע. א גוטן!

.1914

באמערקונגען

טעוויע דער מילכיקער איז א טיפּ פון אן איינ־פאכן פאָלקס־מענטש, ריכטיקער פון א פּאָשעטן יישעווניק. ער איז אביסל באהאוונט אין די אומ־געגלעכע רעליגיעזע ספאָרים, אָבער ניט אזוי פון לערנען זיי, ווי פון אָנהערן זיך. ער האָט זיך אָנגע־הערט אסאך פסוקים פון טאנאך און ציטאטן פון געמאָרע. כאפּט ער אָפּט ניט אזוי דעם ריכטיקן פשאט, נאָר דעם לעפּיִערעכדיקן זינען, די געדאנקען־אסאָציִאציעס, אמאָל די סאמע ווײַטסטע אסאָציִאציעס, מיט וועלכע די ציטאטע איז, אָדער קאָן זײַן, פאר־בונדן. מאכט ער זײַנע אייגענע טײַטשן, וואָס ס׳הייבט זיך גאָר ניט אָן. און דער גאנצער הומאָר שטעקט דאָ אָפּט אין ניטווילנדיקע קאלאמבורן, אָפּט אינעם פארשפּיצטן פאָלקסטימלעכן כויזעק איבער לאָמדים און לאָמדעס.

א בּוידעם.

1) „רבות מחשבות בלב איש״ („ראבּויס מאכשאָוויס בּעלעוו איש״) — „פיל געדאנקען האָט דער מענטש אין הארצן״.

דער מענטש האָט געדאנקען, ער באטראכט, ער גיט זיך אן אייצע. לויט דערדאָזיקער פארבינדונג פארטײַטש שוין טעוויע דעם פּאָסעק מיט א ייִדיש ווערטל: „דאָס בּעסטע פערד באדארף האָבן א בײַטש, דער קליג־סטער מענטש — אן אייצע״.

2) „החיים והמות ביד הלשון״ („האכאים וועהאמאָוועס בּעיאד האלאָשוין״) — „לעבן און טויט זײַנען געוועגדט אָן דער צונג״. ד. ה., אז מיט ריידן, וואָס מע דארף, קען מען געהאָלפן ווערן, און מיט ריידן, וואָס מע דארף ניט, קען מען

ארײַנפאַלן, אפילע אומקומען. פון דעמדראָזיקן געדאַנק, אסאָציִירט מיטן „הײליקן קלאל", אז גאָט שענקט אי לעבן, אי טויט, און מיטן אויסדרוק „אָפּנעמען דאָס לאָשן" קומט שוין טעוויע צום טײַטש: „אז גאָט וויל שטראָפן א מענטשן, נעמט דאָס אָפּ בא אים דעם סייכל".

3) שין (ש) — 300, ריש (ר) — 200, קן — 150 (ק — 100, נ — 50. צוזאמען לײענט זיך „קאַן"), ת"ק — 500 (ת — 400, ק — 100, צוזאמען לײענט זיך „טאַק").

4) „מה נשתנה" („מאַ נישטאַנע") — „מיט וואָס אונטערשײדט זיך ?"

אזוי הײבן זיך אָן די „פיר קאַשעס", וואָס א קינד פלעגט דאַרפן פרעגן צו די סדאָרים. „מיט וואָס אונטערשײדט זיך הײַנטיקע נאַכט פון אַלע אַנדערע נעכט" — ווי קומט עס, הײסט עס, וואָס מע עסט מאַצעס, מאָרער א. אז. וו.? ווערט אָף די קאַשעס געגעבן אַן ענטפער, וואָס הײבט זיך אָן מיט די ווערטער: „עבדים היינו" („אוואָדים האָיִנו") — „מיר זײַנען געווען קנעכט". איז לויט דער אַסאָציִאַציע מיט יענע קאַשעס און מיט יענעם ענטפער פאַרטײַטשט טעוויע: „מאַ נישטאַנע"—„ווי קום איך, טעוויע, צו מענאַכעם-מענדלען", „אוואָדים האָיִנו"—„ס'איז אזוי באַשערט".

5) „יהללך זר" („יעהאַלעלכאַ זאָר")—„זאָל דיך אַן אַנדערער לויבן". פאַרטײַטשט טעוויע: „גוטע סכוירע לויבט זיך אַלײן".

6) „עד לפ"ק" („אַד לעפּאַק") ביזן מינדסטן ; אינגאַנצן.

7) „אדם יסודו מעפר" („אָדאָם יעסוידוי מעאָפאָר") „דער מענטש נעמט זיך פון ערד". בא טעוויען: „מע איז דאָך נישט מער ווי א מענטש".

8) האַלבע פּרִיאַלן. אזעלכע גאָלדענע מאַטבייעס אין צאַרישן רוסלאַנד. אימפּעריִאַלן — 15 רובל, האַלבע אימפּעריִאַלן — 7 ר. 50 ק. אין פאָלק פלעגט מען זיי רופן „פּריִאַלן" „האַלבע פּריִאַלן".

9) „הכל הבל" („האַקויל העוועל")—„אַלץ איז נישט" („פּוסטע מײַסעס"). א פּאָסעק פון סייפער „קויהעלעס", אז אַלץ אין דער וועלט איז נישט, פאַרדינט ניט, מע זאָל דערפון מאַכן א וועזן, קומט אויס בא טעוויען: „געלט איז קײַלעכיק".

10) „משל כחרס הנשבר" („מאָשאָל קעכערעס האַנישבאָר") — „געגליכן צו א שטיקל בראָכוואַרג". ס'איז געזאָגט געוואָרן וועגן דעם מענטשן. פאַרטײַטשט שוין טעוויע איבערהויפּט: „די גאַנצע וועלט איז א כאָלעם".

11) א בורח („בורײאַך")—אַן אַנטלאָפענער (פון איין שורעש מיט: „מאַכן א וואַיִוורײאַך").

באַם צאַריזם האָבן ייִדן ניט געהאַט קײן ווײנרעכט אין קיִעוו (בא שאָלעם-אַלײכעמען — יעהופּעץ), אויסער רײַכע סאָכרים און פאַבריקאַנטן און אויך אײניקע קאַטעגאָריעס באַלמעלאָכעס. די איבעריקע פלעגן דאָך ווױנען אומלעגאַל, מיט פאַר-שײדענע קונצן און האַמצאָעס. דערפאַר האָט זיך מענאַכעם-מענדל דערשראָקן, און טעוויע האָט געמײנט, אז ער איז פון עפּעס אַנטלאָפן און באַהאַלט זיך אויס.

12) „כל דיכפין ייתי ויברך" („קאָל דיכפין יעיסיי וועיִבאַרעך")— אין דער האַגאָדע, וואָס מע זאָגט פּײסעך, שטײט געשריבן: „קאָל דיכפין יעיסיי וועיעיכויל", ד. ה. „ווער עס וויל, זאָל קומען און עסן". אין פאָלק האָט מען דאָס לעצטע וואָרט איבערגעמאַכט איראָניש: ניט „וועיעיכויל"—„זאָל עסן", נאָר „וועיִבאַרעך"—

„און זאָל דארפן״. און טעוויע טײַטשט שוין עס גלאַט אויס מיט א פאָלקס-ווערטל : „פארן עסן גייט ניט קיין טאנץ״.

13) „ראשע״ (רש״י)—ראָשעטייוועס: רעב שלוימע ייִצכאָקי. געווען אזא אויסטײַטשער פון טאנאך און געמאָרע, וואָס זײַנע אויסטײַטשונגען פלעגט מען לערנען אין די כאדאָרים און יעשיוועס, — דאָס האָט געהייסן לערנען „ראשע״. יעדן פּאָסעק פון כומעש פלעגט מען זאָגן, ווי עס שטייט געשריבן, און באלד קוקן, וואָס „מאכט ראשע״. זאָגט טעוויע : „ויאכלו״ („וואיויכלו״), ד. ה. און זיי האָבן געגעסן, און גיט צו : „מאכט ראשע — ווי גאָט האָט געבאָטן״.

14) „האָס״ „בעס״, „פּאָטיווילעוו״, „מאלצעוו״.

אין די קאפיטאליסטישע לענדער (און אזוי איז עס געווען אויך אינעם צארישן רוסלאנד) ספּעקולירט מען אפן שטײַגן און פאלן פון די פּרײַזן פון ווערט-פּאפּירן און אקציעס פון פארשיידענע אונטערנעמונגען א. אז. וו. „האָס״ הייסט, ווען די פּרײַזן שטײַגן, „בעס״ — ווען זיי פאלן. אמאָל, ביז דער אָקטיאבער-רע-וואָליוציע, ווען די גרויסע זאוואָדן, ווי דער פּוטילאָווער, מאלצעווער האָבן געהערט צו פּריוואט-קאפּיטאליסטישע קאָמפּאניעס (אָדער אפילע צו דער מעלוכע), האָט מען ספּעקולירט אף זייערע אקציעס. טעוויע זאָגט אנשטאָט „פּוטילאָווער״ פּאָטיווילעווער, אנשטאָט „מאלצעוו — שמאלצעוו״.

15) „קרוב לשכר ורחוק מקעשנע״ (קאָרויוו ליסכאר ווראָכויק מיקעשענע)— „נאָענט צו פארדינסט און ווײַט פון קעשענע״.

16) „בגפו יבוא בגפו יצא״ („בעגאפּוי יאָוווי, בעגאפּוי יעיצײ״). — „איז ער געקומען איינער אליין, זאָל ער איינער אליין אוועקגיין״. טעוויעס טײַטש : „אז מע לייגט ארײַן קרענק, נעמט מען ארויס קאדאָכעס״. דערדאָזיקער טײַטש איז געמאכט געוואָרן לויט אזא אידייען-פארבינדונג : אין דער טוירע ווערט געזאָגט, אז אויב איינער איז געוואָרן א קנעכט, נאָך ניט האָבנדיק קיין פאמיליע, און באם באלעבאָס איז ער געוואָרן א פאמיליען-מענטש, איז ווען ער ווערט פון קנעכט-שאפט באפרײַט, באציט דאָס זיך ניט צו זײַן פאמיליע. „איינער אליין איז ער געקומען, איינער אליין זאָל ער אוועקגיין״, אָדער, ווי טעוויע טײַטשט אויס, „ארײַנגעלייגט קרענק און ארויסגענומען קאדאָכעס״.

17) „לא יעלה ולא יבוא״ (לוי יאלע וועלוי יאָווױ) — „ס׳זאָל דערצו ניט אָנקומען״. דאָס האָט טעוויע איבערגעמאכט פון א טפילע, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער : „יאלע וועיאָווי״ ס׳זאָל אופגיין און אָנקומען (דאָס געבעט צו גאָט).

18) „יצאה נשמתו בגלעזל״ (יאָצאָ נישמאָסוי ביגלעזל)—„די נעשאָמע איז אים אויסגעגאנגען באם גלעזל״. ס׳איז געכויזעקט פונעם באוווסטן אויסדרוק וועגן צאדיקים, וואָס שטארבן פון גאָטס א קוש, און דער איז געשטאָרבן פון א גלעזל בראָנפן.

19) „לאו עכברא גנבא״ („לאוו אכבראָ גאנוואָ״) — „ניט דאָס מײַזל איז א גאנעוו״. ס׳איז דער אָנהייב פון א טאלמודיש ווערטל, אז ניט דאָס מײַזל גאנוועט, נאָר דעם מײַזלס נאָרע. טעוויע נעמט די ערשטע העלפט פונעם ווערטל און פאר-טײַטשט עס וויציק : „ניט דאָס וועקסל צאָלט — דער מענטש צאָלט״.

20) „רוח והצלה יעמוד ליהודים" („רעוואך וועהאצאָלאָ יאמויד לאיהודים") — „באפרײַונג און רעטונג וועט אָנקומען פאר ייִדן". „רעוואך" איז דער טײַטש אי „באפרײַונג", אי „פארדינסט". שפילט טעוויע מיט ווערטער: „רעוואך יאק רעוואך — נאָר זאָל „רעוואך און האצאָלע" (לויט זײַן טײַטש „דעם קערן כאָטש") יאמויד לאיהודים".

21) „אל תפתח פה" („אל טיפטאך פע") — „ס'זאָל ניט אויסגערעדט ווערן".

22) „ויסעו מסכות" („וואיִסו מיסוקויס") — „זיי זײַנען אוועק פון דער שטאָט סוקעס"

23) אין אומר ואין דברים („איין אוימער ווע״ין דוואָרים") — „ניטאָ קיין רייד, ניטאָ קיין ווערטער".

24) „יאקנעהאָז" („יקנהז") ראָשעטײיוועס: יין (יאיִן) — וויין, קידעש, נר (נייר) — ליכט, האוודאָלע, זמאן. האנדלען מיט יאקנעהאָז האָט געהייסן האנדלען מיט אלע שאָלעמויזן, וואָס מע דארף אף שאבעס און יאָנטעוו: מיט ווײַן אף קידעש, מיט ליכט אף ליכט בענטשן, מיט האוודאָלעס און אז. וו.

25) פרחה נשמתי (פאָרכאָ נישמאָסי) — די נעשאָמע איז מיר ארויסגעפלויגן.

26) „כאשר אבדתי אבדתי" („קאאשער אָוואדטי אָוואָדטי") — „איך בין שוין סײַ ווי פארפאלן".

27) „לא דובים ולא יער" („לוי דובים וועלוי יאאר") — „ניט קיין בערן, ניט קיין וואלד", ד. ה. אן אויסגעטראכטע מײַסע.

28) „ברכוש גדול" („בירכוש גאָדויל") — „מיט גרויס פארמעגן". אין כומעש ווערט דערציילט, אז די ייִדן זײַנען ארויס פון מיצראיִם „ברכוש גאָדויל" מיט „גרויס פארמעגן". אָט מיט דער „ראכוועס" וואָלט מען, לויט טעויען, געדארפט ארײַנצימבלען מענאכעם־מענדלען...

29 „מעכצעסכארניק" („מחצה-שכר'ניק") — „א שוטעף האלב אף האלב".

30) „לחים ולא למות" („לאכאיִם וועלוי לאמאָוועס") — צום לעבן און ניט צום טויט", ד. ה. צו גוטן.

31) „צעקה הנערה" (צאָאקאָ האנאאראָ") — „דאָס מיידל האָט געשריגן". עס דערציילט זיך אין כומעש וועגן יאקאָווס טאָכטער דינע, וואָס מע האָט זי אין שטאָט שכעם פארגוואלטיקט, זי האָט געשריגן און ס'האָט ניט געהאָלפן. פאר־טײַטשט טעוויע: „צאָאקאָ האנאאראָ", „שרײַ צעזעצטערהייט".

32) „ה' נתן וה' לקח" („האשעם נאָסאן וועהאשעם לאָקאך") — „גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט צוגענומען".

33) „לי הכסף ולי הזהב" („לי האקעסעף וועלי האזאָהאָוו") — „מײַנס איז דאָס זילבער און מײַנס איז דאָס גאָלד".

אזוי זאָגט גאָט, — טײַטשט אויס טעוויע: „געלט איז בלאָטע".

הײַנטיקע קינדער.

1) „בנים גדלתי ורוממתי" („באָנים גידאלטי וועראָוימאמטי") — „קינדער האָב איך אויסגעהאָדעוועט און זיי דערהויבן".

2) „אל רחום וחנון" („איל ראכום וועכאנון") — „ראכמאָנעסדיקער און לײַטזעליקער גאָט".

3) „לא מעוקצן ולא מרבשך" („לוי מעוקצאָך וועלוי מעדוושאָך") — „מ׳מע דארף ניט דײַן ביס און מע דארף ניט דײַן האָניק".

אזוי ווערט גערעדט וועגן א בין. טעוויע טײַטשט עס אויס אף זײַן שטייגער.

4) „אסקאקורדאָ דעמאסקאנטאָ דעקארנוסאָ דעפארסמאכטאָ". ניט געפלויגענע ניט געשטויגענע ווערטער אָן א זינען, וואָס טעוויע האָט גלאט אזוי אויסגעקלערט צוליב לייזער-וואָלפן. ס׳איז אזא גמאָרע גאָר ניטאָ, ס׳זײַנען גאָר ניט פאראן אזעלכע ווערטער אפילע, נאָר פאר טעוויען, וואָס אפילע די עקזיסטירנדיקע טעקסטן טײַטשט ער אויס אף אן אויפן פון פאָלקסטימלעכן הומאָר, איז גאנץ כאראקטע-ריסטיש דאָס אויסקלערן אויסטערלישע טעקסטן, וואָס עקזיסטירן גאָרניט אין דער נאטור.

5) „אדם קרוב לעצמו" („אָדאָם קאָרוויו לעאצמוי") — „א מענטש איז זיך אליין א קאָרעווו", א גוטער פרײַנט. טײַטשט עס אויס טעוויע: „אז מע איז גוט פאר יענעם, איז מען שלעכט פאר זיך"...

6) „אם אין קמח, אין תורה" („אים איין קעמאך, איין טוירעָ") — „ניטאָ קיין מעל (ברויט), ניטאָ קיין טוירע".

7) „רחל מבכה אל בניה" („ראָכל מעוואקאָ אל באָנעהאָ") — „ראָכל באוויינט אירע קינדער", בא טעוויען: א מאמע איז פּאָקרישקע.

8) „צהלה ושמחה" („באָהאָלאָ וועסאָמייכאָ") — „זי האָט געיובלט און זיך געפרייט" — בא טעוויען: „הוליע קאפּצן".

9) „ויאתיו", „וכל מאמינים שהוא", „הלל" — טפילעס אזעלכע.

10) „הלך לעולמו" („האָלאך לעוילאָמוי") — „אוועק אין זײַן וועלט ארײַן „אין זײַן רו"), ד. ה. געשטאָרבן. בא טעוויען: „פּאָר ווײַטער"...

11) „הכל הבל". ז. באמערקונג 9 צו „א בוידעם". דאָ גיט שוין טעוויע א נײַעם טײַטש.

12) „אב הרחמן" („אָוו האָראכמאָן") — „בארעמהארציקער פאָטער".

13) „אמן, כן יהי רצון" („אָמיין, קיין יעהי ראָצוין") — „אָמיין, אזוי זאָל זײַן זײַן (גאָטס) ווילן".

14) „אגיל וואָעסמאך" („אגיל ואשמח") — „איך וועל זיך פרייען און זיך מעסאמייעך זײַן". נאָר דאָס וואָרט „אָגיל" („כ׳וועל זיך פרייען") קלינגט ווי דאָס וואָרט „עגול" — „קײַלעכיק". האָט דאָס פאָלק שוין לאנג געמאכט א „טעוויעשן" טײַטש צום אויסדרוק „אָגיל וואָעסמאך" — „קײַלעכיק און שפּיצעכיק". מאָטל קאמזויל, אלס שנײַדער, גיט צו זײַנעם א טײַטש: „צוגעשניטן און אופגענייט".

15) „סלחתי כדבריך (סאָלאכטי קידוואָרעכאָ") — „איך בין דיר מויכל, ווי דו האָסט געזאָגט". בא טעוויען: „לאָז זײַן מיט גליק".

16) „והשתיה כדת" („וועהאשטיאָ קאדאָס") — „און געטרונקען האָט מען לויטן געזעץ", ד. ה. ווי ס׳באדארף צו זײַן. טעוויע האָט זיך זײַן טײַטש.

17) „ברוך שלא עשני אשה" (באָרוך שעלוי אָסאני אישאָ") — „געלויבט איז ער (גאָט), וואָס האָט מיך ניט באשאפן א פרוי". אזוי דאנקען אין זייערע טפילעס

יעדן טאָג די ייִדישע בורזשואזע פּרומאקעס. טעוויע פּארטײַטשט: „א ייִדענע בלײַבט אַ ייִדענע“:

18) והם פשעו בי („וועהיים פּאָשו בי“)—און זיי האָבן געזינדיקט קעגן מיר.

ה אָ ד ל.

1) „אדם יסודו מעפר וסופו לעפרי“ („אָדאָם יעסוידוי מעאָפאָר וועסויפוי לעאָפאָר“) — „דער מענטש איז פון ערד גענומען און זײַן סאָף איז צו ערד“.

2) „פתי יאמין“ (פּעסי יאמין) — „א גלויביקער נאר“ (בוכשטעבלעך „א נאר גלייבט“).

3) „בכל אשר אפנה“ (בעכאָל אשער עפנע)“—„וווהין איך וועל זיך ווענדן“.

4) „ושמחת בחגך“ („וועסאָמאכטאָ בעכאגעכאָ“) — „זאָלסט זיך פרייען אין דײַן יאָנטעוו“. טעוויעס טײַטש: „הוליע קאפּצן“.

5) „עזוב תעזוב“ („אָזויוו טאזויוו“) — „זאָלסט העלפן“. נאָר „אָזויוו“ האָט צוויי טײַטשן: „העלפן“ און „פאַרלאָזן“.

6) „כל החיה וכל הבהמה“ („קאָל האכאיאָ וועכאָל האבהיימאָ“) — „יעדער חיה און יעדער בעהיימע“.

7) „כולם אהובים, כולם ברורים“ („קולאָם אהווים, קולאָם ברורים“) — „אלע זײַנען זיי ליבע, אלע לויטערע“.

8) „בעדערעך האליכע“ — אין איין וועגס.

9) „חי“ (כײַ) — אכצן (י׳—10, ח׳—8).

10) „בכל לבבך ובכל נפשך“ („בעכאָל לעוואָווכאָ אווכאָל נאפשעכאָ“) — „מיט דײַן גאנצן הארצן און מיט דײַן גאנצער נעשאָמע“.

11) „מי באש ומי במים“ („מי באָייש אומי באמאיִם“)—„ווער מיט פײַער און ווער מיט וואסער“. דאָס ווערט געזאָגט מיקויעך דעם, אז גאָט באשטימט פאָרויס, ווער זאָל אומקומען דורך פײַער און ווער דורך וואסער. טעוויע טײַטשט עס אנדערש.

12) „על ה׳ ועל משיחו און אף נבתקה“ („אל האשעם וועאל משיחוי און אף נענאטקאָ“).

אין א קאפּיטל טילים שטייט געשריבן, אז די אנדערע פעלקער ריידן קעגן גאָט, קעגן מאָשיִעכן און זאָגן: „לאָמיר אראָפּווארפן („נענאטקאָ“) פון זיך זײַנע קייטן“. האָט מען אין פאָלק פאררייניקט אף א וויציקן אויפן די ווערטער: אף גאָט אף מאָשיִעכן און אף „נענאטקע“, דערבײַ איז „נענאטקע“ געוואָרן א מין קאָנספּיראטיווער אויסדרוק פארן קייסער...

13) „יגיע כפיך“ („יעגיע קאפּעכאָ“) — אייגענע האָרעוואניע.

14) „על כל דברי שירות ותשבחות“ (אל קאָל דיווריי שירות וועטישבאָכויס“) — „אף אלע ווערטער פון הימנען און לויבגעזאנגען“.

15) „ויהי ערב ויהי בקר“, („ווײַהי ערעוו ווײַהי בויקער“) — „ס׳איז אוועק דער אָוונט — ס׳איז געקומען דער פרימאָרגן“.

16) „(אקודים, נעקודים אוורודים“) — „געשפרינקלטע, געפינטלטע און געפאסעוועטע“. אזוי ווערן איבערגערעכנט סאָרטן שאָף אין כומעש. טעוויע טײַטשט עס אויס אף סאָרטן מענטשן אין זײַן מישפּאָכע.

17) קאַפּהייער („כ״ה-ער״) — א פינפונצוואנציקער.

18) „באו מים עד נפש״ („באָו מאַים אד נעפעש״) — „דאָס וואסער איז דערגאנגען ביז דער נעשאָמע״. דער אויסדרוק ווערט אמאָל גענוצט אויך אין ייִדיש ווי א באצייכענונג פון דער סאמע ערגסטער לאגע.

19) „אהבתי״ („אַהאווטי״) — „איך האָב ליב״.

20) „באותו היום״ („בעויסוי האיוים״) — אין דעמזעלבן טאָג.

21) „אין אסתר מגדת״ („איין עסטער מאגעדעס״) — „עסטער זאָגט גאָר־ניט״. גענומען פון דער „מעגילאס עסטער״.

22) „כרחם אב על בנים״ („קעראכעם אָוו אל באָנים״) — „ווי א פאָטער האָט ראכמאָנעס אף זײַנע קינדער״.

23) „שורך״ („שוירכאָ״) — דײַן אָקס. חמורך („כאמוירכאָ״) — דײַן אײזל. טעוויע גיט זײַנע טײַטשן.

כ א ו ע.

1) „הודו לה׳ כי טוב״ („הוידו לאדוינאָי קי טויוו״) — „לויבט גאָט, ווײַל ער איז א גוטער״.

2) „צער גידול בנים״. („צאאר גידל באָנים״) — דער צאאר פון דערציִען קינדער. ווערט אמאָל באנוצט אויך אין ייִדיש.

3) „עד כאן הקפה א״ („אד קאן האקאָפאָ אלעף״) — דאָ ענדיקט זיך די ערשטע האקאָפע. אין יאָנטעוו סוקעס גייען די פרומע ייִדן מיט האקאָפעס, ד. ה. מיט די טוירעס אין די הענט גייען זיי ארום דעם באלעמער אין בעסמעדרעש. יעדער קרײַז ארום באלעמער רופט זיך האקאָפע. די האקאָפעס זײַנען „נומערירט״. טעוויע נומערירט זיי אף זײַן שטייגער.

4) „רצה הקדוש ברוך הוא לזכות״ („ראָצאָ האקאָדויש באָרוך הוא לעזאַקויס״) — „גאָט האָט געוואָלט מעזאקע זײַן״ („באגליקן״).

5) „יגיע כפיך כי תאכל״ („יעגיִא קאפעכאָ כי סויכייל״) — „אויב דו עסט פון דער האָרעוואניע פון דײַנע אייגענע הענט״. ענדיקן ענדיקט זיך דער פּאָסעק: „איז אז ווויל און גוט איז דיר״.

6) „מאין באת ולאן אתה הולך״ („מעאיִן באָסאָ אולעאָן אטאָ הוילייך״) — „פונוואנען קומסטו אָן און וווהין גייסטו אוועק״. דאָס זײַנען ווערטער פון א רע־ליגיעזן סייפער, וועלכער הייסט „פערעק״. דאָס ווערט געפּאָרערט פונעם מענטשן, ער זאָל געדענקען, אז ער קומט פון גאָרנישט ניט און וועט צו נישט ווערן. טײַטשט טעוויע אויס: „ווער ביסטו און ווער איז ער״...

7) „איש כמתנת ידו״ („איש קעמאטנאס יאָדוי״) — יעדערער לויט דעם, וויפל ער קאָן געבן.

8) „הנותן לשכוי בינה״ („האנויסיִן לאסעכווי ווינאָ״) — „דער, וואָס גיט ארײַן דעם האָן פארשטאנד״. ס׳איז פונעם דאווענען. מע מאכט יעדן טאָג אין די ספילעס א ריי בראָכעס. מע בענטשט גאָט פאר זײַנע „ניסים״: פאר דעם, וואָס

ער האָט די פּרוּוען געמאַכט פאַר פּרוּוען, פאַרוואָס ער האָט דעם האָן געגעבן פאַרשטאַנד צו קרייען, — און נאָך אַזעלכע „קלוגע״ בראָכעס...

9) „שבעה דברים בגולם״ („שיווע דוואָרים בעגוילאָם״) — א גוילעם האָט זיבן אייגנשאַפטן. באַ טעוויען קומט עס אויס: א ייִדענע נאַיִן מאָס רייד.

10) „„מה אָנו ומה חיינו״ („מאָ אָנו אומאָ כאיעינו״) — „וואָס זײַנען מיר און וואָס איז אונדזער לעבן״. אַן אויסדרוק פון ראַכמאָנעס און ביטל. אין אייניקע קאַנטן ווערט ער געברויכט טאַקע אין דעם זין אין ייִדיש, דערבײַ ווערט ער אויסגע-רעדט: „מאָנו מעכאַיעינו״.

11) קוימער—גאַלעך.

12) „אל תפתח פה לשטן״ („אַל טיפּטאַך פּע לעסאָטן״) — „מע דאַרף ניט עפענען דאָס מויל דעם סאָטן״. עס ווערט אויך געברויכט אין זין פון „ס'זאָל ניט אויסגערעדט ווערן אין א בייזער שאָ״.

13) „לא יחרץ כלב לשונו״ („לוי יעכראַץ קעלעוו לעשוינוי״) — „זאָל א הונט ניט שאַרפן זײַן צונג״, ד. ה. ניט בילן. אַגעוו, ווען מע פלעגט אין די צאַרישע צײַטן געבן דער פּאָליציי כאַבאַר, קעדיי זי זאָל ניט שטערן די ייִדן אין ווײַנרעכט א. א., האָט דאָס געלט געהייסן „לוי יעכראַץ-געלט״, ד. ה. געלט פאַר ניט בילן...

14) „על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון״ („אַל רישוין רישוין וועאַל אַכרוין אַכרוין״) „אַפן ערשטן צום ערשט און אַפן לעצטן צום לעצט״, ד. ה. נאָך דער ריי. „אַל רישן-רישן״ — ווערט אָפט באַנוצט אויך אין דער ייִדישער ליטע-ראַטור אין זין פון „לויט דער ריי״.

15) „לא אמות כי אחיה״ („לוי אָמוס קי עכיע״) — „איך וויל ניט שטאַרבן, נאָר לעבן״ טעוויעס טײַטש: „אַז ס'איז ניט באַשערט שטאַרבן, שטאַרבט מען ניט״...

16) „בעל כרחך אתה חי״ („באַל קאָרכאַך אַטאָ כײַ״) — „איבערגעוואַלט לעבסטו״. „באַל-קאָרכע״ איז אויך א ייִדיש וואָרט און באַדײַט: „קעגן אייגענעם ווילן״.

17) „אָדם כבהמה נדמה״ („אָדאָם קאַבהיימאָ נידמע״) — „דער מענטש איז געגליכן צו א בעהיימע״.

18) „עולם כמנהגו״ („אוילעם קעמינהאָגוי״) — „די וועלט פירט זיך לויט איר מינהג״ („לויט איר גאַנג״). אין דער קלאַסישער ליטעראַטור ווערט דער אויסדרוק געניצט אויך ווי א ייִדישער אויסדרוק אין זין פון „די וועלט גייט זיך מיט איר געוויינלעכן גאַנג״.

19) „אל תסתכל בקנקן״ („אַל טיסטאַקייל באַקאַנקאַן״) — „קוק זיך ניט אײַן אין קרוג״. ס'איז דער ערשטער טייל פונעם פאָלגנדיקן טאַלמודישן שפּריכוואָרט: „דו קוק זיך ניט אײַן אין קרוג, נאָר אין דעם, וואָס אין אים איז פאַראַן״, ד. ה. ניט די אויסערלעכקײַט איז דער איקער נאָר דער אינהאַלט. טעוויע נעמט דעם ערשטן טייל און, זיך ווענדנדיק מיט אים צו זײַן פערדל, טײַטשט ער אויס: „קוק ניט אַהין, וווּ מע דאַרף ניט״.

20) „אסור לרחם״ („אָסור לעראַכיים״) — „מע טאָר ניט ראַכמאָנעס האָבן״— ווערט געברויכט אויך אין ייִדיש.

21) „ער כאן אומרים בשבת הגדול" („אר קאן אוימרים בעשאבעס האגאָדל") — „ביז אהער זאָגט מען אין שאבעס האגאָדל". ס'איז פון די „רעמאר-קעס" אין סידער, וואָסערע טפילעס און ביזוואנען דארף מען זאָגן אין דעם אָדער יענעם טאָג אָדער יאָנטעוו. טעוויע נוצט עס אויס אף זײַן שטייגער.

21) „וישכחהו" („ואיִשקאָכייהו") — און ער האָט אים פארגעסן.

טעוויע פאָרט קיין ערעץ־ייִסראָעל.

1) „טורא בטורא" — „א בארג מיט א בארג".

2) „אם כבנים אם כעבדים" („אים קאבאָנים, אים קאאוואָדים") — „צי ווי קינדער, צי ווי קנעכט". פון א טפילע, ווו ס'ווערט כאראקטעריזירט די באציִונגען צווישן דעם ריבוינעשעלוילעם און זײַנע גלויביקע ייִדן—אומאָפהענגיק, צי זײַנען זיי קינדער אָדער קנעכט. קומט באם טעוויען אויס: „ווי מיט קינדער, אזוי איז אָן קינדער"...

3) „שלשה דברים" („שלוישאָ דוואָרים") — „דרײַ זאכן".

4) „אשת חיל („איישעס כאיִל") — ס'איז א קאפיטל, וואָס מע זאָגט פרײַטיק צו נאכט.

5) „ויבוא המן" („וואיאָווי האָמאָן") — „איז האָמאָן ארײַנגעקומען". מע באנוצט דאָס אויך אין ייִדיש אין באצוג צו א ניט-געוווּנטשענעם גאסט.

6) „לנכרי תשיך" („לאנאָכרי סאשיך") — בא א פרעמדגערבירטיקן מעג מען נעמען פראָצענט — א פאָסעק פון כומעש, ווו ס'ווערן רעגולירט די קלאָלים פון „פאָטערלענדישן מיסכער" איז אנשטאָט „נעמען" טײַטשט דאָ אויס טעוויע אין דעם זין, אז פאָליציי מוז מען געבן... לוי יעכרעץ-געלט...

7) „וילך חרנה" („וואיעילעך כאָראָנאָ") — „איז ער אוועק קיין כאָראָן".

8) „להושיבי עם נדבים" („לעהוישיווי אים נעדיווים") — „אוועקצוזעצן מיט איידעלע לײַט".

9) „רוב גדלו ורוב עשרו" („רויוו גאָדלוו ועררויוו אָשרוי") — „זײַן גאנצע גרויסקײַט און זײַן גאנצע רײַכקײַט".

10) („כעני בפתח") („קעאָני באפעסאך") — „ווי א בעטלער בא דער טיר".

11) „כחרב פיפיות" („קעכערעוו פיפיוס") — „ווי א שווערד מיט צוויי שארפן". בא טעוויען: „ווי א טעמפער מעסער".

12) „מה יום מיומים" („מא יוים מיִיומאיִם") — „וואָס איז עפּעס הײַנט אנ-דערש ווי אין אנדערע טעג" — ווערט אויך אמאָל באנוצט אין ייִדיש אין זין: „וואָס עפּעס גראָד הײַנט" און אין ענלעכן זין.

13) „מקימי מעפר דל ומאשפות ירים אביון" („מעקימי מעאָפאָר דאָל אומע-אשפויס יאָרים עוויון"). א פאָסעק פון טילים אָדער פון דער טפילע „האלעל". דער טײַטש: „ער (גאָט) שטעלט אוף דעם אָרעמאן פון שטויב און דערהויבט דעם עוויען פון זײַן מיסט". טעוויע גיט אן אייגענעם פּיירעש.

14) „שלשה שאכלו" („שלוישאָ שעאָכלו") — „ווען דרײַען עסן", בא טעוויען קומט אויס: ער עסט פאר דרײַ.

15) „יורע צדיק נפש בהמתו״ („יוידייא צאדיק נעפעש בעהעמטוי״) — דער צאדיק ווייס די נעשאָמע פון זײַן בעהיימע (פי).

16) „מרבה נכסים מרבה דאגה״ („מארבע נעכאָסים, מארבע דײַגאָ״) — „וואָס מער מע האָט פארמעגן, דאָס מער זאָרגן האָט מען״.

17) ז. באמערקונג 10 צו „הײַנטיקע קינדער״. דאָ גיט שוין טעוויע אן אנדער טײַטש.

18) „מזנבתא דחזירתא לא מאכאנתא שטריימילתא״ („מיזנאוווטאָ דעכאזירטאָ לוי מאכאנטאָ שטרײַמילטאָ״). ס׳איז גאָר קיין ציטאטע ניט, ס׳איז דאָס יידישע ווערטל: „פון א כאזערשן וויידל קען מען קיין שטרײַמל ניט מאכן״. טעוויע „סטיליזירט״ עס ווי א מין ציטאטע פון א הייליקן סייפער...

19) „ארץ זבת חלב ודבש״ („ערעץ זאָוואס כאָלאָוו אודוואָש״) — „א לאנד פון האָניק און מילך״.

20) „תדבק לשוני״ („טידבאק לעשויני״) — ס׳זאָל צוגעקלעפּט ווערן מײַן צונג („צו מײַן גומען״ — ווערט ווײַטער געזאָגט אין דעם פּאָסעק וואָס איז גענו-מען פון טילים).

21) „כל חמתי״ („קאָל כאמאָסי״) — מײַן גאנצן צאָרן.

22) „ויסעו ויחנו״ („וואיִסו וואיאכנו״) — „פלעגן זיי ציִען (פאָרן) און פלעגן זיך אָפּשטעלן רוען״.

23) „אם אין אני לי, מי לי״ („אים איין אני לי, מי לי״) — „אויב איך אליין וועל ניט זײַן פאר זיך, איז ווער וועט זײַן פאר מיר?״

24) „ידע שור קונהו״ („יאָדרא שויר קונייהו״) — „דער אָקס קען דעם, וואָס קויפט אים״.

לך־לך.

1) „לך-לך״ („לעך-לעכאָ״) — „גיי זיך״. „לעכלעכאָ״ — אזוי הייסט א סעד-רע אין כומעש. דידאָזיקע סעדרע הייבט זיך אָן מיט אזא פּאָסעק: „האָט גאָט געזאָגט צו אווראָמען: גיי זיך אוועק פון דײַן לאנד און פון דײַן געבורט-היים און פון דײַן פּאָטערס הויז אין דעם לאנד, וואָס איך וועל דיר ווײַזן״. צוליב אזא נאָמען פון דער סעדרע און אזא אָנהייב, זײַנען די ווערטער: „סעדרע לעכלעכאָ״ געוואָרן א סינאָנים פאר גיירושים און וואנדערונגען.

2) „עליכם ועל בניכם״ („אלייכעם וועאל בנייכעם״) — „אף אײַך און אף אײַערע קינדער״.

3) „איכה״—(„איעקאָ״) ווו ביסטו?

4) „שבע ועשרים ומאה מדינה״ („שעווא וועעסרים אומייאָ מעדינאָ״) — „הונדערט זיבן און צוואנציק מעדינעס״.

5) „הרי אני כבן שבעים״ („האריי אני קעווען שיווים״) — „אָט בין איך שוין אלט בא זיבעציק״.

6) „אל תשליכנו לעת זקנה״ („אל טאשליכיינו לעיס זיקנאָ״) — „ווארף אונדז ניט אוועק אף דער עלטער״.

7) „חוץ לארץ״ („כוץ לאָארעץ״) — „אויסלאנד״ (לעגאבע ערעץ-ייִסראָעל).

8) „כאשר אבדתי אבדתי". ז. באמערקונג 26 צו „א בוידעם".

9) „עד לפק". ז. באמערקונג 6 צו „א בוידעם".

10) „מקימי מעפר דל" („מעקימי מעאָפאָר ראל") — „ער (גאָט) שטעלט אויף דעם אָרעמאַן פון שטויב". „המשפילי לראות בשמים ובארץ" („המשפילי לירויס באשאָמאַים אווואָרעץ") — „וועלכער לאָזט זיך אראָפּ צו זען אלץ אפן הימל און אף דער ערד". צוויי פסוקים פון טילים אָדער פון דער טפילע „האלעל". טעוויע טײַטשט זיי אויס גאנץ „פרײַ".

11) „סעדרע באָלאָק". זייער א שווע׳ע סעדרע. ייִנגלעך פלעגן פאר איר כאפּן קלעפּ אין כיידער.

12) „צרת רבים חצי נחמה" („צאָראָס ראבים כאָצי נעכאָמע"). „אז די צאָרע איז אן אלגעמיינע, איז דאָס א האלבע טרייסט".

13) אין די פריִערדיקע יאָרן.

14) א האלבער גוף;

15) „לא יזכר ולא יפקד" („לוי ייִזאָכייר וועלוי ייִפּאָקייד") — ניט דערמאָנט זאָל ווערן.

16) „עד כאן אומרים בשבת הגדול". ז. באמערקונג 21 צו „כאוועי".

17) „אין איין אָטעם ווי די אסערעס בניי האָמאָן" (צען זין האָמאָנס) אין דער „מעגילע".

פורים לייענט מען די מעגילע — א מײַסע וועגן האָמאָנען און מאָרדכען. ווען עס קומט צו די נעמען פון האָמאָנס צען זין, לייענט מען זיי שנעל איבער אין איין אָטעם, אָן יעדער פּאוזע.

18) „אל ארך אפים" („אייל ערעך אפּאיִם") — „גאָט דער גרויסמוטיקער געדולדיקער".

19) „סלחתי כדבריך". ז. באמערקונג 15 צו „הײַנטיקע קינדער". דאָ אן אנ-דער טײַטש.

20) „בנים ובני בנים" („באָנים אוּווניי וואָנים") — קינדער און קינדס-קינדער.

אינהאלט

	זייט
א בוירעם	5
היימישע קינדער	24
האָדל	47
כאווע	68
טעוויע פאָרט קיין ערעץ־יִשׂראָעל	86
לך־לך	112

Jim STERN